STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06448

UMGLEYBLEKH UN DOKH--

Yosef Goldkorn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף גאָלדקאָרן

אומגלייבלעך און דאָך...

רעפּאָרטאַזשן

ה. לייוויק־פאַרלאַג
ביים פאַראיין פון יידישע שרייבער
און זשורנאַליסטן אין ישראל

תל־אביב * 1981

הילע — מיכאל גערשגאַל
פּאָרטרעט פון מחבר — זדזשיסלאַוו לאַכור

Josef Goldkorn
UMGLEIBLECH UN DOCH...
(Reportages)

H. Leivik Publishing House
30, Dov Hoz Str., Tel-Aviv, 63416, Israel
ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, רח׳ דב הוז 30

©
כל הזכויות שמורות למחבר
נדפס בישראל, תשמ״א
Printed in Israel, 1981

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

יוסף גאָלדקאָרן

אומגלייבלעך און דאָך...

דאָס בוך איז פּרעמירט מיט מסדה־פּרייז
אין ניו־יאָרק, אין אַפּריל 1983

צווייטע אויפלאַגע
תשמ״ד — 1984

דערשיינט מיט דער הילף פון מיין חבר און בן־עיר
אַלתר לעדערמאַן — תל־אביב

געווידמעט דעם אָנדענק פון
מײַן מאַמע **יאַכעט**
מײַן שוויגער **טובה**
מײַנע שוועסטער **חיהלע, טובה** און **רייזל**
מײַנע ברידער **שלמה** און **יונה**
מײַן שוועגערין **נאַכעלע** און שוואָגער **ישראל**
און זייערע **זיבן קינדער** אומגעבראַכטע דורך
די נאַציס אין די קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו.

Drogiemu Józkowi

zp. Zdzisław [illegible] I 61

אינהאַלט

אומגלייבלעך און דאָך...	11
צוואַנציק יאָר שפּעטער	43
אַזיל	51
דער לעגענדאַרער מאיר	60
פון געטאָ אין זאַוויערטשע ביז עתלית	92
מיטן קינד אויף די הענט	105
אליהו הנביא אין אַן אונגאַרישן מונדיר	117
דער כּוח פון פּחד	127
אין שטענדיקן גערא͏ַנגל	135
דאָס קינד פון צוויי מאַמעס	142
אַ חלום	148
ווען די שיל האָט געברענט	157
יאַהאַן בריש איז נישט צוריקגעקומען	164
פון אונטער דער תליה	176
דער גויִשער מוהל פון וואַרשעווער געטאָ	192
די פרוי וואָס האָט פאַר זיך אַ קבר געגראָבן	202
אין פאַרמעסט מיטן טויט	210
אין די טעג פון שווערע נסיונות	235

מײַן רעטערין, ביסט אויסגערעגנט אין ירושלים.
אַ רעגן־בויגן האָט פֿאַר דײַן נשמה זיך אָנגעצונדן.
אברהם סוצקעווער

אומגלייבלעך און דאָך...

אַ היפּשע צײַט האָט שמואל זיך אַרומגעדרייט איבער די געסלעך אין דרום־טייל פֿון קאַטאָוויץ און נישט געהאַט דעם מוט ווידער זיך צו דער־נענטערן צום אָנגעוויזענעם אַדרעס. נאָך דעם ווי ער האָט לעבן טויער באַמערקט דעם שילד פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, „באַצירק קאַטאָוויץ". דאָ, אין דעם הויז האָט ער געדאַרפֿט קויפֿן „בימבער".* דאָס איז געווען אַן אַרטיקל פֿאַר וועלכן מען האָט געקאָנט באַקומען נישט נאָר שפּײַז פֿאַר די מענטשן אין בונקער, נאָר אויך געקאָנט דערליידיקן פֿאַר־שיידענע ענינים, פֿאַרבונדענע מיט זייער טעטיקייט. ווען נישט דער פֿאַקט וואָס דעם אַדרעס האָט אים געגעבן מיטעק, צו וועלכן שמואל האָט געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי, וואָלט ער געטראַכט, אַז דאָס איז אַ פּאַסטקע. ס'האָט אים אָבער פֿאַרדראָסן, הלמאַי ער האָט גאָר דערלאָזט צו זיך אַזאַ געדאַנק. דערצו האָט מיטעק דאָך קיין אָנונג נישט געהאַט, אַז ער, שמואל, האָט אַ מאָל געוווינט אין דער דאָזיקער געגנט.

יאָ. בלויז עטלעכע הונדערט מעטער פֿון דאַנען, אויף דער קאָשטשיושקאָ־גאַס איז געווען די היים, וואָס ער האָט פֿאַרלאָזט צוזאַמען מיט זײַן משפּחה אין יענעם גורלדיקן פֿרײַטיק פֿון סעפּטעמבער 1939. דאָ, איבער די זעלבע געסלעך ווו ער בלאָנקעט איצט, איז ער במשך פֿון יאָרן יעדן טאָג געגאַנגען אין שול. אַ סך פֿון די אײַנוווינער האָבן פֿאַר דער צײַט זיך געביטן, אָבער די מערהייט איז געבליבן אויף זייער אָרט. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עמעצער זאָל אים דאָ דערקענען און דווקא אַזאַ איינער, וואָס וועט אים פֿאַרקויפֿן צו דער געסטאַפּאָ פֿאַר אַ פֿלעשל וואָדקע, אָדער אַ קילאָ צוקער.

* בימבער — אַזוי האָט מען גערופֿן אין פּוילן בעת דער אָקופּאַציע היימיש געקאָכטן בראָנפֿן.

זי צאָלט דאָך, די געסטאַפּאָ, אַזאַ פּרײַז פאַר אַ געכאַפּטן ייִדן... אויך קאָן אים עמעצער אַרויסגעבן, כּדי צו ווײַזן געטרײַשאַפט צו דער דײַטשישער „הײַמאַט"...

שמואלס מחשבות האָט איבערגעריסן אַ פרוי, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט און דיסקרעט אַ זאָג געטאָן:

— יונגערמאַן, זוכסט עפּעס? ווילסט אפשר אַ ביסל זיך פאַרווײַלן? ס'וועט נישט קאָסטן טײַער, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אַנטפּלעקט אַ לאָך פון די פעלנדיקע ציין אין איר מויל.

„נאָר דאָס האָט מיר געפעלט" — האָט געטראַכט שמואל. ער האָט שטענדיק אַ ווידערווילן, ממש אַ געפיל פון עקל צו פרויען פון אָט דעם מין, כאָטש ער האָט זיי באַטראַכט פאַר קרבנות פון דער הערשנדיקער אָרדענונג. דאָס איז געווען די השפעה פון זײַן דערציִונג אין „השומר הצעיר". די דאָזיקע פרוי האָט אָבער נישט אויסגעזען ווולגאַר, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פּראָסטיטוטקעס. אויסער אַ ביסל שמינקע אויף די ליפּן איז זי נישט געווען געמאָלן, ווי דאָס זענען געוויינטלעך פרויען פון דער דאָזיקער פּראָפעסיע. פאַרקערט, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו איר, האָט זיך בײַ אים דערוועקט דער אײַנדרוק, אַז איר פּנים, אירע אויגן שטראַלן אַרויס גוטמוטיקייט. אויך איר אָנטאָן איז נישט געווען אַרויסרופעריש. זי האָט געטראָגן טראַדיציאָנעלע מלבושים פון די פּשוטע פאָלקספרויען פון איבערשלעזיע: אַ טונקעלע ספּודניצע מיט אַ שטאַרק אָפּגעניצטן זשאַקעט. לויטן עלטער האָט זי גיכער געפּאַסט צו זײַן זײַן מאַמע איידער אַ מיידל פאַר אינטימע באַציִונגען. שמואל האָט נישט געוווּסט, צי בכּיוון אָדער אויס געוווינטשאַפט האָט זי אין איר דײַטש רעדן אַרײַנגעוואָרפן פּוילישע ווערטער אין ספּעציפיש־שלעזישן דיאַלעקט.

אין דעם מאָמענט האָט בײַ שמואלן אויפגעבליצט אַ געדאַנק: אפשר מסכּים זײַן? ס'פאַלט שוין צו די נאַכט, ער האָט אַ סך צײַט פאַרלוירן און וועט נישט באַווײַזן פאַר דער פּאָליציי־שעה צוריק צו פאָרן קיין מיכאַלקאָוויצע, צו זייער בונקער... דאָס קאָן זײַן אַ גוטע געלעגנהייט איבערצונעכטיקן און אין דער פרי וועט ער קאָנען מיט אַ ניכטערן קאָפּ טראַכטן, וואָס ווײַטער צו טאָן.

ביידע זענען זיי אָפּגעגאַנגען עטלעכע צענדליק מעטער און שמואל איז דערשטוינט געוואָרן, בעת ער האָט דערזען, אַז זי פירט אין זעלבן הויז וווּ ער האָט געזאָלט איינקויפן דעם „בימבער". ס'האָט אים אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן, ווען ביים אַרייַנגאַנג האָט ער ווידער באַמערקט דעם שילד פון ביוראָ פון דער נאַצי־פּאַרטיי.

באַרויִקט האָט ער זיך ערשט ווען ער האָט שוין אינעם אַרייַנגאַנג פון הויז דערזען אַן אויפשריפט מיט אַ ווייַזער, אַז די ביוראָ פון דער נאַצי־פּאַרטיי געפינט זיך אין הויף און די, וואָס האָט אים געפירט, איז אַוועק טרעפּ־אַראָפּ אין אַ קעלערשטוב פון פּראַגנט־בניק.

און דאָס, דערציילט ווייַטער שמואל ראָזענצווייַג, איצט שמואל רון, אַ תּושב פון ירושלים:

— אַרייַנקומענדיק אין שטוב בין איך ערשט געשטאַנען פאַר דעם גרויסן נסיון. טערעסע, אַזוי האָט מען גערופן די פרוי, האָט זיך גענומען גרייטן מיך אויפצונעמען ווי אַ „קליִענט". דערבייַ האָב איך באַמערקט, אַז אין שטוב געפינט זיך אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן־זעכצן און אפשר נאָך יינגער, פאַר וועלכער זי האָט זיך כלל נישט קרעמפּירט. איך האָב באַשלאָסן גלייַך אַרויסצופירן מייַן גאַסט־געבערין פון טעות און געזאָגט:

— איר ווייסט, איך האָב געהאַט אייַער אַדרעס. כ'האָב געדאַרפט קומען דאָ צו אַלאָיִז זאַווישאָווסקי. כ'וויל קויפן בייַ אים „בימבער".

— אַזוי גאָר, — האָט זי געזאָגט אין אַ טאָן, אין וועלכן ס'איז געווען קענטיק אַ געוויסע אַנטוישונג. — אַלאָיִז איז איצט נישטאָ. קאָן זייַן, ער וועט זייַן מאָרגן.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אַרייַנגעפאַלן בין איך אין אַ פריילעך הייַזל. דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און כ'האָב געפרעגט:

— אויב אַזוי, אפשר קאָן איך דאָ בלייַבן נעכטיקן?

— איך האָב נאָך קיינעם נישט פאַרטריבן פון מייַן שטוב, — האָט זי געענטפערט, ווי זי זאָל גאָר זייַן צופרידן מיט מייַן בקשה.

זי האָט גענומען גרייטן אַוונטברויט. פּלוצעם האָט זי זיך געוואָנדן צו מיר אויף פּויליש אין שלעזישן דיאַלעקט, וואָס האָט באַטייַט, אַז זי באַטראַכט מיך פאַר אַן אייגענעם מענטש:

— קום, איך וועל דיר עפּעס ווײַזן.

מיר זענען אַרויס אין קאָרידאָר. זי האָט געעפֿנט אַ זײַטיקע טיר אין אַ נישט גרויסער קאַמער. דאָ זענען אויף פּאָליצעס געשטאַנען פֿלעשער — עטלעכע ליידיקע און די איבעריקע אָנגעפּילט טאַקע מיט „בימבער״. עס איז דאָרטן אויך געווען אַן אויוון מיט אַ פּאָר קעסלען.

— דאָ קאָכט מען דעם „בימבער״, — האָט זי געזאָגט און דערבײַ אויפֿגעקלערט געוויסע סודות פֿון דער פּראָדוקציע, וועלכע איך האָב, אגב, שוין געקענט פֿון פֿריִער. זי האָט מיטגענומען אַ פֿלעשל משקה און אַוועקגעשטעלט צו אונדזער אָוונטברויט.

די דירה איז באַשטאַנען פֿון אַ קיך מיט אַ צימער. די פֿענצטער זענען געווען אין דער ערד, פֿון אויבן פֿאַרדעקט מיט אײַזערנע קראַטעס, אַזוי אַז פֿון דער שטוב האָט מען געזען נאָר די שיך פֿון די פֿאַרבײַגייער. געווען איז דאָ אויך אַ קאָרידאָר מיט צוויי קעמערלעך, וואָס האָבן געדינט פֿאַר אַ וואַשצימער און אַ מאַגאַזין פֿאַר כּלים צום רייניקן דאָס הויז. טערעסע איז געווען די הויז־וועכטערין, און ס׳איז נישט געווען קיין פּראָבלעם, אַז אַ פֿרעמדער מענטש זאָל איבערנעכטיקן בײַ איר. אין די ברייטע בעטן און אויף דער קאַנאַפּע, וואָס זענען געשטאַנען אין צימער, זענען שפּעטער אָפּט געשלאָפֿן אונדזערע מענטשן, און פֿאַר ווען ס׳האָט נישט געסטײַעט קיין פּלאַץ, האָט מען אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע.

נאָכן אָוונטברויט האָב איך זיך אַרומגעוואַשן און זיך ממש מחיה געווען, ווײַל עטלעכע טעג האָב איך זיך געהאַט אַרומגעוואַלגערט, ניט קיין אויסגעטאָנענער, אין פֿאַרשיידענע מעלינעס. מיר האָט זי צוגעגרייט אַ געלעגער אויף דער קאַנאַפּע אין זעלבן צימער, ווו זי איז געשלאָפֿן מיט דער טאָכטער אין די בעטן. מיר האָבן נאָך אַ ביסל געשמועסט און טערעסע האָט באַמערקט, אַז איך בין עפּעס נישט קיין געוויינטלעכער „קליִענט״. זי האָט זיך דערפֿון נישט געפֿילט געטראָפֿן און ווײַזט אויס געטראַכט, אַז אפֿשר איז זי צו אַלט פֿאַר מיר. דאָס איז מסתּמא געווען די סיבה, וואָס בײַ נאַכט האָט זי געשיקט מיר אין בעט אַרײַן איר טאָכטער...

איך בין געווען אַ פֿיר־פֿינף יאָר עלטער פֿונעם מיידל, וואָס איז פֿיזיש געווען אַנטוויקלט, ממש ווי אַ רײַפֿע פֿרוי. כ׳האָב זיך צו איר נישט צוגע־

רירט. כ׳בין געווען אין דער לאַגע פון איינעם וואָס זײַן לעבן איז הפקר. דאָך האָב איך זיך געהאַלטן בײַ באַשטימטע מאָראַלישע פּרינציפּן.

אין דער נאַכט בין איך וויײניק געשלאָפן, נישט געקוקט אויף מײַן מידקייט. כ׳האָב געטראַכט, ווי וועט טערעסע רעאַגירן אויף מײַן אויפפיר. וועט זי זיך פילן געטראָפן און מיך פאַרטרײַבן צו אַל די רוחות? דאָס וואָלט געווען פאַר מיר און פאַר מײַנע חברים אַ גרויסער קלאַפּ. ס׳איז דאָך געווען דער אַדרעס וואָס מיעטעק האָט מיר געגעבן! צו מײַן איבערראַשונג און פרייד איז איר רעאַקציע געווען אַ פאַרקערטע. מײַן האַלטונג האָט בײַ איר אַרויסגערופן רעספּעקט.

אין דער פרי האָט זי זיך געווענדן צו מיר, אַ פרעג טוענדיק:

— בחורל, ווי רופט מען דיך?

— עדעק, — האָב איך געענטפערט. אַזאַ איז דעמאָלט געווען מײַן פּסעוודאָנים.

— עדעק, — האָט זי צו מיר גערעדט ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן: — ס׳זעט מיר אויס אַז עפּעס ליגט דיר אויפן האַרץ. מיך קאָן מען נישט אָפּנאַרן. אויב דו האָסט צו טאָן מיט דער פּאָליציי, דאַרפסטו זיך פאַר מיר נישט היטן. בײַ מיר קאָנסטו שטענדיק געפינען אַ היים. כ׳וועל דיר העלפן וויפל איך וועל נאָר קאָנען.

— און אויב איר וואָלט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד?.. — האָב איך ווי אַרויסגעוואָרפן פון זיך און אַליין זיך דערשראָקן פאַר מײַנע רייד.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ מויטע שטילקייט. ווי זי זאָל האָבן איבערגעלייענט מײַנע געדאַנקען, האָט טערעסע מיך באַרויִקט:

— דאַרפסט זיך נישט שרעקן. יעזוס איז אויך געווען אַ ייִד און ער האָט געלערנט, אַז מען דאַרף העלפן יעדן מענטש אין זײַן נויט. אין דעם זכות וועט יעזוס אפשר באַשיצן מײַן איינציקן זון, ער זאָל בשלום זיך אומקערן פון דער מלחמה.

זי האָט געהאַט אַן איינציקן זון, וואָס איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער דײַטשישער אַרמיי, נישט אַלט זײַענדיק קיין פולע 18 יאָר. ווי געבוירענע אין שלעזיע, האָט מען זייער משפּחה פאַררעכנט צו די אַזוי גערופענע „פאָלקסדויטשן" פון דער „ליסטע נומער 2". אויך איר מאַן איז געווען מאָבי־

ליזירט אין דער אַרמיי. וועגן אים האָט זי נישט אַזוי שטאַרק געזאָרגט, דערקעגן דעם זון האָט זי באמת ליב געהאַט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַפילו מער ווי די טאָכטער. שפּעטער בין איך געקומען צום אויספיר, אַז מיטן מאָמענט ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִד, האָט זיך ביי איר געשאַפן דער גלויבן, אַז זי האָט געמאַכט אַ טראַנזאַקציע מיט איר גאָט: פאַר איר גרייטקייט צו ראַטעווען מיך, זאָל ער ראַטעווען איר זון. ווי אַ מאַמע איז זי באמת גרייט געווען מקריב צו זיין פאַר מיר אַלץ. דאָס האָט זי שפּעטער באַוויזן מיט מעשים.

כ'האָב באַקענט אַ פרעמדע פאַר מיר וועלט, און זי, טערעסע קלימעק, האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, אַנדערש ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. זי האָט פאַרמאָגט אַ סך פאָלקס־חכמה, געווען ממש אַ פּסי־כאָלאָגין, כאָטש זי איז געווען אַן אַנאַלפאַבעטין. מיט דער צייט בין איך געוואָרן איר פאַרטרויטער מענטש, פאַר וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין סודות. זי האָט גערעדט מיט מיר אָפנהאַרציק וועגן דעם, ווי אַזוי זי איז דער־גאַנגען צו זנות. און איך האָב דערפילט, אַז באַזונדערש שאַרף איז איר חוש פאַר גערעכטיקייט. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט פריינד פון דער אונטערוועלט, וואָס זענען צו גלייך געווען גאַנץ אַנשטענדיק. געפילט האָט זיך אין זיי אַ געמיש פון געפאַלנקייט און דערהויבנקייט. גענוג צו דער־מאָנען דעם פאַל מיט אַלאָיז זאַווישאַווסקי, וואָס האָט זיך געוואָרפן פאַר־גוואַלדיקן איינע פון אונדזערע מיידלעך, און נאָר אַ דאַנק דער ענערגישער אינטערווענץ פון טערעסען איז אויסגעמיטן געוואָרן דער סקאַנדאַל. דער זעלבער זאַווישאַווסקי האָט אונדז דערנאָך אַ סך געהאָלפן און ביזן סוף גע־בליבן אונדז געטריי. ער איז שפּעטער אומגעקומען אין אומקלאָרע באַדינ־גונגען — מען האָט אים געפונען אַ געשאָסענעם אין קאַטאָוויצער קאָש־טשושקאָ־פּאַרק.

ס'איז אָבער געווען ווייניק דער צוטרוי און די ליבשאַפט וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן ביי טערעסען. כ'האָב געדאַרפט איר הילף פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען גראָד אין דער צייט, ווען ס'איז אונדז געראָטן איינצושטעלן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט אַ גרופּע שמוגלערס, וואָס האָבן געפירט אונדזערע מענטשן איבער דער גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. די שטוב

פון טערעסען איז געווען ביז גאָר פּאַסיק פאַר אַן איבערגאַנג־פּונקט, שוין צוליב דעם וואָס זי איז געווען נישט ווײַט פון דער באַנסטאַציע.

אין אָנהייב האָב איך זיך אַ ביסל געשראָקן, היות ביז דער מלחמה האָב איך געוווינט אין דער דאָזיקער געגנט. דאָס האָט אָבער געהאַט אויך מעלות. כ׳האָב דאָ געקענט יעדן ווינקל, יעדן שטיין. כ׳בין אַרויס פון דאַנען אַ יינגל, און דעריבער איז נישט געווען לײַכט מיך צו דערקענען. דער פאַקט וואָס אין דעם הויז איז געווען די ביורא פון דער נאַצי־פּאַרטיי, און טערעסע איז געווען דאָרטן באַשעפטיקט ווי אַן אויפראַמערין, אויך דאָס וואָס בײַ איר איז פּאַקטיש געווען אַ פריילעך הײַזל און די נאַציס האָבן געוווסט, אַז תּמיד זענען דאָרטן פאַראַן געסט, האָט אונדז זייער געהאָלפן. פּשוט — דאָס קומען און אָוועקגיין פון פאַרשיידענע מענטשן האָט נישט געוועקט קיין חשד.

טערעסע האָט מסכּים געווען, איר שטוב זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דורכגאַנג־פּונקט. מיר האָבן אַהער געבראַכט גרופּעס פון אַכט ביז צען מענטשן, וואָס האָבן דאָ געדאַרפט זיך אויפהאַלטן עטלעכע טעג. אָפט מאָל האָט דאָס געדויערט אויך וואָכן, און זי האָט קיין מאָל נישט געפרעגט, צי מיר וועלן דערפאַר באַצאָלן. בכלל איז זי געווען אַ מענטש מיט אַ קאָמפּלי־צירטן כאַראַקטער. נישט געקוקט אויף דעם הפקרישן לעבן אין וועלכן זי איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן צוליב איר לאַגע, האָט זי געטרוימט גלײַך נאָך דער מלחמה זיך אומצוקערן אין דאָרף פון וואַנען זי שטאַמט, קויפן אַ כאַטע, אַ קו און פירן אַ שטיל, אָנשטענדיק לעבן. דערצו וואָלט מען באַדאַרפט האָבן מיטלען. זי איז אָבער נישט געווען להוט נאָך געלט און ניט פאַרלאַנגט פון אונדז געצאָלטס. איך האָב זי געדאַרפט איבערצײַגן, זי זאָל נעמען כאָטשבי צו דעקן די הוצאות אויף שפּײַז פאַר אונדזערע מענטשן.

ווען איר באַציִונג צו געלט, צו אונדזערע לײַדן און אונדזער קאַמף קאָן אַ סך זאָגן אַזאַ פאַקט: דאָס איז געווען שוין פאַרן סוף, נאָך איידער מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז בזשוכאָנסקי, דער וואָס איז געשטאַנען בראש פון די שמוגלערס און האָט געפירט אונדזערע מענטשן איבער דער גרענעץ, איז געוואָרן אַ פאַררעטער.* כ׳האָב דעמאָלט באַקומען אַ ידיעה, אַז מײַן

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אַזיל״.

פּאָטער געפינט זיך אין אַ לאַגער אין יאַוואָזשנע, נישט ווײַט פון קאַטאָוויץ. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר אַ גרעסערער סומע געלט קאָן מען אים אפשר אַרויסראַטעווען. איך האָב אָבער קיין געלט נישט געהאַט. מיט מיר איז געווען דאָרע הערצבערג, אַ חברטע פון „השומר הצעיר״, איינע פון די אַקטיווסטע אָנפירערינס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין זאַוויערטשע און שפּעטער — זיך אַנגעשלאָסן צו אונדז. אָן צו פאַרשטענדיקן זיך מיט מיר, האָט דאָרע דערציילט טערעסען וועגן מײַנע דאגות. אין טאָג ווען איך בין געקומען, האָט טערעסע, ווי געוויינטלעך מיר דערלאַנגט אַ טעלער זופּ, אַוועקגעזעצט זיך לעבן מיר און געזאָגט: „איך האָב געהערט, אַז דו דאַרפסט געלט כדי צו ראַטעווען דײַן טאַטן. נעם דאָס געלט וואָס דו האָסט מיר געגעבן, איך האָב דערפון נאָך נישט פאַרנוצט קיין גראָשן״.

✶

ווען שמואל איז געקומען צו טערעסען האָט ער געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר טעטיקייט אין „השומר הצעיר״, וואָס איז געווען דער חוט־השדרה פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער יידישער יוגנט אין זאַ־גלעמביע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אפשר נישט אויסגעצייכנט מיט אירע באַוואָפנטע אַקציעס. זי האָט אָבער געפירט אַ סיסטעמאַטישע אויפקלערונג, כדי צו באַפרײַען די יידן פון פאַלשע אילוזיעס, אַז מען וועט, יאַקאָש, איבערלעבן. דאָס איז געווען אַ מיטל צו וועקן דעם ווילן צו קעמפן כאָטשבי פאַר דער אייגענער פיזישער עקסיסטענץ.

אדמיניסטראַטיוו איז זאַגלעמביע געווען אײַנגעשלאָסן אין „רײַך״, ס׳הייסט אין דײַטשלאַנד. דאָס האָט גורם געווען, אַז שוין אין 1942, ווען אין די געביטן פונעם גענעראַל־גובערנאַמענט איז שוין אָנגעגאַנגען אין פולן פאַרנעם די מאַסן־פאַרטיליקונג פון די יידן, זענען דאָ די באַדינגונגען געווען לינדערע. און דאָס האָט געשאַפן פאַרפירערישע אילוזיעס. מענטשן האָבן פשוט נישט דערלאָזט צו זיך דעם געדאַנק, אַז מען איז פאַרמישפּט אויף טאָטאַלן אומקום. שמואל באַמערקט, אגב, אַז אין 1942 האָט ער באַקומען אַ פּאַטש פון אַ פאָטער פון זײַנעם אַ חבר, בעת ער, שמואל, האָט אין אַ היציקער דיסקוסיע אויסגערופן: „מיר אַלע, איך און איר זענען פאַרמישפּט צום טויט!״ פון דער אַנדערער זײַט האָט זיך בײַם עולם געשאַפן אַ שטימונג

פון פולשטענדיקער אַפּאַטיע. אין יענער צײַט איז אין געטאָ געווען באַקאַנט אַ מאַקאַבריש ווערטל: „נישקשה, מיר וועלן זיך באַגעגענען ווי צוויי שטיקלעך זייף אויף דער פּאַליצע".

דער ערשטער וואָס האָט מצליח געווען צו באַפרײַען די מענטשן, לפּחות די יוגנט, פון די דאָזיקע אילוזיעס, איז געווען מרדכי אַניעלעוויטש. זײַן באַזוך אין זאַגלעמביע, סוף מײַ, אָנהייב יוני 1942, האָט געהאַט אַ דעציזירנדיקן באַטײַט פאַר דער ווײַטערדיקער טעטיקייט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

דער עיקר־ציל זײַנער איז געווען צו צעמענטירן די אָרגאַניזאַציע פון „השומר הצעיר", וואָס האָט זיך געפונען אויפן ראַנד פון אַ שפּאַלטונג אונטער דער ווירקונג פון אַ גרופּע טראָצקיסטן פון בענדין. דאָס איז אים געראָטן. אויפן בײַשפּיל פון וואַרשע האָט ער אויך אויפגעשטעלט אַן אייגהייטלעכע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין וועלכער עס זענען געווען אַנגעשלאָסן דער „השומר הצעיר", „גורדוניה", „פרײַהייט" און „השומר הדתי" (רעליגיעז־ציוניסטישע יוגנט).

דער צווייטער ציל אַניעלעוויטשעס, פון וועלכן ווייניק מענטשן האָבן געוווּסט, איז געווען אַרויסשיקן אין דער פרײַער וועלט, בעיקר אין דער שווייץ, יידישע יוגנטלעכע, בכדי אויסצופירן אַטענטאַטן אויף דײַטשישע אָביעקטן און אויף אַזאַ אופן וועקן די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, זי זאָל וויסן וועגן דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון די יידן אין פּוילן, און אויך דערמאָנען וועגן דעם דער אָנפירערשאַפט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די תּפוצות.

ס'איז דעמאָלט געווען אַ מיינונג, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַרעכטיקט, אַז דער פאַרזיצער פון יודענראַט אין סאָסנאָוויץ, מאָניעק מערין, איז אַ כּל־יכול בײַ די דײַטשן און אַניעלעוויטש האָט געהאָפט דורך זײַן פאַרמיטלונג צו באַקומען אַרויספאַר־דאָקומענטן פאַר עטלעכע פון אונדזערע מענטשן. ווי געזאָגט, איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

מירן לאָזן שמואל ראָזנצווײַג־רון דערציילן:

— נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, זומער 1943, ווען ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון די יידן אויך אין

זאָגלעמביע, איז נאָענט, האָבן מיר קאָנצענטרירט אונדזער טעטיקייט בעיקר אויף ראַטעווען וואָס מער מענטשן, ראַטעווען מיט אַלע מעגלעכע מיטלען און אויף כּלערליי וועגן. צו יענער צײַט האָט זיך געעפנט דער וועג דורך טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן קיין טערקײַ, טיילווײַז אויך אין דער שווייץ, ווו עס זענען געווען טעטיק רעטונג־קאָמיטעטן, וואָס זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל.

מיר האָבן דעמאָלט געפונען אַ דײַטשישן באַן־אַרבעטער, וואָס האָט מסכּים געווען צו פירן מענטשן קיין אונגאַרן פאַר אַן אָפּצאָל פון צען טויזנט מאַרק פאַר איין מענטש. מיר האָבן באַשלאָסן צו שיקן איין פאַרשטייער פון יעדער אָרגאַניזאַציע, בכדי אײַנצושטעלן די קאָנטאַקטן. איך בין געווען באַשטימט פון „השומר הצעיר", ברוך גאָפּטיק פון גורדוניה", דב (זײַן פאַמיליע־נאָמען געדענק איך שוין נישט) — פון „פרײַהייט" און איינער פון „השומר הדתי" (זײַן נאָמען האָב איך אויך פאַרגעסן).

מיר זענען אַרויס אין וועג, אויסגעשטאַט מיט דאָקומענטן אַלס פּוילישע אַרבעטער. מיר האָבן באַשטימט סימנים וואָס דער דײַטש דאַרף אונדז געבן אין וועג. ביז אוישוויץ איז אַלץ געגאַנגען גלאַטיק. אָבער דווקא אויף אָט דער פאַרשאָלטענער סטאַציע איז אונדזער וועגווײַזער נעלם געוואָרן. ביז הײַנט ווייס איך נישט, צי עס איז עפּעס געשען מיט אים און ער האָט נישט געקאָנט קומען צוריק צו אונדז, אָדער ער האָט אונדז געוואָלט אַרײַנפירן אין אַ פּאַסטקע. די סטאַציע איז געווען פול מיט עס־עס־לײַט און געסטאַפּאָווצעס. האָבן מיר זיך צעטיילט אין צווייען. ברוך גאָפּטיק מיט דעם בחור פון „השומר הדתי" איז געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פון דער סטאַציע פאַר דער פּאָליציי־שעה. איך מיט דבן האָבן דאָס נישט באַוויזן. איבער נאַכט האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין די קאַנאַליזאַציע־רערן און אין דער פרי איז אונדז געראָטן אַוועקצופאָרן קיין בענדין.

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1943. גראָד אין דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אויסזידלונג, פּאַקטיש די ליקווידאַציע פון די געטאָס אין סאָסנאָוויץ און בענדין. מיר האָבן געוואָלט אַרײַנבאַקומען זיך אין איינעם פון די בונקערס, וואָס זענען געווען אויסגעבויט אין געטאָ. דער גאַנצער שטח איז אָבער געווען אַרומגערינגלט מיט רײַטער־פּאָליציי, עס־עס־לײַט

און געסטאַפּאָווצעס מיט הינט, ספּעציעל געשולטע צו כאַפּן ייִדן. צו די אַלע צרות האָט זיך נאָך צוגעטשעפּעט צו מיר אַ פּאָליאַק, אַ „שמאַלצאָווניק", וואָס האָט געוואָלט אויספּרעסן געלט, אָבער על־כּל־פּנים, זאָל איך אים געבן מײַן וואַליזע. איך האָב געפּרוּווט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך ווייס נישט פאַר וואָס ער טשעפּעט זיך צו מיר. דעמאָלט האָט ער געפאָדערט, איך זאָל מיט אים גיין אין פּאָליציי און געדראָט אַפילו מיט כּוח. זעענדיק אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, האָב איך געכאַפּט זיך פאַרן אויסגעפּרוּווטן מיטל: אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין טאַש אויף אַזאַ אופן וואָס האָט אויסגעזען, אַז איך נעם שוין אַרויס פון דאָרטן אַ רעוואָלווער. פּאַקטיש האָב איך געהאַט בײַ זיך קוים אַ מעסער. אָבער מײַן „העלד" האָט זיך דערשראָקן און איז אַוועק.

איך האָב זיך אויסגעמישט אין אַ גרופּע פּאָליאַקן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן צוצוקוקן זיך צום בייזן וווּנדער, ווי מען פירט די ייִדן צו דער שחיטה. אַ סך פון זיי האָבן געהאָלפן כאַפּן די ייִדן, וואָס האָבן געמאַכט פאַרצווייפלטע פּרוּוון צו אַנטלויפן.

מײַן חבר דב האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז געווען געקומען צו אונדז פון גענעראַל־גובערנאַמענט, ס'הייסט פון אָקופּירטן פּוילן. דער־ציילט האָט ער מיר, אַז ער האָט פאַרלוירן אַלע זײַנע חברים און אָן זיי האָט זײַן לעבן נישט קיין זינען. ער איז אַרײַן אין געטאָ ווייסנדיק, אַז ער גייט אויף אַ זיכערן טויט. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער גלײַך בײַם אַרײַנגאַנג דערשאָסן געוואָרן דורך אַ דײַטשישן פּאָליציאַנט.

ווי דערמאָנט, האָב איך געהאַט „אַרישע" דאָקומענטן. האָב איך באַ־שלאָסן פאָרן קיין זאַוויערטשע, ווו עס האָט זיך געפונען מײַן פאָטער. אַגב איז ער אויך דאָרטן געווען אומלעגאַל. עס דאַרף דערבײַ דערמאָנט ווערן, אַז וואָס שייך אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד אָדער אַפילו ראַטעווען זיך, איז אין געטאָ־זאַוויערטשע די לאַגע געווען אַ סך ערגער ווי אין אַלע אַנדערע געטאָס פון זאַגלעמביע. עס זענען געווען אין זאַוויערטשע מענטשן וואָס האָבן געמאַכט פּרוּוון צו אַנטלויפן פון הינטערן שטעכלדראָט. צווישן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט דאָרע הערצבערג פון „השומר הצעיר", ראָזענבערג פון „השומר הדתי" און צוויי קאָמוניסטן, וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי רע־

פּרעזענטירן אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, אָבער פּאַקטיש האָבן זיי נישט געהאַט קיין גרויסע השפּעה. די סיבה איז געווען אַזאַ: אין זאַוויערטשע האָט געאַר־בעט אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן מונדירן פאַר דער דײַטשישער „לופטוואַפע" און די באַשעפטיקטע אין דער פאַבריק זענען געווען בעיקר ייִדן. דאָס האָט געשאַפן די אילוזיע, אַז די דײַטשן וועלן זיי נישט טשעפּען. די דאָזיקע ייִדן זענען טאַקע „אויסגעזידלט" געוואָרן שפּעטער ווי אין די געטאָס פון סאָסנאָוויץ און בענדין. אָבער איך האָב נישט געקאָנט דאָרטן בלײַבן, ווײַל כ׳בין געווען באַקאַנט בײַ דער דאָרטיקער ייִדישער געטאָ־פּאָליציי ווי נישט קיין זיכערער עלעמענט. אויך האָב איך מורא געהאַט, אַז כ׳קאָן גורם זײַן אַן אומגליק פאַר מײַן פאָטער. דעריבער האָב איך באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין סאָסנאָוויץ, וווּ ס׳איז נאָך פאַרבליבן מײַנע אַ שוועסטער. זי האָט פאַר־געשלאָגן, מיר זאָלן צוזאַמען באַגיין זעלבסטמאָרד. האָב איך באַוויזן זי צו איבערצײַגן, אַז דאָס האָט נישט קיין זינען. האָבן מיר באַשלאָסן דערווײַלע זיך אויסצובאַהאַלטן אין איינעם פון די בונקערס אין דער כּמעט אויס־געליידיקטער געטאָ.

ווען מיר זענען אין דער נאַכט אַרײַנגעקראָכן אין בונקער, האָבן מיר געזען אַז פאַר אונדז זענען שוין אַהער געקומען אַ סך מענטשן, און עס האָט נישט קיין צוועק דאָ צו בלײַבן. נאָך אין דער זעלבער נאַכט בין איך אַרויס, כּדי צו זוכן אַ מער זיכערן מקום־מיקלט. כ׳בין אַרויס באַרוועס, כּדי מען זאָל נישט הערן מײַנע טריט. קוים באַוויזן אָפּצוגיין עטלעכע מעטער, בין איך געכאַפּט געוואָרן דורך די דײַטשן.

אין דער פרי האָט מען מיך געבראַכט צו אַ פּלאַץ, וווּ מען האָט צונויפ־געזאַמלט אַ טראַנספּאָרט ייִדן צו שיקן אין די גאַזקאַמערן פון אוישוויץ. אַ גרויסער טייל איז געקומען מיט פּעקלעך עסן און מלבושים, ווי זיי זאָלן זיך איבערקלײַבן אין אַ צווייטן ווינאַרט. כ׳האָב דאָרטן באַגעגנט מײַנעם אַ שול־חבר, וואָס האָט געהאַט צוויי פּאָר שיך און איך בין געווען באַרוועס. האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן איין פּאָר. די מוטער פון מײַן חבר האָט מיך געטריבן פון זיך. כ׳בין געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז איך האָב זי גענומען זידלען, געשריִען, אַז זיי גייען צום טויט און קאָנען נאָך אַלץ נישט באַפרײַען זיך פון די פּעקלעך. צום סוף האָבן זיי אויף אָפּטשעפּעניש

מיר געגעבן די שיך און צוויי מארק. כ׳האב געהאט אין קעשענע געלט אויף א בילעט און א ראזיר־מעסערל אויף איבערשניידן זיך די אדערן, אויב דער פרווו צו אנטלויפן וועט מיר נישט געלינגען.

כ׳האב נאך אלץ נישט באוויזן צו פארשווינדן. דא איז געשען א נס צי א צופאל. אין דער לעצטער מינוט פארן ארויספירן דעם טראנספארט איז אנגעקומען א בחור מיט א רשימה פון 50 פאכלייט, וואס די דייטשן האבן נייטיק געהאט אויף אויסצופירן א געוויסע ארבעט. דער דאזיקער בחור איז געווען פארליבט אין מיין שוועסטער לענקע. דערזעענדיק מיך, האט ער מיך ארייננגענומען אין דער רשימה. צו מיין איבערראשונג האט מען אונדז געפירט דווקא קיין זאוויערטשע. נאך דעם האט מען געבראכט צו אונדז נאך בערך 150 יידן און ס׳איז געשאפן געווארן א לאגער, וואס האט עקסיס־טירט העכער צוויי חדשים שוין נאכן ליקווידירן די ארטיקע געטא.

אין אט דעם לאגער האט נאך געלעבט מיין גאנצע משפחה. ס׳איז דארטן געווען אויך מיינער א קרוב, קאראל ראזענצווייג, א רייכער מענטש. וויסנדיק אז איך בין פארבונדן מיט חברים, וואס פארנעמען זיך מיט ראטעווען יידן דורך אויסבאהאלטן זיי אויף דער „ארישער" זייט, האט ער מיר פארגעשלאגן אויסצובאהאלטן זיין געלט. ס׳האט זיך געהאנדלט אין א פארמעגן פון בערך 30 טויזנט מארק אין דאלארן און אין גאלד. די דייטשן האבן געמאכט אפט רעוויזיעס און אויב מען האט געכאפט ביי עמעצן וואלוטע אדער גאלד־חפצים, האבן זיי אים שטארק געפייניקט, בכדי ארויסבאקומען פון אים וואס מער, און דערנאך דעם מענטש אומגעבראכט. צו ערשט האב איך נישט מסכים געווען ארייננצולאזן זיך אין דעם ענין פון אויסבאהאלטן געלט.

בעת איך האב זיך געפונען אין לאגער, האבן מיטגלידערינס פון אונדזער ארגאניזאציע, קאשע שאנצער און פעלע קאץ, וואס זענען געווען טעטיק אויף דער „ארישער" זייט, באוויזן עטלעכע מאל ארייננצוקומען און ארויס־צוגיין פון לאגער. אויף אזא אופן האבן מיר אנגעהאלטן א קאנטאקט מיט די, וואס האבן זיך ארויסגעראטעוועט פון די אויסזידלונגען און האבן זיך אויס־באהאלטן אין פארשיידענע בונקערס און מעלינעס. אין א געוויסן טאג איז געקומען קאשע און איבערגעגעבן, אז זי מיט נאך עטלעכע מענטשן געפינען זיך ביי א געוויסן נאוואק אין בענדין, וואס האט זיך ארויסגעוויזן ווי א

שאַנטאַזשיסט, און זיי נייטיקן זיך אין געלט בכדי אַרויסצוראַטעווען זיך און די אַנדערע מענטשן. כ׳האָב איר דעמאָלט געגעבן דאָס געלט פון מײַן קרוב, אָן זײַן וויסן. ווען איך האָב וועגן דעם דערציילט מײַן טאַטן, איז ער געווען שטאַרק אין כּעס. ער איז געווען בײַ דער מיינונג, אַז איך האָב געהאַנדלט ווי אַ גנב. מיט גרויס מי האָב איך אים איבערצײַגט, אַז מײַן האַנדלונג איז געווען אַ ריכטיקע. נאָך מער, שפּעטער האָט מײַן פאָטער אַליין געהאָלפן זאַמלען געלט אין לאַגער פאַר דער רעטונג־אַקציע.

כ׳האָב זיך אַריענטירט, אַז דער לאַגער אין זאַוויערטשע וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן און געגומען טראַכטן וועגן אַנטלויפן צוזאַמען מיט מײַן משפּחה. חברים האָבן געפונען אַ זיכערן פּלאַץ און אַ באַגלייטער, וואָס האָט געזאָלט אונדז אַוועקפירן אַהין. די צרה איז אָבער געווען, וואָס די דײַטשן האָבן פון צײַט צו צײַט געציילט די מענטשן און געוואָרנט, אַז אויב עמעצער וועט פעלן, וועלן זיי ווי אַ שטראָף דערשיסן אַנדערע פינף מענטשן. ווען פעלע קאַץ איז געקומען מיט אַ גרייטן פּלאַן אונדז אַרויסצופירן, האָט מײַן טאַטע זיך אײַנגעשפּאַרט און דערקלערט, אַז ער גייט נישט. ער האָט געגומען מתפּלל זײַן מיט דבקות און נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זײַן אַנטלויפן זאָל גורם זײַן דעם טויט פון אַנדערע.

— איר, קינדער, אַז איר קאָנט, ראַטעוועט זיך, — האָט ער צו אונדז געזאָגט.

צו מײַן גליק זענען אין לאַגער געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפגע־האַלטן אומלעגאַל, נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויס פון פאַרשיידענע באַהעל־טענישן, און געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו לעגאַליזירן. כ׳האָב געפונען אַזעלכע אומלעגאַלע. מען האָט זיי אַרײַנגעשטעלט אין דער רשימה. די צאָל האָט געשטימט און איך, ווי אויך מײַן עלטערע שוועסטער, האָבן געקאָנט פרווון אַרויסצורײַסן זיך אויף דער פרײַ.

דער אופן פון מײַן אַרויסגיין איז געווען ריזיקאַליש און געגרענעצט מיט חוצפּה. קיין אַנדערן אויסוועג האָב איך נישט געזען. כ׳האָב זיך אָנגע־טאָן אין שיינע, ריינע מלבושים, דרייסט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער וואַך בײַם אַרויסגאַנג פון לאַגער און מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז איך בין אַ דײַטשישער באַאַמטער (זיי זענען דאָ אָפט געגאַנגען אַהין און צוריק)

האָב איך אויפגעהויבן די האַנט, אויסגערופן „הײַל היטלער" און געגאַנגען ווײַטער. אַפּגייענדיק אַ היפּש שטיקל וועג, האָב איך נאָך אַליין נישט גע־גלייבט, אַז דער טריק האָט זיך מיר אײַנגעגעבן. כ'בין אַוועק קיין בענדין לויטן אַדרעס, ווו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן קאַשע שאַנצער, מאיר שולמאַן און זײַן פרוי נחמה. מיר האָבן גענומען אויפזאַמלען די מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די געוועזענע געטאָס פון בענדין און סאָסנאָ־וויץ, די אַלע, וואָס זענען נאָך געבליבן בײַם לעבן. מיר זענען געוואָרן אַ גרופּע פון בערך צוואַנציק מענטשן און האָבן באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן אונדזער טעטיקייט אויף רעטונג־אַקציעס דורך שאַפן בונקערס און באַהעל־טענישן. דער צענטער פון דער דאָזיקער טעטיקייט איז מיט דער צײַט געוואָרן דער בונקער בײַ דער משפחה קאַבילעץ אין מיכאַלקאָוויצע.*

*

שמואל ראָזענצווײַג־רון דערציילט ווײַטער:

— די נשמה פון אונדזער טעטיקייט איז געווען מאיר שולמאַן. ער און זײַן פרוי נחמה זענען פון די ערשטע אַרויס פון געטאָ אויף דער „אַרישער" זײַט. מאיר האָט נישט באַלאַנגט צו קיין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, דאָך האָט זיך אַרום אים קאָנצענטרירט אונדזער גרופּע. מאיר האָט זיך אויס־געצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער אינטעליגענץ, מיט אײַנפּאַלעריש־קייט און אויסגעצייכנטער אָריענטאַציע. ער איז געווען אַ מומחה אין פיזיק, כעמיע, עלעקטריע און ענערגעטיק, הגם ער האָט נישט געהאַט קיין טעאָרע־טישע אויסבילדונג אין די דאָזיקע געביטן. ווען ער האָט אַ מעגלעכקייט צו לערנען, וואָלט ער זיכער דערגאַנגען צו גדולות. די נאַטור האָט אים אויך באַשאָנקען מיט גאָלדענע הענט. ס'איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס מאיר זאָל נישט קאָנען — אָנגעהויבן פון נאָכמאַכן יעטווידן שטעמפּל און דאָקומענט, פון מאַכן פאַלש געלט און רעמאָנטירן געווער, ביז נייען מלבו־שים, אַפילו פרויענקליידער. אין סיטואַציעס, ווען מיר זענען געווען אין אַ שטימונג פון יאוש און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישטאָ קיין אויסוועג, פלעגט מאיר זאָגן: „לאָזט מיך כאַפּן אַ דרעמל". ווען ער האָט זיך נאָך

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אזיל".

אַ שעה־אַנדערטהאַלבן אויפגעוועקט, האָט ער געהאַט אַ גרייטן אויסוועג פון דער שווערסטער לאַגע.*

ווי דערמאָנט, האָט אונדזער גרופּע דעמאָלט געציילט בערך צוואַנציק מענטשן. די אַקטיווסטע פון זיי זענען געווען דאָרע הערצבערג, שׂרה קור־קיעלקאַ (ביידע זענען אומגעקומען), קאַשע שאַנצער, פּעלע קאַץ, אַהרון בראַנדיס, אַברהם זילבערשטיין, און שפּעטער אויך אַדעלע גוטערמאַן. אין די ראַמען פון מײַנע אויפגאַבעס האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשיידענע מקומות. זעלטן ווען געווען אַ גאַנצן מעת־לעת אויף איין אָרט. דאָס האָט מיך אויך געבראַכט צו דער איבן דערמאָנטער טערעסע קלימעק, און איר שטוב איז געוואָרן מײַן עיקרדיקע באַזע.

אין קאַטאָוויץ האָב איך באַגעגנט אַדעלע גוטערמאַן פון סאָסנאָוויץ. זי האָט זיך גלײַך אַנגעשלאָסן אין אונדזער טעטיקייט, און געבראַכט גרויס נוצן אַ דאַנק אירע פאַרבינדונגען מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג אויף דער „אַרישער" זײַט.** זי האָט עס מיך באַקענט מיט אַ געוויסן פּאַוועל יאַוואָרסקי, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּוילישן קאָמוניסט, אָבער פאַקטיש איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג פון די סאָציאַליסטן (פּ.פּ.ס.). ער איז געווען געבילדעט און אַ ביז גאָר פעיִקער מענטש. צו ערשט אַדעלע, שפּעטער אויך איך, האָבן מיר זיך מיט אים שטאַרק באַפרײַנדט. נישט איין מאָל האָב איך זיך פאַרטראַכט: וואָס האָט באַוויגן דעם דאָזיקן מענטש מקריב צו זײַן זיך פאַרן ראַטעווען ייִדן? (ער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן.) כ'בין געקומען צום אויספיר, אַז נישט אַזוי זײַן פּאָליטישע איבערצײַגונג, נײַערט הומאַנישקייט, ליבע צום מענטש זענען געווען די טרײַב־כּוחות פון זײַן האַנדלונג. טאַקע אין יענער צײַט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן דורכגעלאָזט גרויסע מעגלעכקייטן פון ראַטעווען ייִדן איידער די געטאָס אין זאַגלעמביע זענען ליקווידירט געוואָרן. אַפילו אין אַזאַ דײַטשישע שטאָט ווי קאַטאָוויץ זענען געווען אַקטיוו אַנטי־נאַצי־גרופּעס, צו וועלכע ס'האָבן געהערט נישט בלויז פּאָליאַקן נאָר אויך דײַטשן, קעגנער פונעם היטלעריזם. מען האָט דאָרטן

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „דער לעגענדאַרער מאיר".

** זע דעם רעפּאָרטאַזש „אין פאַרמעסט מיטן טויט".

געקאָנט שאַפן מעגלעכקייטן אויסצובאַהאַלטן ייִדן און אַפילו צו קויפן געווער. צום באַדויערן איז שוין נישט געווען פאַר וועמען.

יאַוואָרסקי האָט אונדז באַקענט מיט אַ היכן באַאַמטן פון דײַטשישן „אַרבעטס־אַמט״. דאָס איז געווען אַ מענטש פון פוילישן אָפּשטאַם, אַן אַנטי־נאַצי. זײַן פליכט איז געווען אַרויסצושיקן מענטשן אויף צוואַנגאַרבעט אין דײַטשלאַנד. אַ דאַנק זײַן פאַרמיטלונג איז אונדז געראָטן צו שיקן עטלעכע מענטשן, און אַפילו קלענערע גרופּעס, אויף אַרבעט בײַ פּויערים אין דײַטש־לאַנד. דאָס איז געווען איינער פון די אופנים צו ראַטעווען ייִדן. צום באַ־דויערן זענען אַזעלכע מענטשן ווי יאַוואָרסקי געווען ווייניק צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ. בדרך־כּלל האָבן מיר געפונען גרייטקייט אונדז צו העלפן, בעיקר בײַ פּשוטע פּאָלקסמענטשן, אָדער גאָר אין די קרייזן פון דער אונטערוועלט, ווי טערעסע קלימעק.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג צום בעסערן אין אונדזער לאַגע איז געקומען, ווען ס׳האָט זיך געעפנט פאַר אונדז דער וועג דורך טשעכאָסלאָוואַקיע קיין אונגאַרן. דער דאָזיקער וועג איז אויך אויסגעטראָטן געוואָרן דורך אונדזערע חברים, וואָס האָבן באַוויזן, נאָך פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ, צו אַנט־לויפן קיין אונגאַרן. איינער פון די דאָזיקע חברים האָט אונדז איבער־געשיקט אַן אַדרעס פון אַ פאַרבינדלער אין בראַטיסלאַווע. דאָס איז געווען אַ מיטגליד פון „פרײַהייט״, קאַרינסקי, וואָס האָט נאָכן אָנקומען קיין סלאָ־וואַקיע אָרגאַניזירט דאָס ראַטעווען ייִדן. די חברים האָבן געשיקט אונדז אויך געלט דורך פאַרשיידענע שליחים, צווישן זיי אַפילו איינער אַ דײַטש.*

אין דער אַ תקופה האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַט, וואָס איז טעטיק געווען אויף דער „אַרישער״ זײַט אין וואַרשע. דער קאָנטאַקט איז געגאַנגען דורך צביה לובעטקין — „צעלינאַ״. קיינער פון אונדז האָט זי פּערזענלעך נישט געקענט. פאַרמיטלט האָט אַ פאַרבינדלער פון פוילישן אונטערגרונט מיטן פּסעוודאָנים „סטאַניסלאַוו״. די פאַרבינדונג איז אָבער נישט געווען קיין סטאַבילע. איין מאָל האָבן מיר דערהאַלטן פון וואַרשע אַ רשימה פון מענטשן, וואָס מען דאַרף ראַטעווען.

---

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „דער לעגענדאַרער מאיר״.

דאָס זענען געווען בעיקר געזעלשאַפטלעכע טוער און ציוניסטישע עסקנים. אַ טייל פון זיי האָט שוין נישט געלעבט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיטן יודענראַט אָדער גאָר מיטן אַקופּאַנט, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום אינטערעס דווקא זיי צו ראַטעווען. בדרך־כּלל האָבן מיר אָבער אויסגעפירט די אינסטרוקציעס אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן.

איך געדענק נישט גענוי דעם סדר פון אונדזערע „טראַנספּאָרטן". כ'געדענק נאָר, אַז העלע און יעקב פּרוידענרייך זענען געווען פון די ערשטע. נישט חלילה דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ שוועסטער פון דאָרען. העלע און יעקב האָבן נישט געהערט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע. זיי זענען אַרײַן אין ערשטן טראַנספּאָרט דערפאַר, ווײַל זיי האָבן פרײַוויליק מסכּים געווען צו ריזיקירן, היות מיר זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען זיכער, צי מיר וועלן מצליח זײַן.*

דאָס איז געווען אין סוף 1943. כּמעט אַלע אונדזערע חברים זענען שוין געווען אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ. אין בונקער אין מיכאַלקאָוויצע איז פאַרבליבן נאָר מאיר, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ שליח פון ווין. איך האָב געזאָלט פאָרן מיטן לעצטן טראַנספּאָרט. אַחוץ מיר איז נאָך פאַרבליבן פעלע קאַץ. זי האָט געוואָלט ראַטעווען איר משפּחה. מײַן נסיעה האָב איך אָפּגעהאַלטן נאָך דעם, ווי כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז מײַן טאַטע לעבט נאָך. דאָרע הערצבערג איז דעמאָלט אויך פאַרבליבן, כּדי מיר צו העלפן אַרויס־ראַטעווען דעם פאָטער. מיר האָבן נישט געהאַט קיין סיבה צו זאָרגן: די פאַרבינדונג מיט בראַטיסלאַווע און בודאַפּעשט איז געווען אַ גוטע און אַלע „טראַנספּאָרטן" זענען אָנגעקומען בשלום. מיר האָבן אויך נישט געהאַט קיין שום סיבה צו צווייפלען אין דער ערלעכקייט פון בזשוכאָנסקין, היות מיר האָבן באַקומען ידיעות פון די פריערדיקע „טראַנספּאָרטן", אַז אַלץ גייט כּשורה און אַז די שמוגלערס פלעגן אָפט אָפּילו טראָגן אויף זיך די מענטשן בײַם אַרויפקלעטערן אויף די פאַרשנייטע בערג בעתן שוואַרצן די גרענעץ.

פעלען איז אין יענע טעג געראָטן צונויפצוזאַמלען איר משפּחה, איר

---

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „פון געטאָ־זאַוויערטשע ביז עתלית".

שוועסטער מיטן שוואָגער, ווי אויך אַ קינד פון זייערע קרובים. אַדעלע גוטערמאַן איז אין דער לעצטער תּקופה געווען איינע פון אונדזערע אַקטיוו־סטע מיטאַרבעטער, כאָטש זי האָט נישט געהערט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע.* זי איז געווען דרייסט, אײַנפּאַלעריש. דאָס מאָל האָט זי אָבער געזאָגט, אַז זי האָט עפּעס אַ שלעכט פאַרגעפיל און אָפּגערעדט מיך פון באַגלייטן דעם „טראַנספּאָרט״. צום סוף האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן מיט מיר, כּדי איך זאָל נישט זײַן אַליין אין פאַל פון אַן אומגליק.

איך האָב זיך אָבער געשטיצט אויף מײַן נסיון. כ׳פלעג באַגלייטן די „טראַנספּאָרטן״ ביז ביעלסק און דאָרטן האָט אויף מיר תּמיד געוואַרט בזשו־כאָנסקי, וואָס האָט אונדזערע מענטשן קאָנטאַקטירט מיט די שמוגלערס — צו פירן זיי ווײַטער. מיר זענען אָנגעקומען בשלום און ווי געוויינטלעך האָט שוין אויף אונדז געוואַרט בזשוכאָנסקי. אַלץ האָט אויסגעזען צו גיין נאָרמאַל, און ס׳איז בײַ מיר נישט אויפגעקומען קיין שום חשד. אַדעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ספּאָרטקאָסטיום, ווי זי וואָלט פאָרן אין די בערג צום נאַרטן־ספּאָרט. ווי מיר האָבן פריִער באַשטימט, איז זי אַרײַן אין אַ קאַפע אַנטקעגן דער באַנסטאַציע בכדי צו וואַרטן אויף מיר, און איך בין אַוועק צו דער קאַסע אין וואָקזאַל, בכדי צו קויפן אַ פאָראַן־בילעט. אויפן פּעראָן האָב איך געדאַרפט דערקענען, לויט אַ באַשטימטן צייכן די שמוגלערס.

שטייענדיק בײַם פענצטערל פון דער קאַסע, האָב איך פלוצעם דער־פילט, ווי צוויי שטאַרקע הענט כאַפּן מיך אָן בײַ די אַקסלען. כ׳האָב זיך אויסגעקערעוועט און דערזען צוויי פעסטע געסטאַפּאָוצעס. זיי האָבן גע־שמייכלט און איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— דו קענסט אונדז נישט, אָבער מיר קענען דיך יאָ. קום! בײַם פּרווו צו אַנטלויפן, בײַ דער מינדסטער באַוועגונג וועסטו דערשאָסן אויפן אָרט.

זיי האָבן מיך באַלד אַרויסגעפירט פון וואָקזאַל, בכדי אויסצומײַדן אַ צוזאַמענגעלויף פון מענטשן. איינער פון זיי האָט מיר צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צום קאָפּ, און דער צווייטער האָט מיך באַזוכט צי כ׳האָב נישט בײַ זיך קיין געווער. דורך הינטער־געסלעך האָבן זיי מיך אַוועקגעפירט אין

---

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אין פאַרמעסט מיטן טויט״.

געסטאַפּאָ פון ביעלסק. גלײַך בײַם אָנהייב האָבן זיי מיר דאָרטן געזאָגט אין אַ טאָן פון שפּאָט:

— האָסט געוואָלט ראַטעווען דײַן טאַטן, ווו איז ער איצט, ווייסטו כאָטש?

פון די דאָזיקע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז בזשוכאַנסקי האָט אונדז פאַרראַטן. מײַן דאָזיקער חשד האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך דעם, ווי כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אויך מיעטעק קאַבילעץ איז אַרעסטירט. איך האָב נאָר נישט פאַרשטאַנען די סיבה, פאַר וואָס דער פאַררעטער האָט עס געטאָן דווקא בײַם סוף פון אונדזער טעטיקייט.

דערווײַלע האָבן די געסטאַפּאָווצעס מיך גענומען פאַרשן. זיי האָבן געפאָדערט, איך זאָל זיי אָנגעבן פּרטים וועגן דער רעטונג־אָרגאַניזאַציע.

אין ערשטן מאָמענט האָב איך געלייקנט, אַז איך בין בכלל אַ ייִד, אַז איך האָב אַ וועלכע נישט איז שײַכות מיט אַן אָרגאַניזאַציע און אַז איך ווייס גאָר נישט וועגן איר עקסיסטענץ. פאַר דער דאָזיקער דערקלערונג האָב איך באַקומען עטלעכע שטאַרקע קלעפּ. כ'בין געקומען צום אויספיר, אַז ס'האָט נישט קיין זינען צו לייקענען מײַן ייִדישקייט, היות זיי קענען דאָס פעסט־שטעלן אַראָפּלאָזנדיק מיר די הויזן... דאָס איז געווען בײַ זיי אַן אָנגענומענער מעטאָד. דערצו האָב איך לויט זייערע רייד זיך איבערצייגט, אַז זיי ווייסן אַ סך וועגן מיר. דאָס מודה זײַן זיך צו ייִדישקייט האָט מיך דערווײַלע פאַרשפּאָרט ווײַטערדיקע עינויים. מען האָט מיך געשלאָסן אין קייטן און אַראָפּגעפירט אין אַ קאַמער אין קעלער.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען מיך ווידער אַרויסגעפירט צו אַן אויספאָרשונג. כ'בין געווען איבערראַשט, דערזעענדיק פאַר זיך אַדעלען און די גאַנצע גרופּע, וואָס איז געקומען מיט מיר קיין ביעלסק. בעת דער אויס־פאָרשונג האָבן די געסטאַפּאָווצעס אויך דערמאָנט די נעמען פון העשל שפּרינגערס פרוי, עליזע, און שׂרה קוקיעלקאָ. די לעצטע צוויי זענען מיט עטלעכע טעג פריִער אַרויס פון בונקער אין מיכאַלקאָוויצע און געפאָרן אין אַ דאָרף אין אייבער־שלעזיע, ווו עס זענען געווען אויסבאַהאַלטן עטלעכע חברים פון קיבוץ „דרור“, און וועלכע זיי האָבן עס געדאַרפט ברענגען צו די שמוגלערס, כדי זיי אַריבערצופירן קיין אונגאַרן. כ'האָב נאָך אַלץ נישט

פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס דאָס אַלץ האָט זיך קאָנצענטרירט דווקא אין דער געסטאַפּאָ פֿון ביאַליסטאָק.

בעת דער אויספֿאַרשונג האָט מען מיט פּייניקונגען געפּרוווט דריקן אויף דער גרופּע, באַזונדערש אויף אַדעלען, זי זאָל משפּיע זײַן אויף מיר, איך זאָל זיך מודה זײַן. אַדעלע האָט זיך אָבער שטאַרק געהאַלטן. צום סוף האָט מען אַראָפּגעצויגן פֿון אַדעלען דעם נאַרטן־קאָסטיום און געצוווּנגען מיך אים אָנצוטאָן. איר האָבן זיי געגעבן אַן אָפּגעריסן קלייד און מײַנע מלבושים האָבן זיי צוגענומען. כ'האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן נישט נאָר כּדי אָפּצושפּאָטן פֿון אונדז. נאָר אויך ווי אַ מיטל, מיר זאָלן נישט אַנטלויפֿן, ווײַל אין אַזעלכע בגדים איז שווער געווען צו באַווײַזן זיך אין גאַס, ניט צײַענדיק אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך געבראַכט אויף אַ קאָנפֿראָנ־טאַציע מיט מיעטעק קאָבילעץ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך אײַנגעפּונען אין זעלבן אַרעסטהויז. פֿאַר דעם האָבן די געסטאַפּאָווצעס בעת מײַן אויספֿאַרשונג געזאָגט, אַז מיעטעק האָט זיך מודה געווען. איך האָב זיי נישט געגלייבט, אָבער כ'בין געווען גליקלעך, ווען בײַם אַרײַנקומען האָבן מיר באַוויזן צו געבן איינער דעם אַנדערן אַ צייכן מיט די אויגן, אַז מיר קענען זיך נישט. אַזוי האָבן מיר טאַקע געטענהט. אים האָט מען גלײַך אַרויסגעפֿירט, און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איצט דערוואַרט מיך אַ פֿאַרציע קלעפּ.

כּדי דאָס אויסצומײַדן און אויך כּדי צו צעמישן די אויספֿאַרשערס, האָב איך אָנגעגעבן אַן אַדרעס פֿון אַ פּאָליאַק, בײַ וועלכן איך האָב זיך אויפֿגע־האַלטן אַ קורצע צײַט און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר און שאַנטאַזשיסט. ער האָט געצויגן פֿון ייִדן געלט און נאָך דעם זיי אַרויס־געגעבן דער פּאָליציי. כ'האָב אָנגעגעבן זײַן אַדרעס און דערקלערט, אַז איך האָב בײַ אים געוווינט און נאָך דעם האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט איבער וועלדער און פֿעלדער אויסער דער שטאָט. צו מײַן מזל האָבן זיי מיך מער נישט געפּאַרשט. קאָן זײַן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב זיך מודה געווען, האָבן זיי שוין נישט געהאַט קיין אינטערעס מיך ווײַטער צו פֿאַרשן, היות ווי אַ ייִד בין איך סײַ ווי געווען פֿאַרמישפּט.

אין דער קאַמער זענען געווען פאַרשפּאַרט פאַרשיידענע אַרעסטאַנטן, פאַרהאַלטענע פאַר קלענערע און גרעסערע עבֿירות, בעיקר קרימינעלע. איינער פון זיי איז געווען דער קאַליפאַקטאָר, באַשטימט דורך דער אַדמיניסטראַציע צו פאַרטיילן דאָס עסן און צו זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג אין דער קאַמער. ער האָט געהאַט רעכט צו באַוועגן זיך איבערן קאָרידאָר אָן דער באַגלייטונג פון אַ שומר. כ'האָב באַמערקט אַז ער טראָגט צעריסענע שיך, און איך האָב געהאַט אויף די פיס אַ פּאָר גוטע, כמעט נײַע בערג־שטײַגער־שיך — הויכע, פעסטע, ספּעציעל צום קלעטערן אויף בערג. כ'האָב אים פאָרגעשלאָגן אַ טראַנסאַקציע — זיך צו בײַטן מיט די שיך פאַרן פּרײַז, ער זאָל מיר געבן אַ געלעגנהייט צו זאָגן עטלעכע ווערטער אַדעלען, וואָס האָט זיך געפונען אין דער שכנותדיקער קאַמער.

ער האָט מסכּים געווען. אַדעלע האָט באַוויזן דורכן פענצטערל אין דער קאַמער־טיר מיר איבערצוגעבן דעם אַדרעס, וווּ זי האָט אויסבאַהאַלטן איר שוועסטערס אַ מיידעלע, וואָס זי האָט צוגענומען בײַ איר, ווען מען האָט זי בעת דער אויסזידלונג געשיקט אין אַ לאַגער.* זי האָט מיך באַשווירן, אַז אויב ס'וועט מיר געלינגען אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער פרײַ, זאָל איך זאָרגן פאַרן קינד. כ'האָב איר צוגעזאָגט, כאָטש איך האָב נישט געחלומט, אַז כ'וועל אַרויס פון דאַנען אַ לעבעדיקער.

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך טאַקע געמאַכט, און לגמרי אומגעריכט. אין איינעם אַ טאָג האָבן די דײַטשן געפרעגט, צי עס געפינט זיך נישט אײַן צווישן די אַרעסטאַנטן אַ סטאָליער. איך בין קיין סטאָליער נישט געווען, אָבער כ'האָב פון קינדווײַז ליב געהאַט צו מײַסטרעווען מיט אַ זעג און הובל. נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך זיך געמאָלדן. היות ווי דאָס איז געווען אַ פּאָליציי־אַרעסט און די מערהייט אַרעסטאַנטן איז דאָרטן געהאַלטן געוואָרן בלויז עטלעכע טעג, האָבן זיי זיך נישט שטאַרק אָריענטירט ווער איך בין און מיך גענומען צוזאַמען מיט אַן אַרעסטאַנטין, אַן אוקראַינערין, וואָס האָט נישט געקענט קיין וואָרט דײַטש.

באַגלייט פון צוויי דײַטשישע פּאָליציאַנטן, באַוואָפנטע מיט ביקסן,

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אין פאַרמעסט מיטן טויט".

זענען מיר אַרויס. די פּאַליציאַנטן זענען, קענטיק, געווען נישט קיין געניטע, האָבן זיי געגלייבט אין דער געשיכטע וואָס איך האָב זיי דערציילט אויפן וועג, אַז איך בין אַ „פאָלקסדויטש", און מען האָט מיך פאַרהאַלטן פאַרן האַנד־לען אויפן שוואַרצן מאַרק. אין זייערע אויגן בין איך, אויב אַזוי, נישט געווען קיין שווערער פאַרברעכער, וועלכן מען דאַרף שטאַרק היטן.

זיי האָבן אונדז געבראַכט אין אַ פאַרלאָזטן סטאָליער־וואַרשטאַט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען דאַרף גאָר נישט קיין סטאָליער־אַרבעט. דער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אין אַ לאָקאַל מיט אַ גרויסן פענצטער צו דער גאַס צו, און זיי האָבן געוואָלט, מיר זאָלן אָפּרייניקן דעם פענצטער און פאַרקלעפּן מיט לאַזונגען, כּדי מען זאָל פון דער גאַס נישט זען, אַז דאָס איז אַ פאַרלאָזטער לאָקאַל. מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דער אוקראַינערין האָבן זיי דערלויבט אַרויסצוגיין אין דרויסן כּדי צו וואַשן די שויבן. כאָטש זיי האָבן, ווי געזאָגט, מיך נישט באַטראַכט פאַר קיין גרויסן פאַרברעכער, האָבן זיי מיך פון דעסטוועגן געהיט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איינער פון די פּאַליציאַנטן געזאָגט, אַז ער דאַרף צוגיין עפּעס קויפן אין דער אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות. דער צווייטער איז געבליבן אַליין אונדז היטן. כ'האָב אים פאַרגעשלאָגן, אַז איך וועל אַרויסגיין העלפן דער אוקראַינערין, ווײַל עס ווערט שפּעט און זי וועט נישט באַוויַזן פאַר־ענדיקן די אַרבעט. ער האָט מסכּים געווען.

דער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אויף אַ ראָג פון שמאָלע געסלעך. כ'האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען דער פּאַליציאַנט איז געשטאַנען אויס־געדרייט צו אונדז מיטן רוקן, בין איך אַרײַן אין געסל און גענומען לויפן, פאַרשטייענדיק אַז אין ערשטן מאָמענט וועט מײַן שומר זיך נישט אָריענטירן אין וועלכער ריכטונג איך בין געלאָפן. ווײַט לויפן האָב איך נישט געקאָנט, היות אַפילו גייענדיק האָב איך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט מײַן משונהדיקן מלבוש. דערצו בין איך געווען שטאַרק פאַרשמוצט פון ראַמען דעם וואַרשטאַט.

כ'בין אַרײַן אין ערשטן טויער וואָס איז געווען אָפן, און אַרויפגעקלע־טערט אויפן דאַך פון הויז. כאָטש איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, האָבן מיך די אײַנוווינער באַמערקט. כ'האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ געהילף פון

קוימען־קערער, וואָס דאַרף באַלד קומען און כ׳וואָרט אויף אים. מײַן ענטפער האָט זיי נישט איבערצײַגט און זיי האָבן גענומען רופן דעם הויזוועכטער, ער זאָל זיך מיט מיר פאַרנעמען.

אַ גליק, וואָס איך האָב באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן אײדער דער הויזוועכטער איז געקומען. כ׳בין אַרײַן אין שכנותדיקן הויז און ווידער זיך באַהאַלטן אויפן דאַך. דאָס מאָל האָט קײנער מיך נישט באַמערקט, און איך בין דאָ פאַרבליבן ביז ס׳איז געוואָרן טונקל.

וואָס ווײַטער? ס׳איז מיר געוואָרן אַלץ קעלטער, דערצו נאָך זענען מײַנע קלײדער געווען פײַכט. כ׳האָב געפילט, אַז לאַנג וועל איך אַזוי נישט אויסהאַלטן. אַגב, וואָס פאַר אַ זינען האָט געהאַט צו בלײַבן אויפן דאַך? ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער, בין איך אַראָפּ און אַוועק אָן אַ ציל. צו מײַן מזל זענען אין ביעלסק די גאַסן נישט געווען באַלויכטן צוליב די באָמ־באַרדירונגען און די פענצטער האָט מען געמוזט פאַרנעפּלען. טאַקע צוליב דער פינצטערניש בין איך אַרויף אויף אַ פאַרצוימונג פון שטעכלדראָט און צעקאַליעטשעט די ברוסט און אַ פוס. דערווײַלע האָב איך נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. אפילו נישט געפילט אַזוי שטאַרק דעם ווייטיק.

כ׳בין געגאַנגען ווײַטער אָן אַ ציל. צוקומענדיק צו אַ געוויסן אָרט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָ נישט ווײַט וווינט אַ פּוילישע פרוי, אַ פרײַנדין פון פּאַוועל יאַוואָרסקי, וועלכע איך האָב אַ מאָל געהאַט באַזוכט צוזאַמען מיט אַדעלע גוטערמאַן. ס׳איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט, בעת איך האָב אָנגעקלאַפּט אין איר טיר מיטן אויסרייד, אַז איך זוך אַדעלען. היות די פרוי האָט מיך געקענט, האָט זי מיך אַרײַנגעלאָזט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר נישט דערציילט וועגן אונדזער לאַגע — אַדעלע אין אַרעסט און איך — אָן אַנטלאָפענער פון אַרעסט. כ׳האָב צוגעטראַכט אַ מעשׂה, אַז איך בין באַשעפטיקט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. אפילו אָנגעגעבן דעם נאָמען פון דער פאַבריק, וואָס איך האָב געזען אויף אַ שילד, ווען מען האָט אונדז בײַ טאָג פאַרבײַגעפירט. כ׳האָב דערציילט, אַז איך האָב געאַר־בעט בײַ אַ באַלאָן מיט גאַז, וואָס האָט אויפגעריסן, בין איך אַנטלאָפן אויס מורא, אַז די דײַטשן וועלן מיך אַרעסטירן פאַר סאַבאָטאַזש. עס זענען באמת געווען פאַלן, ווען בעת קאַטאַסטראָפעס אין אונטערנעמונגען פלעגן פּוילישע

אַרבעטער אַרעסטירט ווערן אונטער דער באַשולדיקונג פון סאַבאָטאַזש. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט געוווסט, אַז איך בין אַ ייִד און האָב נישט ביי זיך קיין שום דאָקומענט. זי האָט אָנגענומען פאַר אמת מײַן מעשׂה, געהאַט מיטלייד און דערלויבט מיר איבערנעכטיקן. זי האָט מיר אויך געגעבן עפּעס אָפּצועסן. כ'האָב זיך אַ ביסל אויסגערוט. בלײַבן בײַ איר האָב איך נישט געקאָנט, ווײַל זי האָט געהאַט אַ דײַטשישן סובלאָקאַטאָר, און איך בין אויך נישט געווען פאַראינטערעסירט צו בלײַבן אין דער שטאָט, וווּ מען האָט מיך, אָן ספק, געזוכט. זי האָט מיר געבאָרגט עטלעכע מאַרק אויף אַ באַנבילעט קיין קאַטאָוויץ, און פאַר טאָג בין איך אַרויס פון איר שטוב.

אויף דער באַנסטאַציע אין ביעלסק האָב איך מורא געהאַט צו גיין, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז מען וועט מיך דאָרט זוכן. בין איך געגאַנגען צו פוס צוויי סטאַציעס אין דער ריכטונג פון קאַטאָוויץ און ערשט דאָרטן אַרײַן אין אַ צוג. אין מײַנע פאַרשמוצטע בגדים האָב איך אויסגעזען ווי אַן אַרבעטער, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט זײַן אַרבעט. כ'האָב געפונען אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל פון וואַגאָן און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך בין מיד און כאַפּ אַ דרעמל. מיד בין איך באמת געווען, אָבער געמאַכט האָב איך די גרעסטע אָנשטרענגונג צו זײַן וואַך. אויפן וועג צווישן ביעלסק און קאַטאָוויץ איז פאַראַן אַ סטאַציע, פּשטשינאַ. דאָס איז אַ באַנקנופּ וווּ דער צוג פאַרהאַלט זיך לענגער, דאָס פלעגן די דײַטשן אויסנוצן צו מאַכן קאָנטראָלן. צו מײַן אומגליק איז דאָס טאָקע אַזוי געשען. ס'איז אַרײַן אַ פּאַטרול פון דער מיליטערישער זשאַנדאַרמעריע און גענומען קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. מיט די לעצטע כּוחות האָב איך זיך באַמיט צו פאַרהיטן מײַן גלײַכגילט. צו מײַן מזל און נאָך גרעסערער איבערראַשונג האָט דער צוג גענומען זיך רירן, איידער מען איז דערגאַנגען צו מיר. די זשאַנדאַרן זענען אַרויסגעשפּרונגען פון צוג אין דער לעצטער רגע. ווײַזט אויס, אַז ניט געקוקט אויף מײַנע באַמיִונגען האָב איך נישט געקאָנט באַהערשן דעם פּחד, וואָס איז מיך באַפאַלן און איז געווען צו זען אויף מײַן פּנים. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן גענומען קוקן אויף מיר, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז איך בין נישט כּשר פאַר די דײַטשן. אָבער דאָס האָט דווקא דערוועקט סימפּאַטיע צו מיר אויף

אַזוי, אַז ביז איצט האָבן אַלע גערעדט דײַטש און באַלד איבערגעגאַנגען אויף פּויליש. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער שטימונג אין פּוילן אין יענע טעג. די רייד האָבן מיך איבערצײַגט, אַז ווען מען זאָל וויסן, אַז איך בין אַ ייִד, וואָלט מען מיר נישט אַרויסגעוויזן קיין סימפּאַטיע...

איך בין דערפֿאָרן בשלום ביז קאַטאָוויץ און, פֿאַרשטייט זיך, גלײַך אַוועק צו טערעסען. דערזעענדיק מיך, איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. קודם־כּל האָב איך זיך אַרומגעוואַשן. זי האָט מיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, געגעבן עסן און מיט היימישע מיטלען געגומען היילן מײַנע ווונדן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. די ווייטיקן אין די ווונדן האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דאָס קאָן זײַן אַ בלוט־פֿאַרגיפטונג. האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אַ דאָקטער, וועלכן איך האָב געקענט. פֿאַר דער מלחמה האָט ער געהיילט מײַן שוועסטער און מײַן פֿאָטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אים האָב איך נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן מײַן ייִדישן אָפּשטאַם. דערזעענדיק מיך, האָט אים באַהערשט אַ גרויסער פּחד, כאָטש איך האָב געפֿילט, אַז ער וויל מיר העלפֿן. ער האָט מיך אונטערזוכט, נישט גענומען קיין געלט פֿאַרן וויזיט און נישט געקאָנט דערוואַרטן די מינוט, איך זאָל שוין זײַן אויף דער צווייטער זײַט טיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳וועל מסתּמא מוזן אָנקומען צו אַ כירורג, ווײַל די ווונדן זענען ערנסטע.

אין קאַטאָוויץ איז געווען אַ כירורג, ד״ר קאָוואַלסקי, וואָס האָט געשמט נישט נאָר ווי אַן אויסגעצייכנטער ספּעציאַליסט, נאָר אויך ווי אַן אָנשטענדיקער מענטש. פֿאַר אים האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אַ „פֿאָלקסדויטש", האָבנדיק מיט זיך אַ דאָקומענט פֿון טערעסעס זון אויפֿן נאָמען עדוואַרד קלימעק. גערעדט האָבן מיר דײַטש. ער האָט מיך אונטערזוכט און דער־קלערט, אַז מען מוז מיך אָפּערירן. נעמענדיק פֿאַרשרײַבן מײַנע פּערסאָ־נאַליען, האָט ער געפֿרעגט וועגן מײַנע מעגלעכקייטן צו באַצאָלן די הוצאות פֿון דער אָפּעראַציע. אויך געפֿרעגט, צי איך האָב עלטערן. כ׳האָב אים גע־ענטפֿערט אין פּויליש אויף אַ נישט קלאָרן אופֿן: „נישט ספּעציעל". ער איז אַ ביסל איבערראַשט געוואָרן, איז אויפֿגעשטאַנען, גוט פֿאַרמאַכט די טיר און געזאָגט צו מיר שוין אויף פּויליש: „הער קלימעק, אויב איר מוזט זיך

אויסבאַהאַלטן קאָן מען די אָפּעראַציע מאַכן נאָר ביַי מיר אין שפּיטאָל״. ער איז געווען אָרדינאַטאָר אין שפּיטאָל ביַי דער קוילן־גרוב אין קאַטאָוויצער פאָרשטאָט וועלענאָוויעץ, וואָס האָט געהערט צום קאָנצערן „הערמאַן גע־רינג״.

ד״ר קאָוואַלסקי האָט זיך באַמיט איך זאָל האָבן וואָס ווייניקער צו טאָן מיט אַנדערע דאָקטוירים און אַפילו קראַנקן־שוועסטער. ווי וויַיט מעגלעך האָט ער זיך אַליין מטפּל געווען מיט מיר, כאָטש איך האָב ביז דעמאָלט אים אָפיציעל נאָך נישט געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִד, אָבער ער האָט זיך שוין במילא אָריענטירט...

אויפן דריטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע, כ׳האָב זיך שוין געפילט בעסער און אַפילו אַראָפּ פון בעט, איז געקומען געסטאַפּאָ מיט אַ באַפעל מיך צו אַרעסטירן. לויט אַלע סימנים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט מיך געמסרט. ווער זשע? וויַיזט אויס, צו ערשט האָבן זיי נאָך נישט געוווּסט אַלע פּרטים וועגן מיר, וויַיל ד״ר קאָוואַלסקי האָט געזאָגט, אַז אין דעם צושטאַנד ווי איך בין, קאָנען זיי מיך נישט נעמען. זיי האָבן מסכּים געווען מיך צו לאָזן אין שפּיטאָל נאָך 24 שעה, מיטן באַדינג, אַז איך וועל זיַין איזאָלירט אין אַ באַזונדער צימער, און אויסער דעם דאָקטער און אַ קראַנקן־שוועסטער וועט קיינעם נישט דערלויבט זיַין אַריַינצוקומען.

דעם זעלבן אָוונט איז געקומען צו מיר ד״ר קאָוואַלסקי און דערציילט, אַז די געסטאַפּאָ האָט אים געפאָרשט. ער האָט זיי דערקלערט, אַז איך בין נישט געיִידישט און לויט זיַין זיבערצייַגונג בין איך אַ דייַטש. ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען מלבושים, איך זאָל קאָנען זיך איבערטאָן און קאָנען אַנטלויפן, נישט געקוקט אויף דער סכּנה וואָס ער נעמט אויף זיך. כ׳האָב אים געגעבן אַן ערנוואָרט, אַז אויב מען וועט מיך כאַפּן, וועל איך זיַין נאָמען נישט דערמאָנען, מעג מען מיך שלאָגן און פּיַיניקן. כ׳בין איבערצייַגט, אַז ער האָט מיר באמת געוואָלט העלפן און באַדויערט, וואָס מער קאָן ער פאַר מיר קיין זאַך נישט טאָן. ליידער איז אונדזער פאַרטראַכט נישט געלונגען. משמעות האָט די געסטאַפּאָ באַקומען וויַיטערדיקע אינפאָרמאַציעס וועגן מיר און האָט נישט געוואַרט קיין 24 שעה. באַגינען, ווען ד״ר קאָוואַלסקי האָט געדאַרפט ברענגען מיר די מלבושים, איז מען געקומען מיך נעמען. מען האָט

מיך אָפּגעפירט אין קאַטאָוויצער צענטראַלער תּפיסה און אַרײַנגעלייגט אין תּפיסה־שפּיטאָל. מען האָט מיך איבערגעבאַנדאַזשירט און גלײַך אַוועקגע־פירט צו אַן אויספאָרשונג.

די אויספאָרשונג האָט געפירט אַ הויכער געסטאַפּאָ־אָפיציר, אַ געוויסער פּאַלטין, וואָס איז געווען באַקאַנט בײַ די ייִדן פון זאַגלעמביע. כ׳האָב געהערט, אַז מיט אַ גרויסער סומע קאָן מען אים אונטערקויפן. קיין געלט האָב איך אָבער נישט געהאַט. ער האָט געפרוווט אַרויסבאַקומען פון מיר ידיעות וועגן אונדזער באַוועגונג. כ׳מוז מודה זײַן, אַז ער האָט מיך נישט געפּײַניקט, און די אויספאָרשונג איז געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצע. ווײַזט אויס, אַז ער האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פטרן צײַט אויף מיר.

ערגער איז געווען, ווען נאָך דעם האָבן מיך גענומען פאַרשן דרײַ עס־עס־לײַט פון אַן אָפּטיילונג פאַר ספּעציעלע אויפגאַבעס. פאַר יעדן ענטפער וואָס איז זיי נישט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי מיר דערלאַנגט קלעפּ מיט אַ קייט און מיט אַן אײַזערנער רוט, נישט געקוקט דערויף וואָס איך האָב געהאַט אָפענע ווונדן פון נאָך דער אָפּעראַציע. זיי האָבן מיר אָפילו געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ, און איך האָב זיך פאַרגאָסן מיט בלוט. נאָך דעם האָבן זיי מיך אַרויסגעפירט אין דער פּיזשאַמע, אַזוי ווי זיי האָבן מיך גענומען פון שפּיטאָל, און אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שטאַרקע קעלט. (דאָס איז געווען אין מאַרץ 1944.) זיי האָבן מיך אַרײַנגעזעצט אין אַן אויטאָ, געבראַכט קיין סאָסנאָוויץ און אַרומגעפירט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, איך זאָל זיי ווײַזן וווּ עס באַהאַלטן זיך ייִדן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט געוווּסט, אַז אין סאָסנאָוויץ זענען נאָך פאַראַן אויסבאַהאַלטענע ייִדן. מיר האָבן שוין דאָרטן לאַנג נישט געהאַט קיין בונקערס און נישט קיין באַהעלטענישן, ווײַל מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָ איז די לאַגע זייער אומ־זיכער. אונדזער גאַנצע רעטונג־טעטיקייט איז געוואָרן קאָנצענטרירט אין אייבער־שלעזיע, וווּ אין קעגנזאַץ צו די פּאָליאַקן אין סאָסנאָוויץ האָבן די אָרטיקע דײַטשן נישט דערקענט קיין ייִדן. (שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין אוישוויץ, האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ געוויסן דוד ליפּשיץ פון כזשאַנאָוו, אַז אין דער צײַט האָבן זיך טאַקע נאָך אויסבאַהאַלטן אין סאָסנאָוויץ קליינע גרופּעס ייִדן, צווישן זיי עטלעכע פון כזשאַנאָוו.)

אין גאַנג פֿון דער אויספֿאָרשונג האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז „פֿאַרשיט" האָט מיך דווקא אַ ייִד, אַ געוויסער ברוך כּהנא פֿון כזשאַנאַוו, וועלכן איך אַליין האָב אַרײַנגעפֿירט אין אונדזער באַוועגונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײַנאַנד מיט מיר איז אַרעסטירט געוואָרן אויך טערעסע קלימעק און נאָך אַ פּוילישע פֿרוי, בײַ וועלכער מיר האָבן געהאַט אַ געהיימע דירה. וועגן דער צווייטער דירה האָבן געוווּסט נאָר איך און דער דערמאָנטער כּהנא. פּרטים וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז טאַקע ער האָט אונדז פֿאַרראַטן, האָב איך זיך דערוווּסט שוין זײַענדיק אין אוישוויץ, אָבער צו דעם וועל איך זיך נאָך אומקערן.

דערווײַלע האָט מען מיך געשיקט אין דער תּפֿיסה אין מיסלאָוויץ, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט איר שווערן רעזשים. דאָרטן בין איך אַדורך שיבֿעה-מדורי-גיהנום. כ'האָב זיך צוגעפּגעטראָפֿן מיט פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון צווישן די אַרעסטירטע, סײַ קרימינעלע, סײַ פּאָליטישע. איך וויל דאָ דערציילן וועגן איינעם פֿון זיי. מען האָט אים גערופֿן „דער שוואַרצער בעלגיער", ווײַל ער איז געווען פֿון בעלגיע און געהאַט שוואַרצע וואָנצעס. (זײַן פֿאַקטישן נאָמען געדענק איך נישט.) הגם ער איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַן אַריסטאָקראַט. ער איז געווען אַן אָפֿיציר אין דער בעלגישער אַרמיי, באַהערשט ענגליש, פֿראַנצייזיש, דײַטש. געקענט אַפֿילו אַ ביסל כינעזיש. לויט דעם ווי ער האָט מיר דערציילט, איז ער אַ געוויסע צײַט געווען מיליטערישער אַטאַשע פֿון בעלגיע אין כינע. מען האָט אים אַרעסטירט אונטערן חשד פֿון שפּיאָנאַזש לטובֿת בעלגיע. אין דער תּפֿיסה פֿון מיסלאָוויץ האָב איך געטראָפֿן אַ גוטן גאַרניטער, וועלכן מען האָט מיר צוריקגעבראַכט פֿון שפּיטאָל. אַרעסטאַנטן פֿון די „שטאַרקע" האָבן עטלעכע מאָל מיר פֿאַרגעשלאָגן איך זאָל זיי „פֿאַרקויפֿן" דעם בגד. כ'האָב אָבער אָפּגעזאָגט, ווײַל דער אויסערלעכער אויסזען פֿון אַן אַרעסטאַנט האָט אין אַ גרויסער מאָס דעצידירט וועגן זײַן פּאָזיציע צווישן די „קאָלעגן" אין דער קאַמער. דעם לעצטן טאָג פֿאַרן אַרויסשיקן דעם „שוואַרצן בעלגיער" (מען האָט געזאָגט, אַז מען שיקט אים קיין ווילהעלמסהאַפֿן), האָב איך אים אָפּגעגעבן מײַן אַנצוג, ניט האָבנדיק במילא וואָס צו פֿאַרלירן. איך האָב שוין געוווּסט, אַז מען שיקט מיך קיין אוישוויץ.

דעמאָלט האָט מיר דער בעלגיער מגלה געווען דעם סוד, אַז ער איז אַ ייִד. אַפּילו אַ זון פון אַ רב, און ער קען העברעיִש.

פון מיסלאָוויץ האָט מען מיך געשיקט אין טרויעריק באַרימטן אוישוויץ. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ קורצע צײַט נאָך מײַן אַרעסט איז אויך אַרעסטירט געוואָרן זיגמונט סטאַנקעוויטש, אַ פּאָליאַק פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, וואָס איז געשטאַנען מיט אונדז אין פאַרבינדונג. דאָס איז געווען אַ געבילדעטער, הויך קולטורעלער מענטש. ער איז געווען גרייט בלב־ונפש צו העלפן ייִדן. אויסער מיר און אַדעלען, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר אַרעס־טירט געוואָרן אין ביעלסק, האָט וועגן אים געוווּסט בלויז ברוך כּהנא. דער ענין איז מיר געוואָרן אין גאַנצן קלאָר נאָך דעם, ווי איך האָב אין אוישוויץ זיך באַגעגנט מיט לעאָן ווײַנטראַוב, איינער פון אונדזער גרופּע, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט פּעלע קאַץ (זיי וווינען איצט אין תּל־אָביב). ווײַנטראַוב האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין קאַטאָוויצער תּפיסה איז ער אַרײַנגעפאַלן אין איין קאַמער מיט זיגמונט סטאַנקעוויטש, וואָס האָט אים דערציילט, אַז בעתן פאַרשן אים און די אַנדערע מיטגלידער פון פּוילישן אונטערגרונט, האָט די געסטאַפּאָ אָפן זיך באַנוצט מיט די עדות־דערקלע־רונגען פון ברוך כּהנא.

אָט דעם כּהנא האָב איך געהאַט אַרײַנגעפירט אין אונדזער באַוועגונג נאָך אין יאָר 1942. ער איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ נאָכן אַנטלויפן מיט נאָך אַ חבר פון דער תּפיסה אין קאַטאָוויץ. ער איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ העלד. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט רעקאָמענדאַציעס פון אונדזערע חברים, וואָס האָבן אים געקענט פון פריִער, אין כזשאַנאָוו. ער איז געווען דרייסט, פיפיק. פאַרנומען האָט ער זיך בעיקר מיט שוואַרץ־האַנדל און מיט שמוגלען פּראָדוקטן איבער דער גרענעץ פונעם גענעראַל־גובערנאַמענט און דעם רײַך. און דאָס האָט געבראַנגט גרויס נוצן אונדזער טעטיקייט.

אין ווינטער 42־1943 איז ער פּלוצעם פאַרשווּנדן. עס זענען געווען קלאַנגען, אַז ער איז דערשאָסן געוואָרן אויף דער גרענעץ. אין אַ יאָר אַרום, האַרבסט 1943, האָב איך אים צופעליק באַגעגנט אין קאַטאָוויץ, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער פּאָסט בײַ אַ טעלעפאָן־בײַדל. ער האָט מיר דער־ציילט אַ געשיכטע, וואָס האָט זיך קוים געלייגט אויפן שׂכל. אָבער אין יענע

טעג זענען מיט מיר אַליין געשען זאַכן, אין וועלכע ס'איז שווער געווען צו גלייבן און דאָך איז עס געווען אמת. ער האָט דערציילט, אַז ער איז פון די דײַטשן אַנטלאָפן אין וואַלד אַרײַן. דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ גרופּע פון די נ.ס.ז.־לײַט, די אַזוי גערופענע „נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע כוחות". דאָס איז געווען אַ פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע. באַצייכנט האָט זי זיך ווי אַ פּאַרטיזאַנישע, אָבער פאַקטיש צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דײַטשן, אַרויסגעגעבן זייי פּאַטריאָטישע קעמפער און אַליין אויסגעהרגעט אין די וועלדער גאַנצע אָפּטיילונגען פון דער ראַדיקאַל־לינקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג „אַרמיאַ לודאָוואַ". באַזונדערש האָבן זיך די נ.ס.ז.־לײַט אויסגעצייכנט מיט אַ זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם און אומגעבראַכט ייִדן, וואָס זענען געלאָפן אין די וועלדער. לויט כּהנאס רייד האָט ער געוווּנען די סימפּאַטיע פון אָט די לײַט, אָבער צום סוף איז אים נימאס געוואָרן צוצוזען זייערע פאַרברעכנס און ער האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז ער איז אַ ייִד, איז ער פון זיי אַנטלאָפן. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער האָט זיך אין קאַטאָוויץ אַרײַנבאַקומען צווישן דײַטשן, אַפילו געסטאַפּאָוועצעס, און ער קאָן אונדז דערמיט אַ סך העלפן.

דאָס איז שוין געווען בײַם סוף פון אונדזער טעטיקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין אַריבערפירן מענטשן קיין אונגאַרן. אויסער מיך האָט ער זיך באַקענט מיט אַדעלען, זיגמונט סטאַנקעוויטשן און דעם אויבן דערמאָנטן פּאַוועל יאַוואָרסקין, וועלכן די דײַטשן האָבן אין דער זעלבער צײַט, קורץ נאָך מײַן אַרעסט, דערשאָסן אין קאַטאָוויצער קאָשטשיושקאָ־פּאַרק. ווי אַזוי כּהנא איז געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַגענט פון געסטאַפּאָ, איז מיר נישט קלאָר ביז הײַנט. משמעות האָט ער זיך אײַנגעבראַכן בעת אַן אויספאָרשונג און מסכּים געווען זיי צו דינען. ס'איז כאַראַקטעריסטיש וואָס פון אַלע מײַנע לײַדן, אויך אין אוישוויץ, האָב איך אַרומגעטראָגן אין זיך דעם גרעסטן האַס צו אָט דעם נפש. כ'האָב אַלץ געטרוימט, אַז אויב איך וועל אַרויס אַ לעבע־דיקער, וועל איך אַליין זיך נוקם זײַן אין אים — נישט נאָר צוליב דעם פאַרראַט לגבי מיר און מײַנע חברים, פון וועלכע אַ טייל האָט באַצאָלט מיטן לעבן, נאָר בעיקר דערפאַר, וואָס דווקא אַ ייִד האָט אַרויסגעגעבן ייִדן און אויך גורם געווען עינויים און טויט פון נאָבעלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אין

דער שרעקלעכער תקופה פון מענטשן־שׂינאה אויסגעשטרעקט אונדז, ייִדן, זייער ברידערלעכע האַנט. כ׳האָב אָבער נישט זוכה געווען נקמה צו נעמען. די דײַטשן האָבן אים אויסגעענדיקט ווי נאָר זיי האָבן אים מער נישט באַדאַרפט...

ירושלים, 1962—1980

צוואַנציק יאָר שפּעטער

אין דער שטוב פון טערעסע קלימעק אין קאַטאָוויץ בין איך געקומען כּדי אָפּגעבן אַ גרוס פון שמואל ראָזענצווייַג־רון, וועלכן איך האָב באַ־קענט בעת מייַן באַזוך אין ישראל אין 1962, דעמאָלט נאָך אַלס טוריסט פון פּוילן. דערצו בין איך געווען פאַראינטעריגירט פון דעם, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אין די דאָזיקע קעלערשטובן האָט זיך, קענטיק, גאָרנישט געענדערט זינט יענער צייַט. אפשר זענען צוגע־קומען עטלעכע חפצים. נאָר געוויס זענען ניי די צוויי פאָטאָגראַפיעס וואָס הענגען אויף דער וואַנט איבער די בעטן, בשכנות מיטן בילד פון דער הייַ־ליקער מאַריע. פאָטאָגראַפיעס פון צוויי צעשמייכלטע, פון דער זון אָפּגע־ברענטע ייִנגלעך.

— דאָס זענען מייַנע אייניקלעך, — זאָגט מיט אַ געוויסן שטאָלץ טע־רעסע. — כ׳וועל אייַך ווייַזן וואָס זיי שרייַבן מיר.

זי נישטערט אין אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם בייַטל פון וועלכן זי שלעפּט אַרויס אַן אויסלענדישן קאָנווערט מיט ישראלדיקע פּאָסט־מאַרקעס. דער אָפּשיקער — שמואל רון פון ירושלים. צום בריוו, געשריבן אין פּויליש, איז דערגעבן מיט אַ קינדערישער האַנטשריפט אין העברעיִש:

„טייַערע! מיר זענען גליקלעך וואָס אונדזער טאַטע האָט דיך אָפּגעפונען. מיר בעטן דיך זאָלסט זייַן אונדזער באָבע. קיין צווייטע באָבע האָבן מיר נישט. דו ווייסט דאָך ווי אַזוי די נאַציס האָבן זי דערהרגעט. אונדזער טאַטע האָט אונדז אַ סך דערציילט וועגן דיר. מיר ווייסן, אַז אַ דאַנק דיר איז ער לעבן געבליבן. מיר וועלן דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן. דייַנע אייניקלעך — יגאל און עמוס.״

— דאָס זענען ביבלישע נעמען, אמת? — זאָגט טערעסע מיט אַ צופרי־דענעם שמייכל אויפן פּנים. — זיי פרעגן צי איך וויל זייַן זייער באָבע. ווי קאָן דאָס זייַן אַנדערש? מייַן עדעק האָט מיך אויך נישט גערופן אַנדערש

נאָר „מוטערקאַ״. אַזאַ וועט ער שוין פֿאַרבלײַבן פֿאַר מיר, ווי דאָס בעסטע קינד. האָט איר אים באַזוכט אין ירושלים? הערסט, ערנאַ, — רופֿט טערעסע אויס אין אַ פֿריילעכן טאָן צו דער טאָכטער, — דער הער איז געווען אין ישׂראל און באַזוכט אונדזער עדעקן. אוי, ווען איך וואָלט געקאָנט זיי האָבן בײַ זיך, כאָטש אויף אַ קורצער צײַט!

נאָך אַ רגע שטילשווײַגן, ווי אַריבערטראַגנדיק זיך אין ווײַטן אַמאָל, האָט טערעסע גענומען דערציילן ווי זי האָט, אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט פֿון 1943 געבראַכט עדעקן צו זיך.

— דעם אמת געזאָגט, דערוויסנדיק זיך אַז ער איז אַ ייִד האָב איך זיך דערשראָקן. די היטלעריסטן האָבן אָן אויפֿהער איבערגעחזרט די וואָרענונגען, אַז פֿאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן דראָט טויטשטראָף. פֿון דעסטוועגן האָב איך זיך באַהערשט און אים געזאָגט, אַז יעדן מענטש דאַרף מען העלפֿן אין זײַן נויט.

באַלד האָט עדעק זיך גוט געפֿילט אין מײַן שטוב. דעמאָלט האָט ער מיר פֿאַרטרויט, אַז ער האָט נאָך חברים, וועלכע ער מוז ראַטעווען. כ׳האָב צוגע־זאָגט צו העלפֿן. האָט ער געבראַכט צו פֿירן דאָרקען און שפּעטער אַדעלען. אָך, וואָסערע שיינע און העלדישע מיידלעך דאָס זענען געווען!

עדעק און די מיידלעך זענען געגאַנגען אין די געטאָס פֿון סאָסנאָוויץ און בענדין און פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿירט מענטשן. גאָט מײַנער, איר ווייסט, מײַן עדעק האָט איין מאָל אַרויסבאַקומען מענטשן אַפֿילו פֿון בירקענאַו. דאָס רוב זענען עס געווען יונגע חברה. ס׳האָבן זיך אויך געטראָפֿן עלטערע און אַפֿילו קינדער. איך געדענק שוין נישט גענוי ווי אַזוי און ווען ס׳איז געקומען צו מיר די ערשטע גרופּע...

אין יעדער גרופּע זענען געווען אַכט ביז צען מענטשן. דאָ, בײַ מיר, האָבן זיי זיך געוואַשן, איבערגעטאָן. געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט געדאַרפֿט ענדערן זייער ייִדישן אויסזען, זיי זאָלן זיך נישט וואָרפֿן אין די אויגן... די פֿרויען האָט מען געפֿאַרבט די האָר, מענער האָבן זיך צוגעקלעפּט וואָנצעס. דאָ האָבן עטלעכע פֿון זיי באַקומען „אַרישע״ דאָקומענטן, פֿאַרשטייט זיך געפֿעלשטע.

איך און מײַן טאָכטער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען קוים פֿופֿצן יאָר,

האָבן זיי געפירט ביז צו דער באַנסטאַציע אין ברינאָוו. דאָרטן איז געווען זיכערער איַינצושטיַיגן אין דער באַן, ווי אין קאַטאָוויץ. פון דאָרטן זענען זיי געפאָרן קיין ביעלסק, וווּ ס׳האָט אויף זיי געוואַרט מיעטעק קאָבילעץ. ער איז געווען אין קאָנטאַקט מיט שמוגלערס, וואָס האָבן זיי געפירט איבער דער גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. די ייִדן האָבן געהאַט זייערע אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס האָבן זיי געהאָלפן אַריבערקומען דורך אונגאַרן קיין טערקיַי. איר זעט דאָס פּאָסטקאַרטל ? דאָס האָט זיך ביַי מיר פאַרהיט פון יענע טעג. אַזעלכע קאַרטלעך האָבן די געראַטעוועטע געשיקט אויף פאַרשיידענע אַדרעסן, ווי אַ סימן, אַז זיי זענען בשלום אַריבער די גרענעץ.*

איר פרעגט, וויפל אַזעלכע טראַנספּאָרטן זענען אַדורך מיַין ווינונג ? ווער קאָן דאָס איצט געדענקען. אפשר גאַנצע צען. מיַין גאָט ! איר ווייסט וואָס איך האָב זיך אַנגעליטן ? ! איר זעט דאָס קליינע קעמערל וווּ עס שטייט איצט אַ וואַנע ? דאָרטן האָבן צו מאָל געגעכטיקט אַ צענדליק מענטשן. זיי זענען געווען אויסגעהונגערט, ס׳האָט זיי דערוואַרט אַ שווערער און דערצו נישט קיין זיכערער וועג. כ׳האָב זיי געמוזט געבן עסן. אַ פּאָר מאָל האָב איך אָפּגעקאָכט הינטיש פלייש... פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס זיי עסן. וואָס האָט מען געקאָנט טאָן, אַלץ איז געווען אויף קאַרטלעך. זייער שווער געווען צו קריגן שפּיַיז, און איך האָב נישט געקאָנט צוזען די ליַידן פון די מענטשן. אַדרבא, זאָגט, פאַר וואָס האָט מען זיי אַזוי געפּיַיניקט ?

כ׳האָב צוליב העלפן ייִדן איבערגעריסן מיט מיַין משפחה. נאָר איין שוועסטער האָט געוווּסט, אַז ביַי מיר באַהאַלטן זיך ייִדן. אָבער אויך זי האָט אין יענער ציַיט אויסגעמיטן צו מיר צו קומען.

טוט אַ קוק, אין פאַרטער פונעם הויז אויפן הויף איז געווען די ביוראָ פון דער נאַצי־פאַרטיי. איך בין געווען אַן אויפרוימערין אין דער אַ ביוראָ. כ׳האָב געהאַט די פאָלקס־ליסטע נומער צוויי, ס׳הייסט — אַ דיַיטשקע פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, און מיַין מאַן און זון זענען געווען מאָביליזירט

* נאָך מיַין קומען קיין ישׂראל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס דאָזיקע פּאָסטקאַרטל האָט געהאַט געשיקט צו טערעסען פון טערקיַי מיַין קוזינע, העלע הערצבערג־פּרוידענריַיך, אַ שוועסטער פון דאָרע הערצבערג. (זע וויַיטער דעם רעפּאָרטאַזש „פון געטאָ אין זאָוויערטשע ביז עתלית״.)

אין דער דײַטשישער אַרמיי. איר זעט, ווי אַלץ איז געווען פֿאַרפּלאָנטערט! אָבער דווקא דאָס האָט אונדז געהאָלפֿן. די היטלעריסטן האָט נישט געקאָנט אײַנפֿאַלן, אַז אונטער זייער נאָז פֿאַרשטעקן זיך ייִדן, וואָס העלפֿן איינער דעם צווייטן זיך אויסצובאַהאַלטן און שוואַרצן גרענעצן.

כ'ווייס אַליין נישט וואָס פֿאַר אַ כּוח ס'האָט דעמאָלט געשטעקט אין מיר, אַז איך האָב דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן. שווער איז געווען ווינטער 44—1943. כ'האָב די גאַנצע צײַט געציטערט פֿאַרן גורל פֿון די גערודפֿטע, געפֿילט, אַז דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן. און אַזוי איז עס טאַקע געשען, מיט דעם שלימזלדיקן טראַנספּאָרט אין ביעלסק. נאָר וואָס וועל איך אײַך אַ סך דערציילן, איר ווייסט דאָך שוין וועגן דעם פֿון עדעקן גופֿא. אָבער מײַן עדעק האָט תּמיד געהאַט אַ קאָפּ אויף די פּלײצעס. אַפֿילו פֿון דער געסטאַפּאָ האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפֿן.

אומגעריכט איז ער געקומען צו מיר. גאָט מײַנער אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד! אַ פֿאַרבלוטיקטער, אַ פֿאַרוווּנדיקטער. עטלעכע טעג איז ער געלעגן בײַ מיר. מיט יעדן טאָג איז אים אָבער אַלץ ערגער געוואָרן. כ'ווייס נישט גענוי ווי אַזוי דאָס איז פֿאַרגעקומען, אָבער מײַן עדעק האָט אַלץ געקאָנט! ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ באַקאַנטן כירורג, וואָס האָט מסכּים געווען אים אַרײַנצונעמען צו זיך אין שפּיטאָל און אָפּערירן. מען האָט אָבער געדאַרפֿט אַ דאָקומענט. נישט געווען קיין אויסוועג, האָב איך געגעבן עדעקן אַ דאָקומענט פֿון מײַן זון עדוואַרד, וואָס האָט געדינט אין דער אַרמיי. ביז איצט ווייס איך נישט, ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען. צי עדעק האָט גערעדט פֿון היץ און דאָרטן זענען גראָד געלעגן עס־עס־לײַט, צי עס האָט אים עמעצער געמסרט. אויפֿן צווייטן אָדער דריטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע האָט די געסטאַפּאָ אים צוגענומען אַ קראַנקן. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נישט עדוואַרד קלימעק נאָר שמואל ראָזענצווײַג...

פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען גלײַך געקומען אויך צו מיר. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ צעחושטער, אַז כ'ווייס בכלל נישט אין וואָס עס האַנדלט זיך. כ'בין אַרויס צו זיי מיט טענות, אַז מײַן מאַן און זון בלוטיקן אויפֿן פֿראָנט פֿאַרן פֿירער און פֿאַרן „פֿאַטערלאַנד“, און איך בין געבליבן אַליין מיט אַ יונגער טאָכטער. ביידע מוזן מיר שווער אַרבעטן, און זיי

טשעפּען זיך נאָך צו מיר. אויף זייערע פּראַגעס האָב איך געענטפערט, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן פון מײַן זון עדוואַרד און כ'ווייס נישט ווער עס האָט זיך געקאָנט באַנוצן מיט זײַן נאָמען.

די געסטאַפּאָוצעס זענען שוין געווען גענויגט מיר צו גלייבן. דאַרף אָבער געשען אַן אומגליק. ס'איז גראָד אַרײַן אין שטוב דאָס יידישע מיידל דאַרקע. כ'געדענק נישט צי איך האָב געוווסט איר פאַמיליע־נאָמען. כ'ווייס אויך נישט ביז היינט פון וועלכער שטאָט זי האָט געשטאַמט. געווען איז עס שוין נאָכן ליקווידירן די געטאָס. כ'ווייס נישט פאַר וואָס זי איז נישט אַוועק פון קאַטאָוויץ ווי די איבעריקע, צי ווײַל זי האָט געוואַרט אויף עמעצן... וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, כ'האָב זי געהאַט אַרײַנגענומען צו זיך. זי האָט אָבער געמוזט פון צײַט צו צײַט אַרויסגיין אין גאַס, ווײַל זי האָט געזוכט צו פאַרשווינדן. אפשר האָט זי געהאַט פאַרבינדונגען מיט עמעצן. און אין גאַס האָט זי דאָך נישט געקאָנט אַרויס אָן אַ וועלכן נישט איז דאָקו־מענט. פלעגט מײַן טאָכטער בלײַבן אין שטוב, און זי פלעגט מיטנעמען איר דאָקומענט. איז זי צוריקגעקומען גראָד ווען אין שטוב זענען געווען די געסטאַפּאָ־טײַוולאָנים. ווי נאָר זי איז אַרײַן האָבן זיי באַלד חושד געווען, אַז ס'איז אַ יידישקע. ווען זיי האָבן געפאָדערט זי זאָל זיך לעגיטימירן, האָט זי זיי געוויזן דאָס פּאַפּירל פון מײַן טאָכטער... אַלץ איז געווען פאַרשפּילט. דאַרקען האָבן זיי אויף אונדזערע אויגן אַזוי געשלאָגן, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן, און שפּעטער האָט מען זי דערענדיקט. מיך, צוזאַמען מיט מײַן טאָכטער האָבן זיי פאַרשיקט אין אַ לאַגער.

איר זעט דעם דאָקומענט? איך האָב דאָס פאַרהיט ביז היינט.

טערעסע קלימעק ווײַזט מיר אַ רויטן בויגן פּאַפּיר. וואָס איז אָפּגע־בליאַקעוועט פון דער צײַט און צום טייל צעריסן. דאָס איז אַ באַפעל צו פאַרשיקן זי אין אַ לאַגער, אַרויסגעגעבן פון דער געסטאַפּאָ־צענטראַלע אין בערלין מיט דער דאַטע פון 21סטן מײַ 1944. אין דער באַגרינדונג ווערט געזאָגט: „אויפן באַפעל פון ד"ר קאַלטענברונער ווערט טערעסע קלימעק פאַרשיקט אין אַ לאַגער פאַר פאַרברעכנס קעגן דער זיכערקייט פון דריטן רײַך. אויסבאַהאַלטנדיק יידן, האָט זי געשטערט זייער עוואַקואַציע. דערצו האָט זי געהאָלפן אַ זעלנער צו דעזערטירן פון דער ווערמאַכט."

— ווי אַזוי איך האָב זיך אַרויסבאַקומען ? — זעצט פאָר טערעסע איר דערציילונג. — כ׳וועל אײַך נישט ברײַען קיין מעשׂיות און נישט מאַכן פון זיך קיין העלדין. יעדער מענטש באַמיט זיך צו ראַטעווען מיט אַלע מיטלען, פאַרשטייט זיך, מיטן באַדינג, אַז דאָס זאָל נישט זײַן אויפן חשבון פון אַנדערע.

כ׳האָב געמאַכט אין לאַגער דעם אָנשטעל פון אַ נאָזווער פרוי. דערציילט די דײַטשן וועגן מײַן לעבן. כ׳בין געווען דאָס זעכצנטע קינד בײַ מײַן מאַמען און בין אַלט געווען זעקס יאָר, ווען מײַן טאַטע איז געשטאָרבן. כ׳האָב נישט געלערנט אין קיין שול, בין דערצויגן געוואָרן אין נויט, אָבער אין קריסטלעכן גײַסט. מען האָט מיך געלערנט, אַז אַ קריסט דאַרף העלפן יעדן מענטש אין אַ נויט. פון וואַנען האָב איך געקאָנט וויסן, אַז מיטן אַרײַנלאָזן אין מײַן שטוב אַן אָרעמע, עלנטע יתומה גראָב איך אונטער די מעכטיקייט פון אונדזער גרויסן רײַך, האָב איך זיי געפרעגט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַקט וואָס מײַן מאַן און מײַן זון זענען געווען אין דער דײַטשישער אַרמיי, האָט געהאַט אַ ווירקונג. מײַנע דערקלערונגען צוזאַמען מיט מײַנער אַ בקשה האָבן זיי געשיקט קיין בערלין. און נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען מיך באַפרײַט.

איר זאָגט, אַז דאָס איז העלדישקייט. ווייס איך וואָס. זעט איר, מײַן עדעק, ער איז באמת געווען אַ העלד. וויפל מאָל האָב איך אים געבעטן, ער זאָל נישט ריזיקירן. ער האָט דאָך געקאָנט זיצן בײַ מיר רויק ביז צו דער באַפרײַונג. אָבער ער האָט נישט געוואָלט, און אפשר האָט ער נישט געקאָנט אַנדערש. און די אַנדערע ייִדישע בחורים און מיידלעך ?.. זיי זענען באמת געווען דרייסטע חברה. זיי האָבן אַרויסגעפירט פון די געטאָס מענטשן, געראַטעוועט זיי פון טויט. אויסער מײַן דירה האָבן זיי געהאַט נאָך באַהעלטענישן און בונקערס.

איר וווּנדערט זיך, וואָס איך ווין נאָך אַלץ אין די דאָזיקע קעלערשטובן ? איצט איז די זאַך נישט לײַכט, אָבער באַלד נאָך דער באַפרײַונג האָב איך געקאָנט בײַטן די וווינונג. און עס נישט געוואָלט, געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז עדעק וועט זיך אומקערן. ווו וועט ער מיך דעמאָלט געפינען ? און אַזוי איז שוין געבליבן. איר זעט דעם לאָמפּ ? כ׳ווייס ביז הײַנט נישט,

פאַר וואָס עדעק האָט דווקא אַזאַ לאָמפּ געבראַכט צו שלעפּן אַזש פון געטאָ. אפשר האָט דאָס אים אין עפּעס אָדער אין עמעצן דערמאָנט... שוין עטלעכע מאָל האָב איך געוואָלט דעם לאָמפּ אַרויסוואַרפן און קאָן נישט. אין יענע שווערע טעג האָט ער אים געבראַכט אַהער, אויפגעהאָנגען. טאָ זאָל שוין אַזוי בלײַבן.

לאַנגע יאָרן האָט עדעק נישט געגעבן קיין צייכן פון זיך. כ׳בין געווען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען. אוי, וויפל איך האָב זיך אָנגעוויינט... פּלוצעם, אין איינעם אַ טאָג איז געקומען פון אים אַ בריוו. ער האָט געשריבן, אַז פון אוישוויץ איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין פאַרשיידענע לאַגערן. נאָך דער באַפרײַונג האָט ער געקרענקט. כּמעט פיר יאָר געלעגן אין אַ שפּיטאָל אין עסטרײַך. דעמאָלט האָט ער צו קיינעם נישט געשריבן, און קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן אים. ווײַזט אויס, אַז ער האָט זיך אײַנגעבראַכן נאָך אַלע צרות. אָבער אַזאַ איז ער שוין, מײַן עדעק, פאַרטראָגט נישט, מען זאָל זיך אויף אים מרחם זײַן. ערשט ווען ער האָט אײַנגעאָרדנט זײַן לעבן, האָט ער מיר געשריבן און געשיקט אַ פּעקל. ער פרעגט מיט וואָס ער קאָן מיר העלפן.

האָב איך אים געענטפערט: מײַן טײַערער! איך דאַרף גאָרנישט אויסער אַ בריוול פון צײַט צו צײַט. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ס׳גייט אים נישט אַזוי גוט. ער אַרבעט און לערנט זיך. איר זעט, ער שרײַבט מיר, אַז דאָס האָט מײַן הילף און מײַן באַציִונג צו אים און צו זײַנע חברים אים באַווירקט אויס־צוקלײַבן זײַן פּראָפעסיע. ער איז אַ פּעדאַגאָג וואָס פאַרנעמט זיך מיט דערציִען אָפּגעשטאַנענע קינדער. יאָ, מיט מײַן עדעקן האָב איך תּמיד געקאָנט שטאָלצירן. עד, ווען ער קומט צו מיר אויף אַ באַזוך!... דאָס קאָסט אַוודאי טײַער... מוז איך עפּעס שיקן זײַנע קינדערלעך, זיי זאָלן געדענקען, אַז זיי האָבן דאָ אַ באָבע. כ׳האָב זיי שוין געשיקט אַ פּוילישן עלעמענטאַר זיי זאָלן זיך אויסלערנען שרײַבן צו מיר אַ פּאָר ווערטער אין פּויליש. כ׳בין לעצטנס געווען אין וואַרשע, האָב איך געשיקט צו זיי אַ קאַרטל מיטן בילד פון דעם דענקמאָל פאַר די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ.

אין וואַרשע האָט מען מיך פאַרבעטן אין אַ יידישן אינסטיטוט. מיט מיר האָט געשמועסט דער פּראָפעסאָר גופא. כ׳האָב אַלץ אויסגעדערציילט, פּונקט

ווי איצט פאַר אייַך. מען האָט דאָס אויפגענומען אויף אַ טאַשמע. זייער גוט, זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן די צרות, וואָס יידן זענען אויסגעשטאַנען און די העלדישקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן. עדעק האָט מיר געשריבן, אַז אין ירושלים איז דאָ אַן אינסטיטוט וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן די נאַצישע אָקופּאַציע. האָט מיר עדעק אויך געשריבן, אַז ער האָט דאָרטן איבערגעגעבן וועגן מיר, און מען האָט פאַרפלאַנצט אַ בוים אויף מייַן נאָמען אין אַ ספּעציעלן וואַלד צו פאַראייביקן די נעמען פון קריסטן, וואָס האָבן אין יענע שרעקלעכע טעג געהאָלפן יידן. כ׳בין געווען גערירט דערפון. כ׳ווייס נישט, צי איך האָב עס פאַרדינט, אָבער ס׳איז זייער שיין, ווען מענטשן האָבן נאָך אַלע זייערע לייַדן אויסגעקעמפט פאַר זיך אַן אייגן לאַנד, פאַרגעסן זיי נישט אין די, וואָס האָבן זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנט, בעת זיי זענען געווען געיאָגט און געפּלאָגט און פאַרמישפּט אומצוקומען.

קאַטאָוויץ, אַפּריל 1963

אַזיל

איך זיץ אין הויז פון פרוי קאַראַלינע קאָבילעץ, אַן אַלמנה נאָך דעם קוילן־גרעבער פּיאָטר קאָבילעץ, אין אַרבעטער־ייִשוב מיכאַלקאָוויצע, ביי קאַטאָוויץ. צוזאַמען מיט אירע צוויי זין, מיעטשיסלאַוו און וויקטאָר, פירן מיר אַ שמועס, וואָס טראָגט אונדז אַריבער אין יענע טעג פון בלוטיקן טעראָר און פעלקער־שינאה. אין גאַנג פון שמועס באַמי איך זיך צו זוכן די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן די דאָזיקע פּשוטע פרוי צו שטעלן אין קאָן נישט נאָר איר לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון איר מאַן און קינדער, שטעלן אין קאָן אַלץ וואָס זי האָט דערגרייכט מיט שווערער מי במשך פון יאָרן. און דאָס אַלץ בכדי צו געבן אַן אַזיל, אַ מקום־מיקלט צענדליקער פרעמדע, אומבאַקאַנטע פאַר איר ביז דעמאָלט ייִדן.

אַפילו איצט, העכער צוואַנציק יאָר נאָך די געשעענישן, גיט זי זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער העלדישקייט וואָס זי און איר פאַרשטאָרבענער מאַן האָבן בשעתו אַרויסגעוויזן.

— כ׳האָב שוין אַזאַ כאַראַקטער, — זאָגט זי. — כ׳פאַרטראָג נישט קיין עוולות לגבי אומשולדיקע מענטשן.

דערפאַר איז זי און איר גאַנצע משפּחה אַדורכגעגאַנגען דאָס גיהנום פון געסטאַפּאָ, תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. איצט ווען מיר ווילן אָפּפרישן די פאַרלויפענישן פון יענער צייַט, קאָן זי זיך נישט דערמאָנען, ווער פון אירע נאָענטע איז צוריקגעקומען פריִער — דער עלטסטער זון עריק, צי דער ייִנגערער מיעטשיסלאַוו, צי גאָר דער מאַן.

— ניין מאַמע, האָסט אַ טעות, — העלפט איר אַרויס דער זון וויקטאָר.

— דער טאַטע איז געקומען דער לעצטער, שוין עטלעכע חדשים נאָך דער באַפרייַונג. ער איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט נישט געקאָנט דערפאָרן אַהיים. מען האָט אים גענומען אין אַ שפּיטאָל.

זי גופא מיט אירע צוויי ייִנגסטע זין, דעמאָלט קינדער פון פופצן און

זעכצן יאָר, זענען געווען פאַרשפאַרט אין דער טרויעריק באַרימטער מיסלאָ־וויצער תּפֿיסה. דאָס גאַנצע הויז איז געווען צעראַבעוועט און חרוב. אין דאָרף האָט זיך אַפֿילו פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט די גאַנצע משפּחה פון די קאַבילצעס אויפגעהאַנגען אין הויף פון זייער הויז, צוזאַמען מיט די ייִדן, וועלכע זיי האָבן אויסגעבאַהאַלטן.

— מיר האָבן זיך אין קיין זאַך נישט מודה געווען, — זאָגט וויקטאָר. — דער טאַטע האָט אונדז אָנגעזאָגט אַז אין פאַל פון אַ סכּנה זאָלן מיר אַלע זיך האַלטן ביי איינס — מיר האָבן פון קיין זאַך נישט געוווּסט. ער האָט אַלץ גענומען אויף זיך.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַזוי:

ווען די נאַציס האָבן אין יאָר 1939 פאַרכאַפּט פוילן, איז מיעטשיסלאַוו קאַבילעץ אַלט געווען בסך־הכּל זעכצן יאָר. אָבער אויך אין דעם עלטער האָט מען געקאָנט קומען אין קאָנפליקט מיט היטלערס „טויזנט יאָריקן רייך", בפרט ווען זיין גאַנצע משפּחה איז באַטראַכט געוואָרן פאַר „נישט קיין זיכערע עלעמענטן". זיי האָבן נישט באַקומען די „פאָלקס־ליסטע נומער צוויי", ווי די דייטשן האָבן דאָס איינגעפירט בעת דער אָקופּאַציע אויף די שטחים פון אייבער־שלעזיע. די קאַבילצעס האָבן פיגורירט אויף דער שוואַרצער רשימה פון „שטאַאַטלאָזע". דעם עלטסטן זון, עריק, האָט געדראָט טויטשטראָף און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דער היים. דעם ייִנגערן, מיע־טשיסלאַוו, האָט געדראָט פאַרשיקט צו ווערן אין אַ לאַגער. איז אים געבליבן איין אויסוועג: נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון ברודער, אַנטלויפן און וואַנדערן איבער פאַרשיידענע מקומות.

— זיצן מיט פאַרלייגטע הענט האָט מען נישט געקאָנט, — דערציילט מיעטשיסלאַוו. — איך האָב דאָך געמוזט פון עפּעס לעבן. די עלטערן האָבן געהונגערט און איך האָב זיי געדאַרפט העלפן. דעמאָלט טאַקע האָב איך אָנגעבונדן די ערשטע קאָנטאַקטן מיט ייִדן אין סאָסנאָוויץ און אין בענדין. אין אָנהייב זענען דאָס, וואָס אַן אמת, געווען האַנדל־קאָנטאַקטן. שפּעטער האָבן זיי אָנגענומען אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט אַ געוויסן מיעטעק. זיין פאַקטישער נאָמען איז געווען מאיר. זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט. אין דער ערשטער צייט האָב איך זיך

אויפגעהאַלטן בײַ אים אין בענדין. מײַן לאַגע איז נישט געווען קיין בעסערע פון זײַנער, כ׳בין געווען אומלעגאַל.

און ווײַטער דערמאָנט זיך מיעטשיסלאַוו:

— דאָס איז געווען אַוודאי אין 1942, ווען מאיר האָט מיר געזאָגט, אַז אין געטאָ איז פאַראַן אַן אומלעגאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ער׳ט געפרעגט, צי איך קאָן אים העלפן געפינען ערטער אויסצובאַהאַלטן ייִדן. זינט דעמאָלט האָבן מיר צוזאַמען געאַרבעט ביז אונדזער אַרעסט. כ׳געדענק נישט גענוי, אָבער דאָס איז געווען שוין נאָך דער ערשטער גרויסער אויס־אויסזידלונג, ווען איך האָב אַרויסגעפירט עטלעכע מענטשן פון געטאָ און זיי אויסבאַהאַלטן בײַ מײַן שוועסטער קלאַרע. זי האָט געוווינט אין דאָמ־ברוווקע, בשכנות פון קאַטאָוויץ. איר מאַן האָט יאָ געהאַט די „פאָלקס־ליסטע" און געווען מאָביליזירט אין דער דײַטשישער אַרמיי. פּלוצעם האָט ער געשריבן, אַז ער קומט אויף אורלויב. כאָטש שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש און וואָלט אונדז נישט אַרויס־געגעבן, האָבן מיר אָבער געוואָלט אויסמײַדן זײַן צוזאַמענטרעף מיט ייִדן. איז געבליבן איין אויסוועג, אויסבאַהאַלטן די מענטשן אין טויבנשלאַק, אויפן בוידעם אין הויז פון מײַנע עלטערן. מיר האָבן נישט געוווּסט, ווי די עלטערן וועלן רעאַגירן דערויף, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך וועל צו ערשט אַרײַנפירן איינע פון די מיידלעך. כ׳געדענק שוין נישט גענוי צי דאָס איז געווען מאַרישע, מאירס פרוי, אָדער קאַשע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין טיפּיש ייִדישן אויסזען און אַפילו פאַרמאָגט „אַרישע" דאָקומענטן. פאַר דער מאַמען האָב איך קאַשען פאַרגעשטעלט ווי מײַן כּלה. מיר האָב באַקומען די הסכּמה פון די עלטערן און האָבן אַריבערגעפירט צו אונדז אויך די איי־בעריקע און אויסבאַהאַלטן זיי אויפן בוידעם.

— איך האָב געציטערט פון שרעק, — באַמערקט די מוטער קאָבילעץ.

— אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף די מענטשן, כּמעט נאָך קינדער, און יעדערער וויל דאָך לעבן. מײַנע קינדער זענען אויך געווען גערודפט. כ׳האָב געטראַכט, אפשר וועט דעריבער זיי גאָט באַשיצן. מיט דער צײַט זענען צוגעקומען נײַע מענטשן. צווישן זיי אויך מאיר. אויפן בוידעם איז געווען ענג. און דאָרטן האָט מען געקאָנט נאָר זיצן

אָדער ליגן, ווײַל ס׳איז געווען נידעריק. ס׳איז געוואָרן אַלץ קעלטער, און דער עיקר — דאָרטן איז נישט געווען זיכער. איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן בויען אַ בונקער.

דאָס הויז פון די קאַבילצעס געפינט זיך אויף אַ הינטערגאַס פון יישוב און גרענעצט מיט פעלדער. דאָס האָט געשאַפן גינציקע באַדינגונגען צום אַנטלויפן אין פאַל פון אַ סכּנה. און דאָס וויכטיקסטע, מען האָט געקאָנט בײַ נאַכט די אויסגעגראָבענע ערד בײַם בויען דעם בונקער צעשיטן איבער די פעלדער, אומבאַמערקט פאַר בייזוויליקע אויגן.

דער בונקער איז אויסגעבויט געוואָרן אונטער דער קיך פון דער וווי־נונג. דער פּראָיעקט און די גאַנצע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון פּיאָטר קאַבילעץ, וואָס האָט אויסגענוצט זײַן לאַנגיאָריקע פּראַקטיק פון אַ קוילן־גרעבער. ס׳האָט אויך געדינט די דערפאַרונג וואָס מאיר האָט געהאַט בײַם בויען בונקערס נאָך אין געטאָ, בעיקר אין דעם אופן פון מאַסקירן זיי. נאָך דעם ווי מען האָט דעם דאָזיקן מקום־מיקלט אַרויס־געגעבן, און די געסטאַפּאָ האָט דעמאָלירט דאָס גאַנצע הויז, האָט זי דעם בונקער נישט געפונען, אַ באַווײַז, אַז ער איז געווען געבויט „פּאַכמעניש״...

אין בונקער זענען געווען פּריטשעס צום שלאָפן, אַ שטיקל ווענטילאַציע, מען זאָל נישט דערשטיקט ווערן, און אויך אַ געוויסע סיגנאַליזאַציע איז געווען. ווען מען האָט געעפנט די טיר אין שטוב אַרײַן, האָט זיך אין בונקער אָנגעצונדן אַ רויט לעמפּל. אויב דאָס איז געווען אַן אייגענער האָט מען פון שטוב אַרויס דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן, ווען נישט, איז עס געווען אַ סימן, אַז מען מוז אין בונקער זיך פאַרהאַלטן רויִק. צו מאָל האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט ביז דרײַסיק מענטשן און דער בונקער איז געווען אויסגערעכנט אויף פופצן.

— מיר האָבן אויף דעם אויך געמוזט געפינען אַן אויסוועג, — דערמאָנט מיעטשיסלאַוו קאַבילעץ. — כ׳האָב אויסגענוצט דאָס, וואָס איך בין געווען אַנגאַזשירט ווי אַ מוזיקאַנט אין אַ רעסטאָראַן אין ווילקאָוויצע־ביסטרע, וואָס ליגט אין די בעסקידן־בערג, נישט ווײַט פון ביעלסק. דאָרטן האָט מען געקאָנט לײַכט זיך אײַנמעלדן אויף אַ קורצער צײַט ווי אַ טוריסט. דערויף איז גענוג געווען אַ וועלכע נישט איז באַשײַניקונג אָדער אַן אַזוי גערופענע

„פּאַלצאָווקע״. דערויף איז מאיר געווען אַ מײַסטער. ער האָט געקאָנט נאָכ־מאַכן דאָקומענטן און שטעמפּלען. האָט ער טאַקע פֿאַבריצירט דאָקומענטן פֿאַר די מענטשן, וואָס זענען געקומען צו מיר קיין ביסטרע ווי „טוריסטן״. דאָס האָט נישט געוועקט קיין חשד, ווײַל די אַרטיקע פּויערים זענען געווען געוווינט צו אַזעלכע געסט. געהאָלפן אין דעם האָט מיר אויך אַ געוויסער וויקטאָר וועגזשיקעוויטש, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער דאָרף־געמיינדע. מיר האָבן געדונגען צימערן פֿאַר די מענטשן, צו בלײַבן דאָ אַ צוויי וואָכן צײַט. בײַ טאָג פֿלעגן זיי מערסטנס זיצן אין וואַלד, כּלומרשט געגאַנגען אויף „אויספֿלוגן״ אין די בערג. דאָס האָט געהאָלפֿן לינדערן די ענגשאַפֿט אין בונקער, אויך צוגעגעבן אַ ביסל געזונט די מענטשן. נאָך צוויי וואָכן זענען זיי צוריקגעקומען אין בונקער און אויף זייער אָרט זענען אַנדערע אַרויס אויף „אָפּרו״.

אָבער אין בונקער איז געוואָרן אַלץ ענגער. עס זענען כּסדר צוגעקומען נײַע מענטשן פֿון געטאָ. געבראַכט אַהער האָבן זיי די פֿאַרבינדלער, בעיקר מאַרישע, מאירס פֿרוי, קאַשע שאַנצער, פֿעלע קאַץ און אַנדערע. עס דאַרף דערמאָנט ווערן באַזונדערש ראָמאַן קאַלאָדזשעי, אויך פֿון מיכאַלקאָוויצע. ער איז געווען מײַנער אַ חבר. די דײַטשן האָבן אים מאָביליזירט אין דער אַרמיי, פֿון וואַנען ער איז אַנטלאָפֿן. ס׳איז איבער אים געהאָנגען די טויט־סכּנה. דעריבער האָט ער געלעבט אויף פֿאַלשע דאָקומענטן, אַלס דײַטש. סוף זומער 1943, ווען די היטלעריסטן האָבן אומגעבראַכט די לעצטע ייִדן אין זאַגלעמביע, האָט ראָמאַן אַרויסגעפֿירט פֿון סאָסנאָוויצער געטאָ אין שראָדולע עטלעכע ייִדן, צווישן זיי ד״ר ליבערמאַן, אַן אָנגעזעענע פּער־זענלעכקייט. די געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן און עס־עס־לײַט. ווען ראָמאַן זענען האָט דעם דאָקטער שוין געהאַט אַרויסגעפֿירט פֿון דער אַרומרינגלונג, האָט זיי באַמערקט אַ זשאַנדאַר און נאָכגעשאָסן. ראָמאַן קאַלאָדזשעי איז געפֿאַלן טויט אויפֿן אָרט. דעם ד״ר ליבערמאַן האָבן זיי געכאַפּט און געשאָסן.

אונדזער טעטיקייט האָט זיך מיט דער צײַט אויסגעברייטערט. אַחוץ דעם בונקער זענען געווען נאָך מעלינעס און פּונקטן, וווּ ס׳האָבן זיך אויס־געבאַהאַלטן ייִדן, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע.

איך האָב נישט געוווּסט וועגן זיי. מיט דעם אַלעם האָבן אָנגעפירט מאיר און עדעק, וואָס זײַן פּאַקטישער נאָמען איז געווען שמואל ראָזענצווײַג, ער וווינט איצט אין ירושלים. מאיר איז קיין מאָל נישט אַרויס פון בונקער. ער האָט געהאַט אַ שטאַרק „ייִדישן" אויסזען, און מיר האָבן מורא געהאַט אים אַרויסצולאָזן. אַגב, האָט ער געהאַט געניג וואָס צו טאָן אין בונקער מיט זײַנע גאָלדענע הענט. וואָס האָט ער נישט געקאָנט מאַכן! אַפילו גאָלדענע דאָלאַרן האָט ער פאַבריצירט! דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס געדעקט די הוצאות פון דער הילף־טעטיקייט.

מאיר טאַקע האָט מיר געגעבן די אויפגאַבע אָנצובינדן אין ווילקאָוויצער־ביסטרע אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שמוגל אויף דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ. איך האָב געדאַרפט געפינען אַזעלכע, וואָס זאָלן זײַן גרייט צו פירן ייִדן איבער דער גרענעץ. פאַרשטייט זיך, פאַר גוט געצאָלט. מאיר האָט שוין, ווי־זט אויס, געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַ ייִדישער אָרגאַניזאַציע אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס האָט געהאָלפן די ייִדן פאָרן ווײַטער דורך אונגאַרן קיין טערקײַ און פון דאָרטן — קיין ארץ־ישׂראל.

צו יענער צײַט האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט איינעם אַזאַ שמוגלער, ראָמאַן בזשוכאָנסקי. כ'האָב מיט מאירן און שמואלן אַדורכגערעדט די פרטים פון דער נסיעה. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פון זעקס, זיבן ייִדן, צווישן זיי מאירס פרוי. מיר האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן מיט אַ גרעסערער צאָל מענטשן. איך האָב אויף זיי געוואַרט אין ביעלסק. פון דאָרטן האָב איך זיי געפירט קיין זשיוויעץ, ווו איך האָב זיי פאַרבונדן מיט בזשוכאָנסקין, וואָס האָט זיי געזאָלט פירן איבער דער גרענעץ. בזשוכאָנסקי האָט קיין מאָל נישט געקענט פון פריִער די, וואָס ער דאַרף פירן. כּדי מיר זאָלן זײַן זיכער וועגן גורל פון די מענטשן, האָט ער יעדעס מאָל געבראַכט פון זיי, שוין פון דער אַנדערער זײַט גרענעץ, אַ צעטעלע — עטלעכע ווערטער אין ייִדיש, לויט אַ פון פאַרויס באַשטימטן סימן. די „אַרבעט" איז געגאַנגען נישט שלעכט. איך אַליין האָב, ביז מײַן אַרעסט, אַרויסגעפירט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אַכט אָדער נײַן אַזעלכע גרופּעס, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַכט ביז צען מענטשן יעדערע.

דאָס אומגליק איז געשען אין יאַנואַר 1944. צו „שוואַרצן" דאָס מאָל די גרענעץ זענען מיר געווען אַ גרופּע פון צען מענטשן — פינף ייִדן, איך מײַנע צוויי שוועסטער און צוויי קינדער פון דער עלטערער. פּילנדיק אַז אויך אונדז דראָט די טויט־סכּנה, נאָך דעם ווי די גאַנצע משפּחה איז אַרײַנ־געפאַלן, האָבן מיר געוואָלט אַריבער די גרענעץ. מיר זענען געפאָרן באַזונדער. אין וועג, אויף אַ קליינער סטאַציע האָב איך באַמערקט אַן אָפּטיילונג זשאַנ־דאַרן. ווי נאָר זיי זענען אַרײַן אין וואַגאָן, האָב איך חושד געווען, אַז דאָס מיינען זיי אונדז. ס'איז געווען קלאָר, אַז עמעצער האָט אונדז „פאַרשיט". ווער דאָס איז געווען האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער, ווען מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין דער געסטאַפּאָ אין ביעלסק.

די פרוי קאָבילעץ שטעלט זיך אויף, גייט אָפּ אין אַ זײַט און איך באַמערק אַז זי נעמט אַ טאַבלעט.

— אַנטשולדיקט, — זאָגט זי, ווען זי קערט זיך אום צום טיש. — ווען מען הייבט אָן דערמאָנען דאָס פאַרגאַנגענע, לעב איך אַלץ איבער פון דאָס נײַ. אוי, וויפל איך האָב זיך אָנגעליטן! שטעלט זיך פאָר, אַז אַחוץ די שרעק, האָב איך במשך פון דער גאַנצער צײַט געמוזט פאַר די מענטשן קאָכן, וואַשן זייער וועש. זיי האָבן דאָך נישט געטאָרט אַרויס פון בונקער. דערבײַ האָט מען געדאַרפט אָן אויפהער זיך היטן פאַר פרעמדע. דאָס באַזאָרגן לעבנסמיטל איז געווען ביז גאָר שווער. נישט נאָר דערפאַר ווײַל עס זענען נישט געווען קיין פּראָדוקטן. מיר האָבן נישט געטאָרט קויפן קיין סך אויפן אָרט. אונדזער ייִשוב איז קליין. איר זעט דאָך — אַ דערפל, ווו איינער קען דעם צווייטן. ס'וואָלט אויפגעקומען אַ חשד, צו וואָס מיר קויפן אַזוי פיל. מײַנע צוויי ייִנגסטע זין, אַלאָיז און וויקטאָר, פלעגן פאָרן אויף ראָווערן קיין קאַטאָוויץ און אין דער אַרומיקער געגנט, אײַנצוקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק פּראָדוקטן. זייער אָפט האָב איך אויך געהאַט וויזיטן פון דער פּאָליציי און אַפילו געסטאַפּאָ. זיי האָבן אָן אויפהער געזוכט מײַן מיעטעקן.

דאָס איז געווען אין אײַנעם אַ פּרייטיק. עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מענטש איז אָנגעקומען פון ערגעץ, ער האָט נישט געקענט קיין פּויליש, גערעדט נאָר דײַטש, און געזאָגט, אַז ער קומט פון ווין. מאיר האָט גע־

ווזסט, אַז ער דאַרף קומען. ס'איז געווען אַ שליח פון די זייעריקע און געהאַט אונדזער אַדרעס. ווי נאָר ער איז אַריַין האָב איך באַמערקט, אַז ער איז זייער איבערגעשראָקן. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מען שפּירט אים נאָך. האָט באַוויזן צו צעריַיסן און אַרויסוואַרפן עפּעס אַ פּאַפּירל, האָט אָבער געהאַט ביַי זיך אַ גרויסע סומע געלט. כ'האָב געכאַפּט אַ בליק דורכן פענצטער און דערזען, אַז דאָס הויז איז אַרומגעריגלט. אין שטוב איז אַריַין אַ גאַנצע כאַפּטע געסטאַפּאָווצעס. פאַר שרעק האָב איך פאַרלוירן דאָס לשון. כ'בין געווען אַליין. מיַין מאַן מיט די צוויי יינגלעך זענען געווען ביַי דער אַרבעט אין דער קוילנגרוב. די געסטאַפּאָווצעס זענען גליַיך צוגעטראָטן מאַכן אַ רעוויזיע. איך זאָג, רעוויזיע. גאָט מיַינער, ווי דאָס האָט אויסגעזען! זיי האָבן איבערגעקערט די שטוב, אַלץ צעבראָכן, געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם. מיך האָבן זיי מערדעריש געשלאָגן און געפּאַ־דערט אויסזאָגן, ווו איך באַהאַלט די איבעריקע יידן. צום גליק איז שוין קיינער אין בונקער נישט געווען. מאיר האָט שטענדיק זיך אויפגעפּירט זייער אויסגערעכנט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער מענטש וואָס האָט געדאַרפט קומען, זאָל זען דעם בונקער. איז ער פריִער אַרויס און אַזוי אים פאַרמאַכט, אַז בעת דער שרעקלעכער רעוויזיע האָבן די דיַיטשן ניט אויפ־געדעקט דעם בונקער. מעגלעך אַז ס'איז געווען דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געזוכט אויפן בוידעם און געפונען שפּורן פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאַרטן אויסבאַהאַלטן ביז דער בונקער איז פאַרטיק געוואָרן. האָבן זיי, אַ פּנים, געמיינט, אַז דאָס איז געווען ס'באַהעלטעניש. כדי מיך איַינצוברעכן האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען האָט שוין אַרעסטירט מיַינע זין און מיַין מאַן דערשאָסן.*

— דאָס איז געווען זייער טאַקטיק, — רופט זיך אָן וויקטאָר. — אונדז האָבן זיי אויך געזאָגט דאָס זעלבע. מיך מיטן ברודער האָבן זיי גענומען דירעקט פון דער אַרבעט. מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז ס'איז געשען עפּעס נישט געוויינטלעכס, ווײַל אין מיטן פון דער „שיכטע" האָבן זיי געשיקט נאָך אונדז אַ ספּעציעלן מענטש. איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיטן ברודער

---

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „דער לעגענדאַרער מאיר".

אין איין גרובן, אַפּילו אויף דעם זעלבן פעלד. ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון אונטערערד, גלײַך בײַ דער ווינדע, האָבן געוואַרט אויף אונדז צוויי געסטאַ־פּאָוצעס. אין באָד אַרײַן אַפּוואַשן זיך זענען מיר שוין געגאַנגען אונטער זייער באַוואַכונג. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי גענומען דעם טאַטן, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ צווייטן פּלאַץ אין זעלבן גרובן. מיר האָבן זיך אַלע באַגעגנט צוויי טעג שפּעטער, ווען מען האָט אונדז געפירט אין דער געסטאַפּאָ קיין קאַטאָוויץ...

מיעטשיסלאַוו קאַבילעץ זוכט עפּעס צווישן דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער פירט מיט שמואל ראָזענצווײַג־רון. ער גיט מיר איינעם פון די בריוו אין וועלכן זײַן פרײַנד פון יענע יאָרן שרײַבט:

„געדענקסט, מיעטעק, אונדזער באַגעגעניש אין דער געסטאַפּאָ אין ביעלסק? איך בין דעמאָלט געווען שטאַלץ מיט דיר. זיי האָבן מיר געוואָלט אײַנרעדן, אַז דו האָסט זיי אַלץ דערציילט און דיר האָבן זיי געפּרוווט זאָגן דאָס זעלבע וועגן מיר. איך האָב זיי סײַ ווי נישט געגלייבט. אָבער דו שטעלסט זיך נישט פאָר, וויפל כּוח און מוט דו האָסט מיר צוגעגעבן בעת אונדזער קאָנפראָנטאַציע, ווען האָסט מיר געגעבן אַ צייכן מיט די אויגן, אַז דו האַלטסט זיך. איך האָב געזען, אַז זיי האָבן דיך נישט אײַנגעבראָכן."

צוויי וואָכן שפּעטער האָט מיעטשיסלאַוו קאַבילעץ זיך געטראָפן מיט זײַן פאָטער אין איינעם פון די בלאָקן אין טרויעריק באַרימטן טויטלאַגער אוישוויץ...

קאַטאָוויץ, אַפּריל 1963

דער לעגענדאַרער מאיר

קלײַבנדיק דעם מאַטעריאַל וועגן דער גרופּע ייִדישער יוגנט פֿון זאַ־גלעמביע האָב איך זיך פֿאַרטראַכט וועגן אַ דערשיינונג, אויף וועלכער ס׳איז מיר שווער צו געפֿינען אַ קלאָרן ענטפֿער. די דאָזיקע מענטשן וואָס האָבן דורכגעמאַכט נישט שיבעה, נאָר שיבעים מדורי גיהנום, נישט נאָר געטיילט האָבן זיי זיך מיטן לעצטן ביסן, נאָר אײַנגעשטעלט, אין פֿולן זינען פֿון וואָרט, דאָס לעבן איינער פֿאַרן אַנדערן, די דאָזיקע געראַטעוועטע, וואָס די מערהײַט פֿון זיי לעבט אין ישׂראל, האַלטן איצט כּמעט נישט אויף קיין פֿאַרבינדונג איינער מיטן צווייטן, אויף אַזוי ווײַט, אַז מיר איז שווער געווען צו געפֿינען די אַדרעסן פֿון אַ גרויסן טייל פֿון זיי.

דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס עס האָט געדויערט אַ לענגערע צײַט ביז כ׳האָב זיך דערוווּסט דעם נאָמען און אַדרעס פֿון מאיר שולמאַן, וואָס איז אין אַלע דערציילונגען פֿון די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געשמועסט, באַצייכנט געוואָרן מיט איין עפּיטעט — דער לעגענדאַרער מאיר. אַלע האָבן אים דערמאָנט מיט באַגײַסטערונג, גערעדט וועגן אים ווי וועגן דער נשמה פֿון דער אָרגאַניזאַציע. נישט ווי איר אָנפֿירער — ער האָט דערצו נישט געשטרעבט. ער איז נישט געווען קיין רעדנער און נישט געהערט צו קיין שום פּאָליטישער באַוועגונג. אָבער האָט ער געהאַט אַזאַ טיפּיש ייִדישן אויסזען, אַז ער האָט בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע נישט געקאָנט אַרויסשטעקן די נאָז פֿון בונקער, ווו ער און נאָך ייִדן האָבן זיך אויסגע־באַהאַלטן. די נשמה פֿון דער אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַ דאַנק זײַנע אומ־אויסשעפּלעכע אײַנפֿאַלן, און בעיקר, וואָס ער האָט געהאַט גאָלדענע הענט. ער האָט באַוויזן צו פֿאַבריצירן מעטריקעס, „קענקאַרטעס" און אַנדערע דאָקומענטן, ווי אויך שטעמפּלען מיט אַזאַ פּערפֿעקציע, אַז ספּעציאַליסטן איז שווער געווען צו דערקענען, אַז זיי זענען געפֿעלשט. ער האָט אַפֿילו נאָכגעמאַכט גאָלדענע דאָלאַר־מטבעות, אין וועלכע ס׳איז, פֿאַרשטייט זיך,

קיין גאָלד כּמעט ווי נישט געווען. און דאָס אַלץ אין די פּרימיטיוויסטע באַדינגונגען פון אַן אָפּגעשלאָסענעם בונקער.

אין אַ געוויסער מאָס האָב איך געפונען דעם שליסל צום דאָזיקן רע־טעניש אינעם ענטפער, וואָס מיר האָט געגעבן נחמה שולמאַן, מאירס פרוי, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים דורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג פון ליַיד און פּיַין. זי האָט איצט בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען זיך דעם פאַמיליע־נאָמען, וואָס זי האָט געהאַט אויף איר אַרישן דאָקומענט, אַ נאָמען מיט וועלכן זי האָט זיך באַנוצט עטלעכע יאָר אין די צײַטן, ווען פאַר פאַרגעסן אויף איין רגע דעם דאָזיקן נאָמען האָט זי געקאָנט באַצאָלן מיטן לעבן.

— איר ווייסט, — האָט זי מיר אין אונדזער שמועס אויפגעקלערט, — מיר האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג אַרויסצוריַיסן דאָס אַלץ פון אונדזער זכרון. ס'איז פּשוט נישט געווען מעגלעך אָנצוהייבן דאָס לעבן פון דאָס ניַי, טראָגנדיק אָן אויפהער מיט זיך דעם זכרונות־באַגאַזש פון יענע גרויליאָרן.

מאיר און נחמה שולמאַן מאַכן דעם איַינדרוק פון ביז גאָר באַשיידענע און סימפּאַטישע מענטשן. איך דערצייל מאירן, אַז אַלע רעדן וועגן אים מיט באַגיַיסטערונג און אָפּשיַי, רופן אים — דער לעגענדאַרער מאיר. דערשפּיר איך, אַז ער איז שטאַרק זשעניִרט. „ווייס איך וואָס — זאָגט ער — די שטויס־קראַפט צו אַלע מעשׂים איז געווען דער שטאַרקער ווילן צו לעבן, און אפשר די שטרעבונג נקמה צו נעמען אין די הענקער. יאָ, אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון רויטן שטעמפּל...”

שווער איז געווען אים צו באַוויגן צו רעדן. נאָר אַז אָנגעהויבן, האָט מאיר ממשיך געווען:

— דאָס איז געווען נאָך איינער אַ סעלעקציע אין כּושאַנאָוו. די דיַיטשן האָבן געזאָגט, אַז אַ גרויסע צאָל מענטשן האָבן דאָס מאָל באַוויזן זיך אַרויסצודרייען. האָבן זיי באַפוילן אַלעמען זיך צוזשטעלן פון דאָס ניַי צו אַ סעלעקציע. באַפריַיט זענען די, וועמענס דאָקומענט איז אָפּגעמערקט מיט אַ רויטן שטעמפּל. דעמאָלט האָב איך באַלד געמאַכט דעם ניַיטיקן שטעמפּל, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט ציַיטווייַליק אַ געוויסע צאָל עלטערע מענטשן.

מאיר שולמאַן איז אַ זון פון אַ חסידישער משפּחה אין כזשאַנאָוו. פון פאַך — אַ שטריקער, האָט ער נאָך דער חתונה מיט נחמה ראַבער געהאַט אַן אייגענעם וואַרשטאַט, וואָס איז דעמאָלט באַצייכנט געוואָרן ווי אַ „טריקאָטאַזש־פאַבריק״. ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פּאָליטישער באַוועגונג און אַפילו אין חלום זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט זײַן פעיִק צו פעלשן געלט און דאָקומענטן, צו גיין אויף אַוואַנטורעס וואָס גרענעצן מיט סכנת־נפשות. אָבער ס׳איז געקומען אַ צײַט, ווען דער טויט האָט געלאָקערט פון יעדן ווינקל, און די גרעסטע שטרעבונג, ממש דער אייציקער ווילן פון יעדן איינעם איז געוואָרן צו בלײַבן לעבן און נקמה נעמען אין די רוצחים.

דערציילט טאַקע מאיר שולמאַן:

— דער דאָזיקער ווילן האָט מיך געשטויסן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער „זשאָב״, ווי מען האָט דעמאָלט גערופן די ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס. אין כזשאַנאָוו איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע נישט געווען. אויף יעדן פאַל, איך האָב פון איר נישט געוווּסט. מײַנער אַ שכן, ברוך כהנא, פלעגט אָפט פאָרן קיין סאָסנאָוויץ, און ער האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל קאָנטאַקט מיט דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג פון דער יוגנט אין זאַגלעמביע. כ׳האָב אים געבעטן מיר צו העלפן זיך פאַרבינדן מיט עמעצן פון די חברה. באַלד נאָך דעם איז געקומען צו מיר אַ מיידל — אַ קוריערין. היות דער אויבן דערמאָנטער רויטער שטעמפּל האָט מיר געמאַכט אַ שם, האָט מען בײַ מיר באַשטעלט עטלעכע פאַלשע דאָקומענטן. מיט דער צײַט בין איך געוואָרן אַ גאַנצער ספּעציאַליסט אין דעם.

שוין זומער 1942 האָט מען אין כזשאַנאָוו געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. אין מײַן וווינונג האָב איך געמאַכט אַ בונקער. דער אַרײַנגאַנג איז געווען דורך אַ שאַנק אין אַ קעלער. כ׳האָב זיך אָבער אָריענטירט, אַז דאָס קאָן נישט זײַן אויף קיין לאַנגער צײַט. מען האָט געמוזט טראַכטן וועגן עפּעס, וואָס זאָל זײַן זיכערער.

מײַנער אַ פּוילישער פרײַנד, אַ געוויסער ווישניעווסקי, אַ שלאָסער, האָט אויסגעפירט בײַ מיר אין וואַרשטאַט פאַרשיידענע אַרבעטן. האָב איך אים פאָרגעשלאָגן אַ סומע געלט אויף צו קויפן אַ נישט קיין אויסגעצנדיקט הויז און דערבײַ צוגעזאָגט מײַן הילף בײַם פאַרענדיקן די בויאַרבעטן.

דערפֿאַר האָט ער געזאָלט מאַכן אויפֿן בוידעם פֿון הויז אַ באַהעלטעניש פֿאַר מײַן משפּחה און פֿאַר נאָך עטלעכע ייִדן. כ'האָב אויך געקויפֿט אויף זײַן נאָמען אַ לאַסטאויטאָ, אין וועלכן איך האָב געמאַכט אַ טאָפּעלן דעק. דער אייבערשטער דעק איז פֿון ביידע זײַטן געווען פֿאַרקלעפּט מיט קוילן, הינטער דעם נאָך — אַ פּלאַסט קוילן, און ערשט אונטן — אַ מין קאַסטן, אין וועלכן מען האָט געקאָנט אויסבאַהאַלטן עטלעכע מענטשן און זיי אַרויס־פֿירן. דאָס איז געווען געמאַכט אַזוי, אַז אַפֿילו בעת אַ קאָנטראָל, איז געווען כּמעט ווי זיכער, אַז מען וועט קיין זאַך נישט אויפֿדעקן. פֿאַר ווישניעווסקין האָב איך געמאַכט אַ געפֿעלשטע פֿאַר־דערלויבעניש.

ס'איז געקומען די שעת־הכּושר. בעת דער לעצטער אויסזידלונג האָבן מיר זיך טאַקע געראַטעוועט אין בונקער אין אונדזער שטוב. אַ וואָך צײַט זענען מיר דאָרטן געווען אויסבאַהאַלטן, איך מיט מײַן פֿרוי, צוויי שוועסטער און אַ ברודער, ווי אויך דרײַ מענטשן פֿון דער משפּחה זיגמאַן. כ'האָב געוואָרט, אַז ווישניעווסקי, אָדער ווי מיר האָבן אים פֿאַמיליאַר גערופֿן, מיעטעק, וועט דאָך קומען אונדז נעמען אין דעם צוגעגרייטן בײַ אים באַ־העלטעניש. ער'ט געוווּסט, וווּ מיר באַהאַלטן זיך דערווײַלע. לסוף איז ער נאָך אַ וואָך צײַט געקומען. ער האָט געזאָגט, אַז צום באַדויערן האָט זײַן פֿרוי שטאַרק מורא און זי איז נישט מסכּים מיר זאָלן קומען. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ער וועט אונדז אַרויספֿירן מיטן לאַסטאויטאָ קיין בענדין, וווּ כ'האָב געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, אָנגעפֿירט דורך צבֿי בראַנדעס און הערשל שפּרינגער.

דאָס איז געווען פֿרילינג 1943, קורץ פֿאַרן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דאָ האָב איך זיך ספּעציאַליזירט אין אַ נײַער „פּראָפֿעסיע". מיר האָבן באַקומען רעצעפּטן, לויט וועלכע איך האָב געמאַכט „מאַלאַטאַוו"־פֿלעשלעך און גראַנאַטן. נאָכן אויפֿשטאַנד האָבן מיר באַקומען אָנווײַזונגען צו לייגן דעם שווערפּונקט נישט אויף זאַמלען געווער צום באַוואָפֿנטן קאַמף, נײַערט אויף ראַטעווען וואָס מער ייִדן פֿון די גאַזקאַמערן. האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן בויען בונקערס, באַזאָרגן מענטשן מיט „אַרישע" דאָקומענטן. אָריגי־נעלע דאָקומענטן איז כּמעט נישט געווען מעגלעך צו קריגן. איז געבליבן איין אויסוועג — אַליין מאַכן געפֿעלשטע.

אין 1943 האָבן מיר אויך געמאַכט באַמיִונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג מיטן ציל אַרויסצופירן יונגע מענער צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. נאָך לאַנגע און סכּנותפולע שריט איז אונדז געראָטן אָנצובינדן אַזאַ קאָנטאַקט. מיט דעם בעסטן גלויבן זענען אַרויס צו די פּאַרטיזאַנער צוויי גרופּעס, צו צען בחורים יעדערע. אין עטלעכע טעג אַרום איז איינער פון די מענטשן צוריקגעקומען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע „פּאַרטיזאַנער״ זענען פאַקטיש געווען ראַפּירטע „שמאַלצאַווניקעס״. זיי האָבן די ייִדן טאַקע אַרויסגעפירט אין וואַלד, אָבער דאָרטן זיי באַראַבעוועט, צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט, און נאָך דעם דערשאָסן. אים איינעם האָט זיך מיט אַ נס איינגעגעבן צו אַנטלויפן...

אין בענדין האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט אַ געוויסן מיעטשיסלאַוו קאָבילעץ. ער איז דווקא געווען אַן ערלעכער מענטש, גרייט אונדז צו העלפן. ער איז געווען אַ שאַרפער שונא פון די נאַציס און אַליין געלעבט אויף פאַלשע דאָקומענטן, היות די געסטאַפּאָ האָט אים גערודפט. אָבער גראָד אין די טעג, ווען מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף, איז מיעטעק פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַרײַן. מיר האָבן געוווּסט, אַז זײַנע עלטערן וווינען אין דאָרף מיכאַלקאָוויצע, בשכנות פון קאַטאָוויץ. היות נחמה האָט געהאַט אַן „אַרישן״ דאָקומענט און אַ „גוטן אויסזען״, האָבן מיר באַשלאָסן, זי זאָל אַהין פאָרן. מיר זענען געווען איבערצײַגט, אַז דער מענטש וועט אונדז העלפן. האָבן אָבער נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז דאָס וועט ברענגען מיט זיך אַ גאָר נײַע אַנטוויקלונג אין אונדזער טעטיקייט.

נחמה שולמאַן דערציילט:

— גאַנץ פרי בין איך אַרויס פון געטאָ, פאַרשטייט זיך, אַז אָן דעם אַרעמבאַנד מיטן מגן־דוד, און אײַנגעשטיגן אין טראַמוויי. אין די פאַרמיטאָג־שעהען בין איך אָנגעקומען קיין מיכאַלקאָוויצע. דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט. צום ערשטן מאָל בין איך דאָ געווען. דאָס איז אַ קליינער ייִשוב, באַוווינט בעיקר דורך אַרבעטער פון אָרטיקן קוילנגרוב, ווו כּמעט יעדערער האָט געקענט איינער דעם צווייטן. אין שטוב האָב איך באַגעגנט דעם פאָטער, פּיאָטר קאָבילעץ, די מוטער און זייער טאָכטער קלאַרע. כ׳האָב זיך פאַר־

געשטעלט פּאָר אַ באַקאַנטע פון מיעטעקן און געפרעגט, צי זיי וויסן נישט וואָס איז מיט אים, ווײַל איך געפין אים נישט שוין אַ לענגערע צײַט.

— יאָ, מיט אַ צײַט צוריק איז ער אַוועק קיין קראָקע און שוין לאַנג ווי מיר האָבן נישט פון אים קיין סימן, — האָט געענטפערט די מוטער אין אַ טאָן פון זאָרג, ווי זי זאָל דערוואַרטן, אַז אפשר וועט זי גאָר פון מיר עפּעס זיך דערוויסן.

זיי האָבן מיך באַטראַכט ווי אַן אַנטיילנעמערין אין דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און דערפאַר, קאָן זײַן, זענען מיר באַלד געוואָרן ביז גאָר היימיש. דער פאָטער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ גרויסער שונא פון די נאַציס. זיי האָבן דאָך חרוב געמאַכט פּוילן און צעשטערט דאָס לעבן פון זײַן משפּחה. מען האָט מיר פאַרגעשלאָגן עסן. כ'האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך בין נישט הונגעריק און דערבײַ נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן צו זען שוין דאָס עסן אויפן טיש. צום סוף האָט קלאַרע געזאָגט, אַז זי וועט מיך באַגלייטן צום אויטאָבוס, כדי איך זאָל נישט בלאָנדזשען אין וועג.

קלאַרע האָט דערציילט, אַז איר מאַן איז אין דײַטשישן מיליטער. מען האָט אים מאָביליזירט גלײַך נאָך זייער חתונה. זי האָט באַטאָנט מיט פאַר־דראָס, אַז זיי זענען פון דור־דורות פּאָליאַקן, נאָר ווי געבוירענע אין אייבער־שלעזיע זענען זיי אויטאָמאַטיש פאַררעכנט פאַר „פאָלקס־דויטשן", פון דער אַזוי גערופענע „ליסטע נומער 2". און דערפאַר האָט מען איר מאַן מאָבי־ליזירט. זי האָט אָבער געהאָפט אַז ער וועט בקרוב זיך אומקערן. דערווײַלע האָט זי געדונגען אַ דירה און וויל אויך קויפן מעבל.

כ'האָב געפילט, אַז איך האָב דערוועקט בײַ די מענטשן צוטרוי און געזאָגט:

— אין געטאָ פון בענדין אָדער סאָסנאָוויץ קאָנט איר קויפן ביליק און גוט מעבל בײַ די ייִדן, וואָס מען פירט זיי אַרויס... — נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער האָב איך דערגעבן: — איר ווייסט, איך בין אַ ייִדישע.

כ'האָב באַמערקט, אַז מײַן רעוועלאַציע האָט געמאַכט אויף איר אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אַ רגע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווי וועלנדיק זיך באַטראַכטן און נאָך דעם האָט זי אַרויסגעבראַכט: „ווי עס זאָל נישט זײַן,

אויב ווּעסט זיך נייטיקן אין הילף, קאָנסטו אויף מיר אויסרעכענען".

איך האָב באַמערקט, אַז פון דעם מאָמענט האָט זי מיך גענומען דוצן, אַנשטאָט צו רופן, ווי אָנגענומען אין פויליש, „פּאַני". און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט ווי לאַנגיאָריקע פריַינד און באַשטימט, אַז אין צוויי טעג שפּעטער וועט זי קומען אין געטאָ פון קאַמיאָנקע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן שוין נישט געטראַכט נאָר וועגן ביליק מעבל...

*

צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי נחמה איז צוריקגעקומען פון איר שליחות און געבראַכט די גוטע בשורה, האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע אויסזידלונג אין געטאָ פון קאַמיאָנקע, וואָס האָט זיך פאַרצויגן עטלעכע טעג. די דיַיטשן האָבן פריִער אָפּגעשטעלט דאָס עלעקטרישע ליכט און דעם וואַסערשטראָם. דער גאַנצער שטח איז געווען באַלויכטן מיט ראַקעטעס, און פון אַלע זיַיטן האָט זיך געהערט אַ שיסעריַי. די פּאַניק און דער פּחד פון די מענטשן איז געווען שוידערלעך. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט צוגעגרייט דריַי גרעסערע בונקערס, וואָס זענען געבויט געוואָרן לויט מאירס איַינפאַל און זיַינע פּראָיעקטן.

וועגן דעם טאָקע דערציילט מאיר:

— איין בונקער איז געבויט געוואָרן לויט דער סיסטעם, וואָס איך האָב זיך באַנוצט אין לאַסטאָויטאָ. דער בונקער האָט זיך געפונען הינטער אַ קאַמער פון קוילן מיט אַ דעק, באַקלעפּט פון ביידע זיַיטן מיט קוילן און הינטער דעם — נאָך אַ שיכט קוילן. אין צווייטן בונקער איז דער אַריַינגאַנג געווען דורך אַ בראָטקאַסטן פון אַן אויוון. אין דריטן בונקער איז מען אַריַין דורך אַ טונעל, וועלכן מיר האָבן אויסגעגראָבן אין אַ שיַיער, פון אויבן פאַרשאָטן מיט ערד און פאַרדעקט מיט היי. לופט האָבן מיר געקראָגן דורך אַ רער, וואָס איז געווען מאַסקירט מיט גראָז. צום באַדויערן איז די מי געווען כמעט ווי אומזיסט. אין איין בונקער האָבן די מענטשן זיך דערשראָקן פאַר די געשרייען און דראָונגען פון די דיַיטשן און פון גרויס בהלה גענומען שיסן פונעם געווער וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. פאַרשטייט זיך, אַז די דיַיטשן האָבן נאָר געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט. זיי

האָבן באַוואָרפן דעם בונקער מיט גראַנאַטן און פאַרגאָסן אים מיט וואַסער. איך געדענק נישט גענוי, נאָר דאַכט זיך, אַז נאָר צוויי מענטשן פון דאָזיקן בונקער האָבן זיך געראַטעוועט.

אין בונקער ווו מיר האָבן זיך געפונען, זענען געווען דרײַסיק מענטשן. צווישן זיי האָט זיך אַרײַנבאַקומען איינער פון יודענראַט, אַ געוויסער מאַל־טשאַצקי. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלעמען אַרויספירן מיט דער הילף פון די דײַטשן פאַר אַ גוטן אָפּצאָל — אין געלט און ווערטזאַכן. איך בין געווען קעגן דעם. די מערהייט אָבער האָט דערצו אײַנגעשטימט, זעענדיק אין דעם דעם איינציקן אויסוועג אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער ליכטיקער שײַן.

די חברה האָבן געהאַט צוטרוי און זענען אַרויס מיטן געווער בײַ זיך. כ׳האָב געזען, ווי מען האָט זיי גלײַך אַוועקגעפירט אונטער אַ שטאַרקער שמירה. איך האָב פון ערשטן מאָמענט געהאַט באַוואָרענישן צום גאַנצן ענין. בין איך מיט מײַן פרוי אַרויס דורך אַ רעזערוו־אַרויסגאַנג. מיר האָבן געזען, ווי צבי בראַנדיס איז אַרויסגעקראָכן דער לעצטער. די דײַטשן האָבן אַלעמען געציילט. פאַרשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאָר, זענען מיר צוריק אַרײַן אין בונקער, פאַרשטעקט זיך הינטער די פּריטשעס און באַשלאָסן, אַז אויב אומקומען, זאָל זײַן אויפן אָרט, אָן די איבעריקע לײַדן און דערנידערונגען.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן מיר דערהערט אין בונקער ווי איין דײַטש רופט צום צווייטן: „האַנס, האָב קיין אַנגסט, נימאַנד איסט דאַ״. זיי זענען געווען דרײַ. עס איז זיי נישט אײַנגעפאַלן, אַז הינטער די פּריטשעס קאָן עמעצער זיך אויסבאַהאַלטן. מיר האָבן געהערט ווי זיי האָבן זיך געוווּנדערט, דערזעענדיק אַז מיר האָבן דאָ געהאַט אַ ראַדיאָ און אַ שרײַב־מאַשין. זיי האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט די סוועטערס און אַנדערע מלבו־שים, ווי אויך מיט די געפונענע שפּײַז־פּראָדוקטן און צעטיילט זיי צווישן זיך. מיר האָבן פרײַער אָפּגעעטעמט, ווען זיי זענען אַוועק. אָבער וואָס ווײַטער?

בײַ נאַכט זענען מיר אַרויס, כּדי זיך צו אָריענטירן אין דער לאַגע. אַרום איז געווען שטיל, מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. מיר האָבן געפּויזעט אויף דער ערד אַרום די ווענט פון די הײַזער. ווען מיר זענען

שוין ענדלעך געווען אויסער דער געטאָ, האָט אונדז געכאַפּט אַ דײַטשישער פּאָליציאַנט. דאָס איז געווען בערך 6 אַזייגער אין דער פרי. ס׳איז געוואָרן אַ צונויפלויף פון מענטשן. איך האָב געזאָגט דעם פּאָליציאַנט: „אַנשטאָט דו זאָלסט מיך פירן, דערלויב מיר דיך צו פירן. ס׳וועט דיר ניט פאַרדריסן. כ׳וועל גוט באַצאָלן.״

ער האָט מסכּים געווען און אַרײַנגעפירט אונדז אין אַ שטיל געסל. איך האָב אים געגעבן עטלעכע הונדערט מאַרק, וואָס איך האָב געהאַט בײַ זיך. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז ווייניק. האָב איך געזאָגט, אַז כ׳בין אַ רײַכער מאַן און געלט שפּילט נישט בײַ מיר קיין ראָלע. מיר האָבן באַשטימט, אַז צו מאָרגנס ברענג איך אים אויפן זעלבן פּלאַץ נאָך צוויי טויזנט מאַרק. ער האָט אונדז אָפּגעלאָזט.

מיר זענען אַוועק אויף איינער פון אונדזערע אַדרעסן, בײַ אַ געוויסן נאָוואַק, וואָס איז אַ מאָל געווען דער סטרוזש און הייצער פון דער מקווה. ער האָט אונדז אַרײַנגעלאָזט.

אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג איז געקומען צו אונדז אַ פאַרבינדלערין. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס געווען חווה לענטשנער. זי האָט אונדז איבערגעגעבן וועגן דעם בראַך. כּמעט די גאַנצע אָנפירערשאַפט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אומגעקומען. מען האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַלץ פון דאָס נײַ, צונויפזאַמלען די רעשטלעך וואָס זענען געבליבן.

בײַ נאָוואַקן איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ גרעסערער צאָל מענטשן. דערצו זענען מיר מיט אים קיין מאָל נישט געווען זיכער. ער איז געווען אַ גרויסער שיכּור, געצויגן פון אונדז געלט און מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט ער אונדז אַרויסטרײַבן אָדער גאָר איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז נחמה מיט נאָך צוויי מיידלעך זאָלן פאָרן צו קלאָרע קאָבילעץ.

קלאָרע האָט געהאַלטן וואָרט, אויפגענומען אונדזערע שליחים ווי שוועס־טער. דאָרטן איז אָבער אויך נישט געווען קיין אָרט פאַר מערערע מענטשן. אַחוץ דעם האָט מען זיך געמוזט היטן פאַר די שכנים, ווײַל עס איז נישט געווען ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, ווען אַ פרעמדער איז אַרײַן אין שטוב. האָבן אונדזערע שליחים באַשלאָסן צו זוכן מזל בײַ אירע עלטערן.

פּיאָטר קאַבילעץ און זײַן פרוי קאַראָלינע, האָבן זיי אויפגענומען ווי אייגענע קינדער. דאָס זענען געווען אויסערגעוויינטלעך גוטע מענטשן, וואָס וויפל מען זאָל נישט וועגן זיי דערציילן, וועט מען נישט אויסשעפּן זייער האַרציקע מענטשן־ליבע, פאַר וועלכער זיי האָבן באַצאָלט אַ טײַערן פּרײַז. אַפילו אין אַנבליק פון טויט האָבן זיי קיינעם נישט אַרויסגעגעבן.*

— אין די ערשטע טעג בין איך דאָרטן געווען מיט נאָך איינער פון אונדזערע מיידלעך, — דערציילט נחמה. — מיך האָבן זיי שוין געקענט און אונדז אָנגענומען פאַר פרײַנדינס פון זייערע זין. אָבער ווען מאיר איז געקומען איז פאַר זיי שוין געווען קלאָר, אַז מיר זענען ייִדן. דעם אַלטן פּיאָטר האָט אַפילו פאַרדראָסן, הלמאַי מיר האָבן אים באַלד נישט געזאָגט דעם גאַנצן אמת. דאָס הייסט — נישט געהאַט צו אים דעם פולן צוטרוי... אָבער ער האָט אונדז פאַרשטאַנען און מוחל געווען.

די קאַבילעצעס האָבן געוווינט אין אַן איינשטאָקיק הײַזל. ווי עס איז אָנגענומען אין דער אַלטער בויונג, איז מען גלײַך פון הויף אַרײַן אין קיך. אויסער דעם האָט מען פון דרויסן געזען דורך די פענצטער, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. דעריבער האָבן מיר נישט געקאָנט בלײַבן אין שטוב. האָבן זיי אונדז אַרײַנגעזעצט אין טויבנשלאַק, וואָס אויפן בוידעם. דאָרטן איז געווען פּלאַץ העכסטנס פאַר דרײַ, פיר מענטשן. אונדזער „געזעלשאַפט" האָט זיך אָבער כסדר אויסגעברייטערט. עס זענען צוגעקומען נײַע מענטשן. דער טויבנשלאַק איז נישט געווען שטאַרק זיכער און דערצו איז געוואָרן אַלץ קעלטער. באַזונדערש אין די נעכט. האָבן מיר באַשלאָסן אויסצובויען אַ בונקער אונטער דער קיך.

דער בונקער איז געווען אויסגערעכנט אויף פופצן מענטשן. אָבער צו מאָל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן דרײַסיק. האָט מען געמוזט זוכן אַן אויסוועג.

מיעטעק איז דעמאָלט געווען באַשעפטיקט ווי אַ מוזיקאַנט אין אַ רעס־טאָראַן אין דעם קוראָרט ביסטרע, אין די בעסקידן־בערג. פון צײַט צו צײַט זענען עטלעכע פון אונדזערע מענטשן געפאָרן צו אים אויף „אָפּרו". בעיקר זענען דאָס געווען פרויען מיט אַן „אַרישן" אויסזען, און פרויען האָבן בכלל

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אַזיל".

אַרויסגערופן ווייניקער חשד. די דאָזיקע מענטשן האָט מען אָבער געמוזט באַזאָרגן מיט „אַרישע" דאָקומענטן. האָב איך זיך ספּעציאַליזירט אין דעם געביט...

דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט געלט־הוצאות. ס'זענען געווען טעג, ווען מיר זענען געבליבן אָן מיטלען. אמת, מיר האָבן געהאַט אַ ביסל גאָלד, אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויב מיר וועלן דאָס גאָלד פאַרקויפן אַזוי סתּם, וועט דאָס געלט סטייען אויף אַ קורצער צייט. איז מיר איינגעפאַלן צו ווערן אַ שותּף צום אַמעריקאַנער מלוכה־אוצר... כ'האָב געמאַכט אָן אָפּגאָס אין גיפּס פון אַ גאָלדענער צוואַנציק־דאָלאַר־מטבע. דער צוזאַמענשטעל פון מעטאַל האָט געמוזט נאָענט זיין צום אָריגינאַל סיי אין דער וואָג און סיי אין קלאַנג. אַ וואָך צייט האָב איך געאַרבעט אויפן מוסטער. ס'האָט זיך באַקומען אויסגע־צייכנט און מען האָט געקאָנט צוטרעטן צו דער "פּראָדוקציע". פאַר די בערך פיר חדשים וואָס מיר זענען געווען אין בונקער, האָב איך געמאַכט עטלעכע הונדערט אַזעלכע מטבעות און דאָס איז געווען דער הויפּט־מקור צום דעקן אונדזערע לויפנדיקע הוצאות...

מיר דערוויסן זיך ווייטער פון מאירן:

— דאָס איז שוין געווען אין האַרבסט, ווען שמואל איז געקומען מיט דער בשורה, אַז אים איז געראָטן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ ייִדישן קאָמיטעט אין אונגאַרן און אויך אַ פאַרבינדונג מיט שמוגלערס, וואָס וועלן פאַר אַ גוטן אָפּצאָל פירן גרופּעס פון אונדזערע מענטשן דורך דער גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע.

מיר האָבן געדענקט דעם ביטערן סוף פון די צוויי גרופּעס, וואָס זענען אַרויס פון געטאָ אין קאַמיאָנקע כּלומרשט צו די פּאַרטיזאַנער און באַצאָלט מיטן לעבן. אָבער דאָס מאָל זענען סיי שמואל און סיי איזביצקי געווען איבערצייגט, אַז דער קאָנטאַקט איז אַ זיכערער. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיין פרוי, נחמה, און איזביצקי זאָלן פאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, וואָס האָט געדאַרפט באַשטיין פון זיבן, אַכט מענטשן.

דאָ נעמט איבער דאָס וואָרט נחמה:

— אין יאַנואַר 1944 בין איך שוין געווען אין בודאַפּעשט. דאָרטן איז געווען אַ פּוילישער קאָנסולאַט. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּאָלקע.

זיי האָבן מיר געגעבן אַ געוויסע הילף און געשיקט אין אַ שטעטל טאָב, ווו ס'איז געווען אַ פּוילישער קלוב, אַ לאַגער פון פּוילישע עמיגראַנטן. איך בין ווײַטער אָנגעגאַנגען פאַר אַ גויע, כאָטש אין לאַגער בין איך נישט פאַר־בליבן און האָב געוווינט בײַ אַן אונגאַרישער פרוי. די אונגאַרן האָבן זיך פרײַנדלעך באַצויגן צו די פּאַליאַקן. מאיר איז געבליבן אין מיכאַלקאָוויצע. צו אונדז זענען געקומען נאָך מענטשן פון אונדזער גרופּע, אָבער מיט מאירן האָב איך נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג. כ'בין געווען שטאַרק באַומרויִקט. מײַן בעל־הביתטע האָט דאָס באַמערקט. האָב איך איר געזאָגט, אַז כ'האָב איבערגעלאָזט אַ בחור אין פּוילן, אויף וועלכן איך וואַרט. זי איז געווען אַ טרעפערין. קאָן זײַן, אַז זי האָט מיך געוואָלט טרייסטן, און אפשר איז עפּעס אין דעם יאָ פאַראַן. זי האָט מיר אויסגעלייגט אין קאָרטן, אַז זי זעט מײַן בחור, ער איז קראַנק, נאָר ער וועט, נאָך גרויסע שוועריקייטן, קומען צו מיר. שטעלט אײַך פאָר, אַז איר וואָרזאָגערײַ איז מקוים געוואָרן. אָבער ביז דעם איז עפּעס געשען...

*

אויסגעהערט נחמהן, קומט מאיר מיט זײַן דערציילונג:

— דאָס איז געווען שוין פאַרן סוף. איין מאָל, פאַר נאַכט, האָט זיך אָנגע־צונדן דאָס סיגנאַליזאַציע־לעמפּל אין בונקער. היות דאָס האָט געדויערט אַ לענגערע צײַט, האָבן מיר געמיינט אַז די קאַבּילצעס האָבן געסט מיט וועלכע זיי פאַרברענגען. פּלוצעם האָט זיך געעפנט דער אַרײַנגאַנג אין בונקער און פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ מענטש אין אַ דײַטשישן מונדיר. אויפן פּאַסעק איז בײַ אים געהאַנגען אַ פּיסטאָלעט. איך בין געווען זיכער, אַז מיר זענען אַרײַנגעפאַלן. אינסטינקטיוו האָב איך אַרויסגעצויגן מײַן רעוואָלווער גרייט צו שיסן. אין דעם מאָמענט האָב איך דערהערט דאָס קול פון קלאַרען „שיס נישט, דאָס איז ערנעסט, מײַן מאַן!"

ער איז געווען גוט שיכור, אָבער נאָך באַהערשט זיך. און אפשר האָט אים די איבערראַשונג אויסגעניכטערט. ער האָט געשמייכלט און האַלב אין דײַטש האַלב אין פּויליש געזאָגט: „אַזוי, דאָס איז דער סוד וועלכן איר האָט אויסגעבאַהאַלטן פון מיר!"

ער האָט אויף אונדז געקוקט, ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַפילו מיט

מיטלייַד. ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר און געזאָגט: „וויַיז דיַין געווער".

צו ערשט האָב איך זיך דערשראָקן, אָבער געטראַכט, אַז ס'האָט נישט קיין זינען זיך אַנטקעגנצושטעלן, האָב איך אים אָפּגעגעבן מיַין וואָפן. ער האָט אים באַטראַכט און גלייַך מיר צוריקגעגעבן זאָגנדיק: „ביסט באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער. ערשטנס בין איך געווען אין אַ בעסערער פּאָזיציע, איך — אויבן און דו — אונטן. מיַין קויל וואָלט פריִער געטראָפן. צווייטנס, איז מיַין פּיסטאָלעט אַ בעסערער..." אין דעם מאָמענט האָט ער אים אַרויסגעצויגן... קלאַרע האָט זיך דערשראָקן און מיט אַ בעטנדיקער שטים גערופן: „ערנעסט, ערנעסט!" „שרעק זיך נישט — האָט ער זי באַרויִקט — איך וויל אים נאָר וויַיזן אַן אמתע צאַצקע." ער האָט גענומען מאַניפּולירן מיט זיַין „צאַצקע", און דאָ האָט עס אויסגעשאָסן און אַ קויל האָט געטראָפן אים אין דער ברוסט. ער איז געפאַלן, פאַרגאָסן מיט בלוט.

אונדזער מצב איז געווען שווער אויסצומאָלן. מיר זענען געווען זיכער, אַז איצט זענען מיר פאַרשפּילטע. כ'האָב געטראַכט, אַ נס, וואָס מיר זענען פאַרבליבן אין בונקער בלויז פינף. באַלד האָב איך זיך אָבער באַהערשט. נאָך האַסטיקער פון מיר האָט זיך באַהערשט קלאַרע און געזאָגט, מיר זאָלן דעם פאַרוווּנדיקטן אַרויפנעמען אין שטוב.

ערנעסט האָט דערווייַל פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיַין. מיר האָבן געמאַכט באַמיִונגען אָפּצושטעלן בייַ אים דאָס בלוט. איך בין אַראָפּ אין בונקער. קלאַרע האָט אַרויסגערופן גיכע הילף און אָפּגעפירט אים אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

פאַרשטייט זיך, אַז די פעלד־זשאַנדאַרמעריע און אויך געסטאַפּאָ האָבן אָוועקגעשטעלט אַ וואַך בייַ זיַין בעט. נאָך דער אָפּעראַציע, ווען ער איז געקומען צום באַוווסטזיַין, האָבן זיי אים גלייַך גענומען פאַרשן. פאַר טאָג איז קלאַרע געקומען מיט דער בשורה, אַז בעת דער ערשטער אויספאַרשונג האָט ער דערקלערט, אַז דאָס איז אים געשען בעת ער האָט געפּוצט זיַין וואָפן. ער האָט וויַיזט אויס פאַרגעסן אַרויסצונעמען די לעצטע קויל. קלאַרע איז געווען זיכער, אַז ער וועט אונדז נישט „פאַרשיטן".

מיר האָבן אָבסערווירט און געזען, אַז דאָס הויז איז נישט באַשטעלט, וואָס האָט באַטייַט, אַז דערווייַלע האָבן זיי נישט קיין שום חשד. אויף יעדן

פאַל האָבן מיר „אויפגערוימט״ דעם בונקער, די לעצטע פיר מענטשן זענען אַוועק קיין קאַטאָוויץ צו טערעסען. איך בין געווען געצוווּנגען צו בלײַבן, ווײַל מיר האָבן געוואַרט אויף אַ שליח פון דער ייִדישער אַגענץ. אויפן צווייטן טאָג איז ערנעסט געשטאָרבן. קלאַרע האָט דערציילט, אַז זײַנע לעצטע ווערטער צו איר זענען געווען: „איך האָב דיך נישט פאַרראַטן״. דער דאָקטער וואָס איז געווען דערבײַ און אפשר אויך דער זשאַנדאַר וואָס האָט געוואַרט בײַ דער טיר, האָבן דאָס געהערט אָבער זיכער נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ פאַרראַט ער האָט געמיינט...

דער טויט פון ערנעסטן האָט געמאַכט אויף אונדז אַ שווערן אײַנדרוק. מיר האָבן געטרויערט צוזאַמען מיט קלאַרען איבער דעם אומגליק. אָבער, למען־האמת, זענען מיר געווען צופרידן וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר דעם סוד, און מיר האָבן אויסגעמיטן נאָך אַ גרעסער אומגליק. אין קאָן איז געשטאַנען נישט נאָר אונדזער לעבן, נאָר דאָס לעבן פון דער גאַנצער משפּחה קאַבילעץ. צום באַדויערן האָבן מיר דאָס אומגליק ניט אויסגעמיטן...

סוף נאָוועמבער האָב איך זיך שוין געגרייט אין וועג אַרײַן. דער בונקער איז געווען אויסגעליידיקט. איך בין פאַרבליבן אַליין און געוואַרט אויף דעם שליח. מיט אַ צײַט פריִער האָב איך צום ערשטן מאָל שוין געהאַט אויפגענומען אַזאַ שליח. כ׳האָב נישט געוואָלט ער זאָל זען דעם בונקער, בין איך פריִער אַרויף אין שטוב. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר לויטן באַשטימטן צייכן, און איך האָב געזאָגט דער פרוי קאַבילעץ זי זאָל אַרײַנלאָזן. דאָס איז געווען אַ דײַטש אָדער אַן עסטרײַכער, ווײַל ער איז געקומען פון ווין. איך האָב אים אויפגענומען אין קיך. ער האָט געבראַכט אַ פּעקל געלט. כ׳געדענק שוין נישט גענוי — 20 אָדער 30 טויזנט מאַרק. ס׳איז געווען בײַגעלייגט אַ בריוו, געשריבן אין ייִדיש אויף אַ פּליספּאַפּיר.

נישט באַוויזן האָב איך צו עפענען דעם בריוו און אויסצורעדן מיט אים אַ וואָרט, ווי ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. איידער מיר האָבן זיך אָריענטירט, איז די טיר שוין געווען אויפגעריסן און ס׳האָבן זיך באַוויזן אַזש פינף געסטאַפּאָווצעס מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן. זיי האָבן אויסגערופן: „הענדע האָך!״

דאָס ערשטע האָבן זיי זיך געוואָרפן אויפן שליח, אים געשלאָגן אין קייטן און געשריִען: „דו דויטשער פעררעטער!" ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן אים אָבסערווירט פון דער גרענעץ אָן. אויך מיך האָבן זיי געשלאָגן אין קייטן און מערדערלעך צעשלאָגן. דעם שליח האָבן זיי גענומען באַזונדער, און איך ווייס נישט מער וועגן זײַן גורל. דאָס הויז איז געווען באַשטעלט מיט אַ גרעסערער צאָל געסטאַפּאָוצעס. אַן אויטאָ מיט עטלעכע פון זיי איז אַוועק צו דער קוילנגרוב, ווו ס׳האָבן געאַרבעט דער פּאָטער, פּיאָטר קאָבילעץ, און זײַנע צוויי זין, אַלאָיז און וויקטאָר. מען האָט אונדז אַלעמען, אויך די מוטער, אָפּגעפירט קיין קאַטאָוויץ.

נאָכן אַרײַנפירן אונדז אין געסטאַפּאָ־בנין האָב איך מער שוין די קאָ־בילעצעס נישט געזען. ווײַזט אויס, אַז איך בין געווען פאַר די דײַטשן אַ גרויסע מציאה. זיי האָבן מיך געפירט אַזש צום געסטאַפּאָ־שעף, דרײַער. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב איך וועל נישט צוטראַכטן עפּעס־וואָס, וועלן זיי מיך דערשיסן אויפן אָרט. כ׳האָב געהאַט בײַ זיך אַן „אַרישן" דאָקומענט מיטן נאָמען מיעטשיסלאַוו... (אַך, דער זכרון, איך האָב פאַרגעסן דעם פאַ־מיליע־נאָמען!) האָב איך אַוועקגעלייגט דאָס דאָזיקע פּאַפּירל אויפן טיש און געזאָגט: „איר זעט, איך בין זיך מודה, אַז דאָס איז אַ געפעלשטער דאָקומענט, מײַן אמתער נאָמען איז מאיר שולמאַן. זײַט וויסן, אַז איך האָב פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און קאָן אײַך דינען מיט אַ זייער וויכטיקן פאַר אײַך מאַטעריאַל."

כ׳האָב באַמערקט, אַז מײַן דערקלערונג האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק. קודם־כל, האָב איך געטראַכט, וועל איך געווינען אַ ביסל צײַט און מען וועט מיך נישט באַלד שיסן. און איצט דאַרף מען טראַכטן, וואָס ווײַטער צו טאָן.

מען האָט מיך געבראַכט אין קאַטאָוויצער תפיסה. די אויספאָרשונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געסטאַפּאָ־אָפיציר פּאַלטין, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַ „בעמער", ס׳הייסט, מען האָט אים געקאַנט „אונטערשמירן".

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער מיך אַרויסגערופן צו אַ פאַרהער. מיר זענען געווען אָן עדות. אָן שום אַרײַנפירן האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל אים געבן צוויי קילאָגראַם גאָלד, אויב ער וועט מיך אַרויסלאָזן.

ווי איך האָב פאָרויסגעזען, האָט ער גלײַך מסכּים געווען. מיר האָבן באַשטימט, אַז ער וועט מיך אַריבערפירן אין אַ צווייטער תּפֿיסה און אויפֿן וועג וועל איך אַנטלויפֿן. פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער אַרויסגענומען דעם ייִדישן בריוו, וועלכן מען האָט צוגענומען בײַ׳ם שליח בעתן אַרעסט און באַפֿוילן, איך זאָל דאָס פֿאַר אים איבערזעצן אויף דײַטש. ער האָט מיר געגעבן צוויי בויגנס פּאַפּיר, טינט און אַ פּעדער, און מיר האָבן באַשטימט, אַז איך דאַרף דאָס מאַכן בײַ נאַכט און צו מאָרגנס אין דער פֿרי וועט ער דאָס אָפּנעמען.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַמער און געעפֿנט דעם בריוו, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. דאָס איז געווען אַ רשימה פֿון ייִדן, די מערהייט אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, וועלכע מען דאַרף העלפֿן ברענגען איבער דער גרענעץ. דערבײַ זענען בײַ אַ סך פֿון זיי אָנגעגעבן געוואָרן אויך אַדרעסן. איך האָב זיך נישט פֿאַרטראַכט וואָס שפּעטער וועט זײַן, צעריסן דעם בריוו אויף פּיצלעך און די רעשטלעך אַרײַנגעוואָרפֿן אין עמער, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל צום דערלײדיקן די באַדערפֿענישן.

אויף איינעם פֿון די בלעטלעך פּאַפּיר וואָס איך האָב באַקומען פֿון פּאַלטינען, האָב איך אין ייִדיש אָנגעשריבן אַ בריוו, ווי צו אַ חבר, סתּם אַזוי וואָס ס׳איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק. דאָס זעלבע האָב איך איבערגעזעצט אויף דײַטש. אין דער פֿרי, ווען פּאַלטין איז געקומען, האָב איך אים דאָס געגעבן. מען האָט נישט געדאַרפֿט זײַן קיין גרויסער בקי כּדי צו דערקענען די פֿעלשונג. דער אָריגינאַל איז געווען געשריבן אויף פּליספּאַפּיר מיט קליינע אותיות. דאָס האָב איך נישט געקאָנט נאָכמאַכן, היות דער שפּיץ פֿון דער פּעדער וואָס ער האָט מיר געגעבן, איז געווען אָפּגעבראָכן פֿון איין זײַט, האָבן זיך באַקומען דיקע און לאַמע אותיות.

ווי נאָר פּאַלטין האָט גענומען דעם בריוו אין האַנט, איז זײַן פּנים געוואָרן רויט פֿון כּעס און ער האָט אויסגעשריִען: „דו שמוציקער יודע, האַסט מיך בעשיסען!״ און גענומען מיך שלאָגן מכּות־רצח.

אויף מײַן געשריי איז געקומען צו לויפֿן דער שעף פֿון דער תּפֿיסה און זיך געשטעלט צווישן מיר און פּאַלטינען, טענהנדיק אַז אויב ער וויל שלאָגן, זאָל ער מיך נעמען צו זיך אין געסטאַפּאָ. „דאָ בין איך באַלעבאָס!״ — האָט ער אויסגערופֿן.

די דאָזיקע, טיפּיש יעקישע האַנדלונג האָט מיך געראַטעוועט. פֿאַלטין האָט זיך באַרויִקט, געזאָגט, אַז מאָרגן זעקס אַזייגער אין דער פֿרי וועט מען מיך שיסן, און איז אַוועק.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט דעם טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, בעת וועלכער איך האָב קיין אויג נישט צוגעטאָן, איז איבעריק צו דערציילן. איך בין אַפֿילו נישט געווען בכוח צו רעאַגירן ווי געהעריק לגבי דעם פֿאַרברעכער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן איך זאָל אים איבערלאָזן די ירושה — דעם אָנצוג און די שיך. „דיך וועט מען דאָך סײַ ווי שיסן. צו וואָס זאָלן די שוואָבן דאָס צונעמען?" — האָט ער געזאָגט.

צו מאָרגנס, גענוי זעקס אַזייגער באַגינען האָב איך געהערט פֿון קאָרי־דאָר רופֿן: „שולמאַן, הערויס!" די טיר פֿון דער קאַמער האָט זיך געעפֿנט און איך האָב דערזען פֿאַר זיך פֿאַלטינען. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס מאָל איז באמת דער סוף.

אַ רגע האָט ער מיך באַטראַכט און געזאָגט: „שמוציקער יודע, דו האָסט מיך בעשיסען, אָבער איך שענקע דיך. דו פֿאָרסט נאָך אַושוויץ".

איך האָב נישט געוווּסט צי איך דאַרף זיך פֿרייען מיט דער בשׂורה. דאָס האָט דאָך באַטײַט אומקום מיט אַ צוגאָב פֿון פּײַן און יסורים. נישט געווען אָבער קיין צײַט צו טראַכטן. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן מיך גענומען אין אַ קעטשל און מיר זענען געפֿאָרן. אָנקומענדיק אויפֿן אָרט האָב איך דערזען, אַז מיר געפֿינען זיך אין דער אויסגעליידיקטער געטאָ פֿון סאָסנאָוויץ. עס זענען דאָ געווען בערך נאָך צוויי הונדערט ייִדן, וועלכע מען האָט איבער־געלאָזט אָפּצורייניקן די געטאָ. איך האָב דאָרטן באַגעגנט דעם געוועזענעם פֿאָרזיצער פֿון דער ייִדישער קהילה אין כזשאַנאָוו, יאָסל מאָצנער, און מײַנעם אַ גוטן פֿרײַנד, אַברהם מאַנדעלבוים. ער האָט מיר געגעבן אַ זעמל מיט אַ פּעקל פּוטער און אויך אַ ביסל געלט. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ פֿאַרמעגן. איך האָב קוים באַוויזן אַרײַנצולייגן אין קעשענע די טײַערע מתּנה, ווי מען האָט אונדז גענומען טרײַבן צו דער באַן. דאָס איז געווען דער לעצטער טראַנספּאָרט פֿון די זאַגלעמביער ייִדן.

מיר האָבן מאַרשירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך און ס'איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן. מען האָט אונדז אַלע אַרײַנגעשטופּט

אין איין פראַכטוואַגאָן. ס'איז שרעקלעך ענג געווען, מען האָט זיך פשוט נישט געקאָנט אַ דריי טאָן. איך, מאַצנער און מאַנדעלבוים, האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען און באַוויזן צו שטעלן זיך נעבן דעם קליינעם פענצטערל פון וואַגאָן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך וועל שפּרינגען דער ערשטער און נאָך מיר מאַנדעלבוים. די ייִדן האָבן דאָס באַמערקט און גענומען טענהן, אַז מיר זאָלן זיך נישט דערוועגן דאָס צו טאָן, ווײַל די דײַטשן האָבן אונדז געציילט און אויב עס וועט עמעצער פעלן, וועלן אַלע דערפאַר באַצאָלן. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געוווּסט, די ייִדן, אָדער נישט געוואָלט וויסן דעם ביטערן אמת, וווּהין מען פאָרט...

מיר האָבן זיי באַרויִקט אָבער נישט רעזיגנירט פון אונדזער פּלאַן. מאַצנער און מאַנדעלבוים האָבן מיך פאַרשטעלט. איך בין אַ נידעריקער און מען האָט מיך נישט אַרויסגעזען. בעת דער צוג האָט זיך שאַרף פאַר־קערעוועט און פאַרקלענערט די שנעלקייט, האָב איך זיך אַרויסבאַקומען פון וואַגאָן דורכן פענצטערל און געשפּרונגען. די וועכטער האָבן אָבער באַמערקט, גענומען אין מיר שיסן און נישט געטראָפן. איך בין געבליבן ליגן אויף דער באַנליניע און געזען ווי דער צוג דערווײַטערט זיך. אויפגעשטאַנען, האָב איך גענומען לויפן און אָפּגעלאָפן אַ פּאָר קילאָמעטער. כ'האָב זיך געזעצט אָפּרוען אויף אַ פעלד, נישט ווײַט פון אַ דאָרף, בשכנות פון דער שטאָט מיסלאָוויצע. פלוצעם האָב איך דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק אין דער קני פון רעכטן פוס. געפּרוּווט אויפשטעלן זיך און נישט געקאָנט. קוים זיך צוגעשלעפּט צום ערשטן הויז פון דאָרף און באַמערקט אַ הינערשטײַג. ווײַטער גיין בין איך נישט געווען בכּוח. איך בין אַרײַנגעקראָכן אין שטײַג, אַוועק־געלייגט זיך אין אַ ווינקל, הינטער אַ שטויס ברעטער וואָס האָט מיך פאַר־שטעלט.

ס'איז אַרײַנגעקומען אַ פרוי צו באַדינען די הינער און מיך נישט באַ־מערקט. כ'האָב געפּרוּווט נעמען אַן איי, אָבער נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. מײַן גאַנץ פאַרמעגן איז געווען דאָס פּעקל פּוטער, וואָס מאַנדעלבוים האָט מיר געגעבן. (די זעמל איז מיר אַרויסגעפאַלן בעתן שפּרינגען.) מיט דער פּוטער האָב איך זיך דערנערט עטלעכע טעג. אַלץ געהאָפט, אַז דער ווייטיק אין פוס וועט זיך אָפּשטעלן. במשך פון דער צײַט האָב איך אָבסער־

ווירט די פרוי. זי האָט געמאַכט אויף מיר אַן אײַנדרוק פון אַן אָנשטענדיקן מענטש.

פאַרבײַ זענען נאָך עטלעכע טעג. כ׳בין געווען גליקלעך, אַז איך קאָן זיך שוין אויפזעצן. גראָד איז אַרײַנגעקומען די פרוי און מיך דערזען. זי האָט זיך דערשראָקן און געמאַכט אַ גוואַלד. צום גליק זענען דאָרטן נישט געווען קיין שכנים און קיינער האָט נישט געהערט איר געשריי. האָב איך זי באַרויִקט, אַז איך בין נישט קיין גנבֿ, נישט קיין פאַרברעכער, נאָר אַן אַנטלאָפֿענער פון אוישוויץ. פאַרשטייט זיך, נישט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ ייִד, נאָר זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ פּוילישער קעמפער. כ׳האָב געהאַט צו איר איין בקשה, זי זאָל מיך נישט איבערגעבן דער פּאָליציי. דערבײַ האָב איך געמאַכט אַ דעליקאַטן רמז, אַז איך בין פאַרבונדן מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און דאָס אַרויסגעבן מיך קאָן איר פאַרשאַפן צרות.

איך ווייס נישט, צי אויס רחמנות אָדער מורא, זי האָט מיך איבערגעלאָזט און צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן. נאָך עטלעכע שעה איז זי צוריקגעקומען מיט אַ מאַן אין עלטער פון אַ פערציק יאָר, אָנגעטאָן אין אַ דײַטשישן מונדיר. אין ערשטן מאָמענט האָב איך זיך דערשראָקן און בין געווען איבערצײַגט, אַז זי האָט מיך פאַרשיט. כ׳האָב אָבער געהאַט אַ טעות. דעם מאַנצביל האָב איך צוגעזאָגט גוט צו באַצאָלן, ער זאָל מיך אויסבאַהאַלטן, כאָטש איך האָב געהאַט בײַ זיך בסך־הכּל צוויי הונדערט מאַרק. ער האָט מיר געענטפערט, אַז בײַ אים איז עס נישט מעגלעך, ווײַל די שכנים וועלן מיך גלײַך באַמערקן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ביזן אָוונט וועט ער זיך פאַרשטענדיקן מיט אַ חבֿר, וואָס האָט אַ בעקערײַ הינטער דער שטאָט. דאָרטן וועל איך געוויס קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צײַט.

אין אָוונט, ס׳איז שוין געווען פינצטער, איז ער געקומען. מיר געבראַכט אַ שטעקן און ביידע האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. אָבער אויך מיטן שטעקן האָב איך נישט געקאָנט שטעלן קיין טראָט. האָט ער מיך גענומען אויף דער פּלייצע און אָוועק. אויפן וועג איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ פּאָליציאַנט. ער האָט אונדז באַלויכטן מיט זײַן לעמפל און געפרעגט אין דײַטש:

„וואָס איסט דאָס?"

מײַן באַגלייטער האָט געענטפערט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. ווײַזט

אויס, אַז זיי האָבן זיך געקענט, און דער פּאָליציאַנט האָט אונדז נישט פֿאַרהאַלטן. ווײַטער מיך שלעפּן האָט ער שוין קיין כּוח נישט געהאַט. האָט ער מיך אָוועקגעזעצט אין אַ זײַט פֿון וועג און אַליין אַוועק ברענגען אַ שליטן. מיטן שליטן האָט ער מיך דערפֿירט ביז צו דער בעקערײַ.

ער איז אַרײַן אין בעקערײַ און איך בין געבליבן אויפֿן שליטן. אַרום איז געווען פֿינצטער. די געגנט איז מיר געווען פֿרעמד און נישט געוווּסט האָב איך, ווו מיר געפֿינען זיך. דער ווייטיק אין פֿוס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, און איך האָב אין גאַנצן געציטערט — צי פֿון דער קעלט, צי פֿון פּחד. דאָס האָט געדויערט בערך אַ האַלבע שעה, וואָס איז געווען פֿאַר מיר אַן אייביקייט. ענדלעך איז מײַן באַגלייטער אַרויסגעקומען מיט נאָך צוויי. דאָס זענען געווען די בעקערס. זיי האָבן מיך אַרײַנגעטראָגן אין דער בעקערײַ. דעם מענטש וואָס האָט מיך געבראַכט, האָב איך באַצאָלט די צוגעזאָגטע 200 מאַרק און איך בין געבליבן אָן אַ פּרוטה.

איך האָב געבעטן מען זאָל מיר געבן עפּעס צו טרינקען. אַ פֿלאַש מיט קאַווע וואָס זיי האָבן מיר געגעבן, האָב איך אויסגעטרונקען מיט איין צי — אַ גאַנצן ליטער, און נאָך דעם נאָך אַזוי פֿיל וואַסער. במשך פֿון דער וואָך אין דער הינערשטײַג האָב איך באַנעצט דאָס מויל נאָר מיט אַ ביסל שניי, וואָס איך האָב אַראָפּגעקראַצט פֿון דער וואַנט.

די בעקערס האָבן מיך אַ נעם געטאָן ווי אַ זעקל מעל און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן פּיעקעליק, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט שטרוי. איך האָב זיך דערוואָרעמט, ממש אָפּגעטײַעט פֿון פֿראָסט. ווען זיי האָבן מיר נאָך דעם געגעבן אַ ברויט מיט אַ פֿלאַש וואַסער, האָב איך ערשט אויפֿגעלעבט, ווי כ׳וואָלט פֿון גיהנום אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גן־עדן. כ׳בין אײַנגעשלאָפֿן.

צו מאָרגנס איז צו מיר אויפֿן פּיעקעליק אַרויף איינער פֿון די בעקערס און געפֿרעגט, וואָס איז מכּוח געלט. איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז די פֿראַגע וועט קומען און צוגעגרייט אַן ענטפֿער, וואָס איז געווען די איינציקע האָפֿע־נונג אין מײַן לאַגע. איך האָב זיי געגעבן דעם אַדרעס פֿון טערעסע קלימעק אין קאַטאָוויץ מיט דער אויסרעכענונג, אַז דאָס איז די בעסטע געלעגנהייט אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט שמואלן און אפֿשר אויך די איינציקע האָפֿענונג אַרויסצובאַקומען זיך פֿון די צרות.

לויטן אַדרעס האָבן זיי געטראָפן צו טערעסען, אָבער שמואל איז דאָרטן נישט געווען. זי האָט געזאָגט, אַז שוין צוויי וואָכן ווי ער איז פאַרשוווּנדן און זי ווייסט נישט וואָס מיט אים איז געשען. זי האָט מיך פּערזענלעך נישט געקענט, אָבער האָט געהערט וועגן מיר און זי וואָלט מיר זיכער געהאָלפן, ווען זי האָט געלט. אָבער...

ווען די בעקערס זענען צוריקגעקומען מיט דער בשורה, איז מיר געוואָרן ביטער אויף דער נשמה. איך האָב געהאַנדלט לויט מײַן אויסגעפּרוּווטער טאַקטיק — געווינען צײַט — און זיך בײַ זיי אײַנגעבעטן זיי זאָלן מיך האַלטן נאָך עטלעכע טעג, ביז איך וועל געפינען אַן אויסוועג.

אין דרײַ טעג אַרום האָבן זיי מיר געמאָלדן, אַז אָן געלט ווילן זיי נישט ריזיקירן מיטן לעבן. איך האָב געהאַט אַ צוויי וואָכן נישט קיין געראַזירטע באָרד און האָב זיך נישט געקאָנט באַווײַזן אין גאַס. האָבן זיי מיר געגעבן אַ מעסערל צום אָפּראַזירן זיך און אויך אַ מאַרק אויף אַ טראַמווײַ־בילעט קיין קאַטאָוויץ.

אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן האָב איך זיך גענומען שלעפּן מיט מײַן צעקאַליעטשעטן פוס. אין דער לעצטער מינוט האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין מיכאַלקאָוויצע אַנשטאָט קיין קאַטאָוויץ.

אין טראַמווײַ בין איך אַרײַן אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט פאַל איך אין חלשות. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז געווען קענטיק אויף מיר, ווײַל איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט מיר אָפּגעטראָטן זײַן פּלאַץ און שטיל געזאָגט: „האַלט זיך!"

אַרום 9 אַזייגער בין איך אָנגעקומען קיין מיכאַלקאָוויצע. דאָס הײַזל פון די קאַבילצעס איז געווען פאַרמאַכט און פאַרזיגלט. דאָס איז געווען צוויי וואָכן נאָך דעם ווי מען האָט זיי אַלעמען אַרעסטירט און אַרויסגעפירט. מײַן מזל איז געווען, וואָס דאָס הײַזל איז געווען אָפּגעזונדערט פון שכנים. אויפרײַסן די טיר האָב איך נישט געקאָנט, ווײַל דאָס וואָלט גורם געווען אַ רעש, און ס'וואָלט מיך פאַרראַטן. האָב איך צונויפגעשלעפּט וואָס ס'איז מיר געקומען אונטער דער האַנט — קעסטלעך, ברעטער, אַ בענקל, און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן דאַך. איך בין אַרײַן אין טויבנשלאַק, ווו איך בין שוין געווען אַ מאָל, און פון דאָרטן זיך אַרײַנבאַקומען אין שטוב.

דאָס בילד איז געווען שרעקלעך: אַלץ איבערגעקערט, צעבראָכן און צעוואָרפן, געבליבן אַזוי ווי די געסטאַפּאָ האָט דאָס איבערגעלאָזט. איך בין אַראָפּ אין בונקער. געקענט האָב איך דאָרט יעדן ווינקל און ס׳איז מיר נישט שווער געווען צו באַוועגן זיך אין דער פינצטער. אין דעם אַ חושך איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן, ווען כ׳האָב, נישט אַזוי דערזען ווי דערטאַפּט דעם אוצר. ס׳זענען דאָרטן געווען גאָלדענע מטבעות. אמתע, נישט נאָר געפעלשטע, עטלעכע גאָלדענע זייגערלעך און רינגעלעך, ווי אויך אַ ביסל געלט — מאַרקן און דאָלאַרן. איך האָב אויך געפונען מײַן רעוואָלווער.

דאָס האָט מיך אַ ביסל באַרויקט און דערוועקט אַ נײַע האָפענונג. כ׳האָב זיך אָוועקגעלייגט און אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. געבליבן בין איך דאָרט איבערן טאָג און ערשט אין אָונט מיטן פאַרמעגן געפאָרן קיין בענדין. דער איינציקער צו וועמען איך האָב דאָ געקאָנט גיין, איז געווען דער סטרוזש און הייצער פון דער מקווה, נאָוואַק. אויפן וועג האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין אַ פּאָליציי־פּאָסטן, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ רעפלעקטאָר. ווי אַזוי איך האָב זיך דערוועגט צו גיין דעם לייב אין פּיסק אַרײַן, קאָן איך ביז איצט נישט פאַרשטיין. כ׳האָב די דײַטשן באַמערקט ווען איך בין געווען בערך הונדערט מעטער פון זיי און צוריקגיין איז שוין נישט געווען מעגלעך.

ווען נאָוואַק האָט מיך דערזען האָט ער זיך דערשראָקן, ווי איך וואָלט געקומען פון יענער־וועלט. געזען האָט ער מיך צום לעצטן מאָל בערך מיט אַ האַלב יאָר צוריק, און ער איז געווען זיכער, אַז איך בין שוין לאַנג אַוועק מיטן רויך פון קרעמאַטאָריעס. וועגן דעם, איך זאָל בײַ אים בלײַבן האָט ער הערן נישט געוואָלט. ער האָט געטענהט, אַז זײַן דירה איז שוין „פאַר־שאָטן״. אַגב, איז ער נישט געווען קיין גרויסער צדיק און זײַן ווײַב איז געווען נאָך ערגער פון אים. אויב ער האָט אין דער ערשטער צײַט אויס־באַהאַלטן עטלעכע ייִדן, האָט ער דאָס געטאָן נאָר פאַר געצאָלטס. צום סוף האָט ער מסכּים געווען, איך זאָל בײַ אים איבערנעכטיקן.

צו מאָרגנס איז ער געקומען און געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערערעדט מיט זײַנעם אַ חבר, וואָס איז מסכּים מיך אויסצובאַהאַלטן. נאָוואַק האָט גע־פאָדערט איך זאָל אים באַצאָלן אין פאָרויס 30 טויזנט מאַרק. אין מײַן לאַגע האָב איך זיך געמוזט אָנכאַפּן אין מינדסטן שאַנס. כ׳האָב אײַנגעשטימט

צום פֿאַרשלאָג מיטן תּנאַי, אַז די העלפֿט פֿון דער סומע וועל איך אים באַצאָלן תּיכּף און די איבעריקע, ווען מיר וועלן זײַן אויפֿן אָרט.

דער וועג פֿון בערך צוויי קילאָמעטער, ווי ער האָט געזאָגט, האָט געפֿירט דורך אַ וואַלד. אין דער אמתן, האָב איך אים נישט חושד געווען עד־כּדי־כּך. אָבער ווען מיר זענען אַרײַן אין וואַלד האָב איך באַמערקט, אַז ער וויל מיך אָוועקלייגן. האָב איך אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, אָנגעצילט אויף אים און באַפֿוילן, ער זאָל וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן. דאָס געלט האָב איך בײַ אים נישט געפֿאָדערט צוריק, איך האָב אים נאָר געוואָרנט, אַז אויב ער וועט זיך דערוועגן מיך אַרויסצוגעבן די דײַטשן, וועלן מײַנע חברים אים דערליידיקן.

ווען ער האָט זיך דערווײַטערט, בין איך אַרויס פֿון וועלדל, אַרויף אויפֿן שאָסיי, אַרײַן אין אַ טראַמווײַ און געפֿאָרן קיין קאַטאָוויץ. איך האָב אַלץ געהאָפֿט צו געפֿינען שמואלן בײַ טערעסען. פֿערזענלעך האָב איך זי נישט געקענט, אָבער געהאַט איר אַדרעס און בין געווען זיכער, אַז ווען כ׳וועל זיך פֿאָרשטעלן ווי שמואלס אַ חבר, וועט זי מיך אַרײַנלאָזן.

די שטאָט קאַטאָוויץ האָב איך נישט געקענט און בין געווען געצוווּנגען צוויי מאָל אָפּשטעלן מענטשן אין גאַס און נאָכפֿרעגן זיך אויף דער גאַס, וווּהין איך בין געגאַנגען. איך האָב אָנגעקלונגען אין טיר. טערעסע האָט נישט געדאַרפֿט קיין סך פֿרעגן. זי האָט שוין געהאַט גענוג דערפֿאַרונג כּדי פֿון ערשטן בליק צו דערקענען, אַז איך בין פֿון שמואלס חברה.

זי האָט מיך אַרײַנגענומען און געזאָגט, אַז עדעק — אַזוי האָט מען גערופֿן שמואלן — איז דאָ שוין נישט געווען קרוב צו צוויי וואָכן. זי איז געווען זייער באַזאָרגט, צי ס׳איז נישט געשען מיט אים אַן אומגליק. אים האָט זי ליב געהאַט ממש ווי אַן אייגענעם זון. איך האָב אויסגערעכנט, אַז דאָס איז מער ווייניק דער צײַט־משך, זינט עס איז דורכגעפֿאַלן דער בונקער בײַ די קאַבילצעס. כ׳האָב איר דערציילט, אַז איך בין אַנטלאָפֿן פֿון אַ טראַנספּאָרט און געוויזן דעם צעקאַליעטשעטן פֿוס. — „מאַטקאַ באָסקאַ!״ — האָט זי אויסגערופֿן און גענומען וואַרעמען וואַסער. דערווײַלע האָט זי מיר אָפּגעוואַשן דאָס בלוט, וואָס איז געווען פֿאַרטריקנט אויפֿן צעקאַליעטשעטן פֿוס. — „אַ וואַרעמע באָד וועט דיר גוט טאָן״ — האָט זי געזאָגט.

איך האָב זיך אַרומגעוואַשן, און זי האָט מיר געמאַכט אַ באַנדאַזש, געגעבן עסן און אַרייַנגעלייגט אין בעט. שווער איבערצוגעבן מייַן געפיל, נאָך אַזאַ צייַט פון אַרומשלעפּן זיך, ווידער אין אַ בעט מיט בעטגעוואַנט. צו מאָרגנס האָב איך איר געגעבן אַ ביסל געלט, נישט קיין סך, נאָר אויף צו קויפן פּראָדוקטן. אויך דאָס האָט זי נישט געוואָלט נעמען. האָב איך זי געמוזט פאַרזיכערן, אַז ס׳איז מיר געבליבן נאָך אַ ביסל.

איך בין פאַרבליבן בייַ איר אַ געוויסע צייַט, אויסגערוט זיך. איין מאָל ווען איך האָב גראָד געוויקעט דעם קראַנקן פוס אין הייס וואַסער, עפנט זיך די טיר און עס באַווייַזט זיך שמואל. פון גרויס פרייד און איבעראַשונג האָב איך אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע. מיר זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיר וועט געלינגען צו אַנטלויפן. און ער? זינט דעם אַרעסט בייַ די קאָבילצעס האָט ער אויסגעמיטן צו קומען צו טערעסען אויס מורא, אַז איר אַדרעס איז אויך „פאַרשאָטן״. ער האָט געפונען אַ פאַרלאָזטע הייַזקע אויפן ראַנד פון דער געוועזענער געטאָ אין בענדין און דאָרטן זיך אויפגעהאַלטן. פאַר דער צייַט האָט ער באַוויזן אויף ס׳נייַ צו אָרגאַניזירן די מענטשן וואָס זענען געבליבן, און דער עיקר, ער האָט ווייַטער געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט שמוגלערס, וואָס פירן איבער דער גרענעץ.

צוויי טעג שפּעטער האָב איך זיך געזעגנט מיט טערעסען. איך האָב איר געגעבן אַ מתנה אַ גאָלדן זייגערל, אויסגעזעצט מיט ברילִיאַנטן. זי איז געווען איבעראַשט, מחמת זי האָט קיין זאַך נישט פאַרלאַנגט. כ׳האָב איר געזאָגט, זי זאָל דאָס באַהאַלטן ווי אַן אָנדענק פון מיר. האַרציק האָבן מיר זיך געזעגנט און איך בין אַוועק אין די בעסקידן. פון דאָרטן — איבער דער גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע.

דאָס איז געווען סוף 1943. דער שניי איז געלעגן אַ מעטער די הייך און מיט מייַן קראַנקן פוס האָב איך פּשוט נית געקאָנט קלעטערן איבער די בערג. דער שמוגלער האָט מיך געמוזט שלעפּן אויף זיך. ענדלעך זענען מיר געווען אויף דער טשעכישער טעריטאָריע, אין שטעטל פרעשאָוו. צו מייַן פאַרוווּנדערונג האָב איך געזען, אַז דאָרטן איז נאָך טעטיק אַ ייִדישער קאָמיטעט, אָנערקענט פון די דייַטשן.

דער ייִד פון קאָמיטעט האָט מיך לאַנג געפּאָרשט. ער האָט געוווּסט, אַז איך בין איינער פון די אָנפירער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע און געווען זיכער אַז איך האָב אַ סך געלט. האָט לאַנג געדויערט, ביז איך האָב אים איבערצייַגט, אַז ער האָט אַ טעות. דאָס איז געווען אמת. דאָס גאַנצע געלט און צירונג האָב איך איבערגעלאָזט שמואלן, וואָס האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן, כּדי אַרויסצופירן די געבליבענע מענטשן.

צום סוף האָט דער ייִד פון קאָמיטעט מיר געגעבן אַ באַגלייטער צו דער באַן, וואָס פירט צו דער גרענעץ מיט אונגאַרן. דאָרטן האָב איך געדאַרפט אַריבערגיין אַ קליין הילצערן בריקל און דערנאָך אַוועקגיין אין דער שטעטלשער שיל, ווו די ייִדן וועלן זיך שוין מיט מיר פאַרנעמען. דאָס מזל האָט מיר נישט צוגעשפּילט. ס׳האָט מיך פאַרהאַלטן אַן אונגאַרישער פּאָ־ליציאַנט. מייַן גאַנץ פאַרמעגן איז געווען 20 דאָלאַר און אַ גאָלדן רינגל אויף דער האַנט. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז דאָס איז ווייניק. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז ביי זיך האָב איך נישט מער, נאָר אין שטעטל פאַרמאָג איך געלט, און מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אין אַ טאָג אַרום וועט ער קומען צו דער שיל און איך וועל אים גוט באַצאָלן. ער וואַרט נאָך ביז הייַנט...

די ערשטע הילף וואָס די אָרטיקע ייִדן האָבן מיר געגעבן — איך געדענק אָפּילו נישט דעם נאָמען פון שטעטל — איז געווען, וואָס זיי האָבן מיך געפירט אין שפּיטאָל, ווו מען האָט מיר פאַרגיפּסירט דעם פוס. עטלעכע טעג בין איך אָפּגעלעגן, אָבער געוואָלט וואָס גיכער קומען קיין בודאַפּעשט, האָפנדיק צו געפינען דאָרטן מייַן פרוי. און אַזוי איז טאַקע געשען.

— ס׳איז געווען אַ צופאַל, אַ גליקלעכער צופאַל, און אפשר אַ נס — נעמט נחמה, מאירס פרוי, דאָס וואָרט. — מיט צוויי טעג פריִער בין איך טאַקע געקומען קיין בודאַפּעשט. און געקומען בין איך אַך, ווייַל כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז דאָרטן געפינט זיך מייַן קוזין, דעמאָלט אַ פערצן יאָריק ייִנגל, חיים ראָבער. אוי, איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן צו דערציילן די געשיכטע, ווי אַזוי איך האָב וועגן אים זיך דערוווּסט. נאָר מסתּמא וועט ער דאָס אַליין דערציילן.*

---

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אליהו הנביא אין אַן אונגאַרישן מונדיר״.

כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין בודאַפּעשט. בין איך געפאָרן צו אים און ס'איז געשען דער נס — איך האָב באַגעגנט אויך מאירן! די פרייד איז געווען ניט צו באַשרייבן.

די בודאַפּעשטער ייִדן האָבן געלעבט כּמעט נאָרמאַל, ווי ביז דער מלחמה. כאָטש ס'איז פאַר זיי קיין סוד ניט געווען דער חורבן, וואָס די דײַטשן האָבן געמאַכט אין פּוילן, האָבן זיי נאָך אַלץ געגלייבט, אַז בײַ זיי וועט דאָס נישט געשען. ייִדן זענען שטענדיק בעלי־בטחון...

די ייִדישע פּליטים זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אומלעגאַל, און עס זענען טאַקע פאָרגעקומען אַבלאַוועס צו כאַפּן זיי. איך האָב נאָך געהאַט מײַן „אַרישן" דאָקומענט און געווען ווי אַ פּאָלקע, רעגיסטרירט אין פּוילישן קאָמיטעט. נאָך דעם ווי מאיר איז געקומען, האָב איך געדונגען אַ צימער. די באַלעבאָסטע איז געווען אַן אַריסטאָקראַטין, אַ פרוי פון אַ גענעראַל, און געהאַט אַ פרײַנדלעכע באַציִונג צו פּאָליאַקן. ווען מיר זענען געקומען מיט מאירן, האָט זי מיך אַרײַנגעבעטן אין אַ צווייטן צימער, זיך פאַר מיר אַנט־שולדיקט און געזאָגט: „איך בין נישט קיין אַנטיסעמיטין, אָבער איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז מיר זענען אויך נישט פולשטענדיק פרײַ אין אונדזער לאַנד. מיר דאַכט, אַז אײַער מאַן איז אַ ייִד..."

איך האָב זי באַרויִקט דערקלערנדיק, אַז זי האָט אַ טעות, אָבער דעם קליינעם חיים האָב איך שוין צו איר נישט געקאָנט ברענגען. ס'איז געווען געננוג צו זען זײַנע איבערגעשראָקענע אויגן, כּדי צו פאַרשטיין ווער ער איז... כ'האָב איר פריִער געהאַט געזאָגט, אַז איך האָב נאָך אַ קינד. איצט האָב איך איר דערקלערט אַז דאָס קינד איז געבליבן בײַ מײַנעם אַ פעטער, ווו ס'איז דעם באַקוועמער. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען חיימען געכאַפּט בעת אַן אַבלאַווע. מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער, פאַרשטייט זיך, נישט אַזאַ לאַגער ווי בײַ די נאַציס. בין איך אַוועק אַהין און געהאָלפן אים אַנטרינען. מיט בערך צוויי וואָכן שפּעטער איז ער ווידער געכאַפּט געוואָרן בעת אַן אַבלאַווע. איך האָב זיך דערוווּסט אַז אויך דאָס מאָל איז ער אַנטלאָפן. נאָך דעם איז ער אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. מיר זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט. באַגעגנט האָבן מיר זיך שוין אין ישׂראל. ביז הײַנט איז ער אין קיבוץ נגבה...

איך מאיר האָט וואָס צו דערציילן וועגן יענער סיטואַציע:

— צווישן די ייִדישע פּליטים אין בודאַפּעשט איז די נערוועזקייט געווען ווי אין געטאָ. יעדן טאָג פלעגן זיך פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן נײַע מעגלעכקייטן אַרויסצורײַסן זיך. מען האָט געזוכט פאַרשיידענע דאָקומענטן, כאָטש גאַנץ אָפט האָט דאָס נישט געגעבן קיין שום נוצן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ לאַגע האָב איך זיך גענומען צו מײַן „פּראָפעסיע" פון געטאָ — געמאַכט די נייטיקע דאָקומענטן...

באַלד נאָך מײַן קומען קיין בודאַפּעשט, סוף יאַנואַר 1944, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געוויסע צוזאַמענאַרבעט צווישן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן. איך האָב אָנגעהויבן מאַכן דאָקומענטן פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט מען געקאָנט באַקומען פאַרמולאַרן אויף אײַנמעלדן זיך אין בודאַפּעשט. ס'איז נאָר נייטיק געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז דער מענטש האָט רעכט דערצו. וועגן דעם האָב איך שוין געזאָרגט. איך האָב צוגעגרייט דעם געהעריקן שטעמפּל און נאָכגעמאַכט די אונטערשריפט. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר „לעגאַליזירט" אַ גרויסע צאָל פּליטים. אַחוץ דעם האָב איך פאַר פּריוואַטע פּערזאָנען געמאַכט פּעסער, חתונה־אַקטן, „קענקאַרטעס" און וואָס נישט? פון דעם האָבן מיר געלעבט די בערך פיר חדשים אין בודאַפּעשט.

אין פרילינג 1944 האָבן די דײַטשן פולשטענדיק אָקופּירט אונגאַרן. מיר האָבן געוווּסט וואָס דאָס באַטײַט. מ'האָט געשפּירט אַז דער באָדן ברענט אונטער די פיס. דעמאָלט האָט זיך געעפנט אַ וועג קיין ארץ־ישראל דורך רומעניע, וווּ די באַדינגונגען זענען געווען בעסערע ווי אין אונגאַרן. מען האָט פאַר גרויסע געלטער געדונגען פישער־שיפלעך אויף הונדערט מענטשן, אין וועלכע מען האָט אַרײַנגעפּאַקט ביז דרײַ הונדערט, און צו מאָל נאָך מער. די שיפלעך האָבן מיר אָנגערופן „באַליעס". זיי זענען געשווומען פון קאָנסטאַנץ קיין טערקײַ, און פון דאָרט זענען די מענטשן געפאָרן מיט דער באַן דורך סיריע און לבנון קיין ארץ־ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז דערצו האָט מען געמוזט גוט איבערקויפן די דײַטשן. נישט געקוקט דערויף, האָבן זיי עטלעכע שיפלעך מיט מענטשן דערטרונקען. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן און מען האָט די דאָזיקע „נסיעות" פאַרגעזעצט. קלאָר, אַז אַלץ

איז געמאַכט געוואָרן בסוד־סודות, און דער פּרינציפּ איז געווען ווי מיט סערטיפיקאַטן: ווער עס זאָל פאָר׳ער פאָרן, האָט באַשלאָסן די אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע.

נחמה האָט דעמאָלט געשוואַנגערט און מיר האָבן זיך נישט געקאָנט דעצידירן צו פאָרן מיטן דאָזיקן וועג. אין צווישן האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם באַקאַנטן „קאַסטנער־טראַנספּאָרט״ פון דריי טויזנט ייִדן פאַר צושטעלן די דײַטשן אַ גרעסערע צאָל לאַסטאויטאָס. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס פון די אונגאַרישע ייִדן. מיר האָבן פאַרשטאַנען וווּהין מען שיקט זיי און געזען אין דעם דעם אָנהייב פון סוף. נאָך אַ גרויסן אָנשטרענג האָבן מיר זיך אַרײַנבאַקומען אויף דער רשימה פון די באַשטימטע צום „קאַסטנער־טראַנספּאָרט״, אַלס אונגאַרישע ייִדן אונטערן נאָמען רעוועס לאַסלאָ.

דערווײַלע האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער טראַנספּאָרט פאָרט קיין בערגען־בעלזען... ס׳האָט געהייסן, אַז מען וועט דאָרטן זײַן אויף קאַראַנטין און דערנאָך וועלן מיר דורך דער שווייץ פאָרן קיין ארץ־ישראל. דערהערנדיק דעם נאָמען בערגען־בעלזען, האָבן מענטשן זיך דערשראָקן. דעם אמת געזאָגט, האָט קיינער נישט געוווּסט וווּהין מען וועט אונדז פירן. דער אומאויפהערלעכער געראַנגל מיטן טויט, דאָס שוואַנגערן פון נחמהן, האָט אונדז דערפירט צו אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע. מיר האָבן געטראַכט, אַז וואָס ס׳זאָל נישט געשען, אַבי אַ סוף זאָל נעמען! און באַשלאָסן צו פאָרן מיט דעם אַ טראַנספּאָרט. געווען איז אַ באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע, אַז אויב מיר וועלן אויפן וועג זען, אַז מען פירט אונדז קיין אוישוויץ, זאָלן מיר אויפרײַסן דעם טראַנספּאָרט, כּדי כאָטש אַ טייל מענטשן זאָל קאָנען אַנטלויפן.

בערגען־בעלזען האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שרעקלעכן אײַנדרוק, כאָטש מיר זענען נישט געווען אין סאַמע לאַגער. מען האָט אָפּגעטיילט די פרויען פון די מענער, אָפּגעריסן קינדער פון די עלטערן. דער גרעסטער פּחד האָט אַלעמען באַהערשט, ווען מען האָט געפירט אין באָד אַרײַן. אַלץ האָט אויסגעזען געזונט, ווי מיר האָבן געהערט וועגן די גאַזקאַמערן. מען האָט אויסגערופן לויט די נעמען גרופּעס צו 50 מענטשן. געהייסן זיך אויסטאָן. די

קליידער האָט מען צוגענומען אין דעזינפעקציע. מען האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ זאַל מיט טושן. מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז עס... ווען מיר האָבן דערזען, אַז פון די קראַנען גיסט זיך וואַסער און מען פילט נישט קיין גאַז, האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג, ווי מיר וואָלטן שוין באמת געווען אויס־געלייזט. אָבער באַלד זענען מיר ווידער געוואָרן באַהערשט פון יאוש, ווען מיר זענען שעהען־לאַנג געשטאַנען נאַקעטע ביזן קריגן צוריק די מלבושים.

לסוף האָט מען אונדז אַרײַנגעפירט אין באַראַקן — פרויען און מענער באַזונדער. אַן אויסנעם איז געווען די משפחה קאַסטנער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערן באַראַק. אין אונדזער טראַנספּאָרט זענען געווען אינטעלעק־טואַלן, אינדוסטריעלער און סוחרים, וואָס האָבן באַצאָלט גרויסע געלטער. ס׳איז אויך געווען צווישן אונדז דער סאַטמאַרער רבי. אונדז, אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט חלוצים, האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנצואָרדענען זיך אין צוויי באַראַקן — איינער פאַר פרויען, דער צווייטער פאַר מענער. דער לאַגער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט, אָבער אינעווייניק האָט מען זיך געקאָנט פרײַ באַוועגן, אַפילו באַזוכן איינער דעם צווייטן.

די אונגאַרישע ייִדן זענען אין זייער מערהייט געווען פאַרמעגלעכע מענטשן און האָבן מיטגענומען זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן. ערגער איז געווען מיט אונדז, די חלוצים. דאָס וואָס מ׳האָט באַקומען פון די דײַטשן, איז געווען נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן — 200 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ. קינדער און שוואַנגערע פרויען האָבן באַקומען צו גלאָז מילך. היות מיר האָבן נישט געררייכערט, האָב איך פאַר די דרײַ סיגאַ־רעטן, וואָס מען פלעגט באַקומען יעדן טאָג, געקאָנט קריגן אַ צוגאָבלעך שטיקל ברויט. איך בין דאָרטן געווען אַ שוסטער און אַ פריזירער און דערמיט צוגעפאַרדינט אַן איבעריק שטיקל ברויט און אויך אַ מלבוש.

די אונגאַרישע ייִדן האָבן געהאַט קרובים אין דער שווייץ, מיט וועלכע זיי האָבן אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ. פון זיי האָבן מיר געהערט וועגן דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון די אונגאַרישע ייִדן אין די טויטלאַגערן. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. יעדן טאָג פלעגן קורסירן אַלץ נײַע קלאַנגען. איין טאָג איז געוואָרן פריילעך — מען האָט געזאָגט אַז די טראַנסאַקציע מיט די אויטאָס ווערט רעאַליזירט און מיר וועלן בקרוב זײַן

אויף דער פרײַ. אַ צווייטן טאָג האָט מען פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז ס׳איז דערפון גאָרנישט געוואָרן, און מיר וועלן זײַן די ערשטע קרבנות...

נאָך דרײַ חדשים אָפּהאַלטן אונדז אין לאַגער האָבן די דײַטשן, ווײַזט אויס, געוואָלט באַווײַזן, אַז זיי באַטראַכטן דעם טראַנסאַקציע־ענין ערנסט. האָבן זיי צוזאַמענגענומען אַ טראַנספּאָרט פון עטלעכע הונדערט מענטשן און געשיקט קיין שווייץ. די מענטשן האָבן אָנקומענדיק אַהין באַלד דורך דער פאַרמיטלונג פון רויטן־קרייץ, געשיקט צו אונדז אין לאַגער בריוו און אַפילו פּעקלעך. נאָך דעם איז ווידער שטיל געוואָרן, און ס׳האָט זיך פאַר־שטאַרקט די רעזיגנאַציע־ און יִיאוש־שטימונג. מיר, די חלוצים, זענען זיך צונויפגעקומען און באַהאַנדלט די געשאַפענע לאַגע. אָבער מער ווי טרייסטן איינער דעם אַנדערן האָבן מיר נישט געקאָנט, בפרט נאָך דעם, ווי ס׳איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע טראַנסאַקציע מיט די אויטאָס איז ענד־גילטיק אָפּגעפאַלן.

אין איינעם אַן אָוונט, אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער 1944, האָט דער קאָמיטעט גענומען פאַרטיילן עסן אויף עטלעכע טעג. אין לאַגער איז געוואָרן אַ גרויסע שׂמחה: מען פאָרט קיין ארץ־ישׂראל!

צו מאָרגנס האָט מען אונדז געפירט צו דער באַן. צום ערשטן מאָל זינט דעם אויסבראָך פון דער מלחמה האָב איך געזען, מען זאָל פירן ייִדן אין פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען. מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז מיר פאָרן טאַקע אין דער שווייץ, ווי מען האָט צוגעזאָגט. אַפילו ווען דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט און מיר האָבן זיך איבערצייַגט, אַז ער פאָרט אין דער געהעריקער ריכטונג, זענען מיר נאָך אַלץ נישט געווען זיכער. ערשט ווען מיר זענען אַריבער די גרענעץ און דערזען מענטשן מיט אָפּצייכענונגען פון „רויטן קרייץ״, האָט דאָס האַרץ גענומען האַסטיק קלאַפּן. ס׳האָט זיך פּשוט נישט געלאָזט גלייבן, אַז מיר זענען באמת אַרויס פון גיהנום.

מיר זענען אָנגעקומען קיין סענט־גאַלען. מען האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ שול־בנין, וווּ מיר האָבן באַקומען צו עסן און טרינקען. נחמה איז געווען שוין אין די לעצטע חדשים. ס׳איז געקומען אַ קראַנקן־שוועסטער און האָט איר געגעבן עטלעכע קלעצלעך צוקער און מעדיצינישע הילף. נאָך דעם האָט מען אונדז געפירט קיין מאָנטרע. דאָרטן, אויף אַ הויכן באַרג וואָס

האָט דאָמינירט איבער דער שטאָט, איז געווען אַ גרויסער האָטעל מיט בערך טויזנט צימערן. דאָ האָט מען אונדז אײַנגעקוואַרטירט.

און ווידער, שוין אין דער פרײַער שווייץ, זענען מיר פאַקטיש ווײַטער געווען אין אַ לאַגער. אמת, הימל־ווײַט פון דעם, וואָס דער דאָזיקער באַגריף האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין יענע טעג, אָבער דאָך — אַן אינטערנירונג־לאַגער, מיט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון באַוועגונג פאַר די פאַרשפאַרטע. כּדי צו פאָרן אין מאָנטרע, וואָס איז געלעגן צופוסנס פון באַרג, אָדער ווי מיר האָבן דאָס גערופן — אַראָפּפאָרן אין שטאָט, האָט מען געמוזט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון לאַגער־קאָמענדאַנט, אַ שווייצאַרישן אָפיציר. און מען דאַרף צוגעבן, אַז עס האָבן נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטן אויך צווישן די שווייצער.

ווען מיר זענען דאָס ערשטע מאָל געווען אין מאָנטרע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיר זענען עפּעס אין אַן עולם־הדמיון: אַ נאָרמאַל לעבן, אָפענע געשעפטן מיט כּל־טוב, איר קאָנט אַרײַן און קויפן וואָס אײַער האַרץ גלוסט. קיין שפּור פון דער בלוטבאָד וואָס געדויערט שוין יאָרן אין אייראָפּע. אין אַ וואָך נאָך אונדזער קומען, דעם 14טן דעצעמבער, איז געבוירן געוואָרן אונדזער זון. מיר האָבן אים געגעבן דעם נאָמען בן־חורין. (ער איז הײַנט אַ פּסיכאָלאָג און וווינט אין גבעתיים.)

פאַר דער צײַט האָבן מיר אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דער אַמבאַסאַדע פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, באַקומען פּוילישע פּאַספּאָרטן און אויך הילף פון „רויטן קרייץ". אונדזער לעבן האָט זיך כּמעט ווי נאָרמאַליזירט אין דער דאָזיקער נישט־נאָרמאַלער צײַט פון וואַרטן. און געזען האָט זיך שוין דער סוף פון דער נאַצישער בעסטיע...

דערווײַלע האָבן אונדז נישט געפעלט קיין צרות. פּלוצעם איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז מען וועט אונדז גאָר שיקן קיין אַפריקע. מיר האָבן זיך דערדערט, אַז ווי נאָר מיר דערוויסן זיך פון אַן אָנקומענדיקער קאָמיסיע, לייגן מיר זיך אין די בעטן און דערקלערן, אַז מיר זענען קראַנק און וועלן זיך פון אָרט נישט רירן.

אין צוויי חדשים אַרום איז דער לאַגער ליקווידירט געוואָרן. מען האָט אונדז געשיקט אין פאַרשיידענע שטעט, ווו מיר האָבן געלעבט ווי פרײַע

מענטשן. מיר זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין ענגעלבערג. דאָרטן איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַן „אָרט"־שול און מיך האָט מען אַנגאַזשירט פֿאַר אַן אינסטרוקטאָר פֿון טריקאָטאַזש — מײַן אַלטע פּראָפֿעסיע. נאָך יאָרן פֿון פּײַן האָבן מיר ווידער געלעבט נאָרמאַל, מען קאָן זאָגן, אַפֿילו נישט שלעכט. ס'האָט אונדז קיין זאַך נישט געפֿעלט. געדריקט האָט בלויז דער טרויער און ווייטיק נאָך די פֿאַרשניטענע משפּחות אונדזערע, נאָך די פֿאַרלוירענע קרובים, פֿרײַנד און אַלע אומגעקומענע ייִדן.

אין סעפּטעמבער 1945 האָבן מיר געקראָגן סערטיפֿיקאַטן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. די אָנפֿירער פֿון „אָרט" האָבן אונדז אַפֿילו צוגערעדט מיר זאָלן נאָך פֿאַרבלײַבן. ווער אָבער האָט אין יענער צײַט געהאַט כּוח זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַזאַ פֿאַרמעגן ווי צוויי סערטיפֿיקאַטן? אַ פּאָר וואָכן פֿאַר ראָש־השנה זענען מיר דורך איטאַליע אָנגעקומען אין אונדזער היסטאָריש היימלאַנד.

תל־אָביב, יוני 1980

פון געטאָ אין זאַוויערטשע ביז עתלית

זוכנדיק די שפורן פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכער עס ווערט געשריבן אין די פרי׳ערדיקע רעפּאָרטאַזשן פון דעם אָ בוך, האָט מיר טערעסע קלימעק אין קאַטאָוויץ געוויזן אַ קאַרטל, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין יענע טעג פון טערקיי. אינעם קאַרטל ווערט איבערגעגעבן, אַז די משפחה פילט זיך גוט. דאָס איז געווען אַ באַשטימטער פון פאַרויס סימן, אַז די גרופּע איז אַדורך בשלום. דאָס קאַרטל האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ האַרציקן גרוס פון יאַדוויגען.

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך מײַן עליה, האָב איך צו מײַן גרויסער איבער־ראַשונג זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע „יאַדוויגע״ איז מײַנע אַ קרובה, העלע הערצבערג, פון זאַוויערטשע.

און אַט זיצן מיר אין הויז טאַקע פון יענער „יאַדוויגען״, הײַנט העלע פּרווידענרײַך, צוזאַמען מיט איר מאַן יעקב, אין מושב כּפר־ביאַליק. אין זכּרון קומען אויף די געשעענישן פון יענע טעג.

קאָן זײַן, אַז אונדזער קרובהשאַפט איז אַ גורם, וואָס די רעלאַציע פון מײַנע גאַסטגעבער איז אַ ביסל אַ כאַאָטישע. איך באַמי זיך נישט אַפילו צונויפצושטעלן די ידיעות אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. אויף אַזאַ אופן, ווי מיר דאַכט, גיבן זיי בעסער איבער די אַטמאָספער פון די געשעענישן פון יענע טעג, ווען זיי דערציילן וועגן דעם מיט 35 יאָר שפּעטער.

די געטאָ אין זאַוויערטשע האָט אויסגעדויערט לענגער פון אַנדערע געטאָס אין זאַגלעמביע צוליב אירע ספּעציפישע באַדינגונגען, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן. אָבער בײַם אָנהייב קאָנצענטרירט זיך אונדזער שמועס אַרום דעם גורל פון העלעס מאַמען, די מומע איטעלע, ווי מען האָט זי מיט אַפּשײַ און ליבשאַפט גערופן אין דער משפחה.

די מומע איטעלע האָט געשמט מיט איר אינטעליגענץ און בילדונג, וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט פאַר אַ פרוי פון אַ חסידישער משפחה זינט דורות.

דאָס איז געוויס די סיבה, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש פאַר די נײַע אידעען, מיט וועלכע אירע קינדער האָבן זיך אַרומגעטראָגן. אַזאַ איז זי פאַרבליבן אויך אין דער צײַט פון די שווערסטע נסיונות בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווען יעדער שריט האָט דעצידירט וועגן לעבן אָדער טויט.

*

דאָס געטריבן ווערן פון אָרט צו אָרט, די צאָל אויסזידלונגען און וואַנדערונגען, ביז העלע און יעקב האָבן דערגרייכט צו די ברעגן פון ארץ־ישׂראל, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳איז איצט שווער כראָנאָלאָגיש אויפצו־שטעלן די פאַקטן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך שוין אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע. העלע דערציילט:

— אין דעצעמבער 1939, ווען מען האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאָר־געשטעלט, אַז מען וועט פאַרשפאַרן די ייִדן אין געטאָס, איז אַראָפּגעקומען אַ „פאָלקס־דײַטשקע״, וועלכער ס׳איז געפעלן געוואָרן דווקא אונדזער גע־וועלב. קיין גרויסע ביזנעס האָבן מיר דאָרטן נישט געמאַכט, אָבער ס׳האָט איר געפּאַסט דער פּונקט, אין צענטער שטאָט, אויף דער דריטער־מאַי־גאַס. באַלד איז געקומען אַ דײַטשישער אָפיציר מיט אַ באַפעל, אַז מיר דאַרפן תיכּף פאַרלאָזן דאָס הויז. ער איז געווען איבערראַשט פון דער שיינער דײַטשישער שפּראַך און די אַרגומענטן, מיט וועלכע די מאַמע האָט זיך געפּרוּווט ווערן קעגן דער גזירה. ער האָט זיך געוויס נישט פאָרגעשטעלט אַזוינס צו הערן פון אַן עלטערער ייִדישער פרוי. ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער איז דערפון געווען באַאײַנדרוקט, און אין אונדזער נאַיִוקייט האָבן מיר געהאָפט, אַז די מאַמע האָט אונדז געראַטעוועט. צום סוף האָט דער דײַטש געזאָגט: „זי זינדווירקליך אײַנע העכסט קולטורעלע פראַו, איך האָבע מיט אינען מיטלײַד, אָבער בעפעל איסט בעפעל״.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן אונדזער שטוב.

דאָס איינציקע מיטל כאָטש צײַטווײַליק אויסצומײַדן די אויסזידלונג איז געווען צו זײַן אַ „נוצלעכער יודע״. דאָס האָט באַטײַט — האָבן אַ סטאַ־בילע אַרבעט. דאָס מזל פון די ייִדן אין זאַוויערטשע איז געווען, וואָס אַ

דײַטשישער אָפּיציר, גאָרבערעכט איז געווען זײַן נאָמען, האָט אָרגאַניזירט וואַרשטאַטן, אַזוי גערופענע שאָפּן, אין וועלכע מען האָט פּראָדוצירט מונדירן פאַר דער „לופט־וואַפע". נישט געקוקט אויף איר עלטער, איז די מאַמע אָנגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט אין קירזשנער־שאָפּ. איך און מײַן עלטערע שוועסטער, דאָרע, האָבן געאַרבעט אין שנײַדער־שאָפּ.

אין אַ ווינטערנאַכט, סוף 1942, זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן מיט די באַקאַנטע געשרייען: „יודען ראַוס!" עס האָט זיך אָנגעהויבן איינע פון די צאָלרײַכע אויסזידלונגען. עלטערע מענטשן האָבן שוין דעמאָלט געהאַט גאָר קליינע שאַנסן צו בלײַבן אויף אַן אָרט. האָבן מיר די מאַמע איבער־געלאָזט אין שטוב, באַהאַלטן אונטער אַ שאַנק. איך מיט דאָרען זענען אַוועק אויפן זאַמלפּונקט. אַ דײַטשישער אָפּיציר איז געשטאַנען און ווי אַ דיריגענט באַוועגט מיטן פינגער — אויף רעכטס, לינקס. אויף לינקס האָט באַטײַט — אין די קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו, אויף רעכטס — דערווײַלע נאָך בלײַבן לעבן. איך קאָן נישט פאַרגעסן דאָס בילד: דירעקט פאַר מיר זענען געשטאַנען צוויי שוועסטער, איינע זייער אַ שיינע, די צווייטע דווקא אַ מיאוסע. דער שיינער האָט דער דײַטש געגעבן אַ צייכן מיטן פינגער אויף רעכטס, דער צווייטער אויף לינקס. מיר מיט דאָרען האָט אָפּגעגליקט, ביידע זענען מיר געשיקט געוואָרן אויף רעכטס און דערווײַלע ווידער געבליבן צוזאַמען.

נאָך פאַר דעם ווי מען האָט די געטאָ הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפצולעבן די טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס, בעיקר צווישן דער יוגנט. די געטאָ איז שוין געווען ביז גאָר קליין און איינער האָט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך בײַם צווייטן. באַזונדערש שווער איז געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פונעם יודענראַט. פון דעסטוועגן איז אַ געוויסע טעטיקייט יאָ געפירט געוואָרן. מען האָט די גאַנצע צײַט אויפגעהאַלטן אַ גוטע פאַרבינדונג מיט די יידישע אונטערגרונט־אָרגאַני־זאַציעס אין בענדין און סאָסנאָוויץ און אַפילו מיט וואַרשע. מײַן שוועסטער, דאָרע, איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען אַקטיוו אין „השומר הצעיר" און צוליב דעם כאַראַקטער פון מײַן מאַמען, פאַר וועלכער מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין סודות, איז אונדזער שטוב געוואָרן דער טרעפפּונקט פאַר

די אָרגאַניזירטע חברים. צוויי מאָל האָט אונדז באַזוכט אַפּילו אַניעלעוויטש. איך בין נישט געווען קיין מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע און דעריבער נישט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַלע אירע סודות. כ׳ווייס נאָר, אַז דער צווייטער באַזוך פון אַניעלעוויטש איז געווען פאַרבונדן מיטן ענין פון די שווייצאַרישע דאָקומענטן. פון דער שווייץ זענען דעמאָלט אָנגעקומען אַרויס־פאַר־דערלויבענישן פאַר אַ באַגרענעצטער צאָל יידן. מען האָט געשמועסט, אַז דאָס האָט מען זיי אויסגעביטן אויף געפאַנגענע דײַטשן. די קאַנדידאַטן צו פאָרן זענען באַשטימט געוואָרן דורך די אָרגאַניזאַציעס. ס׳האָט קורסירט אַ קלאַנג, אַז עטלעכע מענטשן זענען שוין באמת אַרויסגעפאָרן. דער יודענ־ראַט אין סאָסנאָוויץ, בראָש מיט מאָניעק מערין, וואָס האָט געהאַט די השגחה איבער אַלע געטאָס אין זאַגלעמביע, האָט געוואָלט אַרויפלייגן זײַן האַנט אויף דעם ענין. אַניעלעוויטש האָט בעת זײַן באַזוך געפירט די אונטער־האַנדלונגען. ווי מיר איז באַקאַנט, איז מען צו קיין הסכם נישט געקומען.

כ׳מוז דערציילן דעם פאַל מיט אינען. דאָס איז געווען אַ פּסעוודאָנים. איר פאַקטישן נאָמען ווייס איך נישט עד־היום. זי איז געווען אַ פאַרבינד־לערין, וואָס האָט געפירט געווער פון וואַרשע קיין סאָסנאָוויץ. בעת איינער פון אירע נסיעות האָט מען זי פאַרהאַלטן נישט געקוקט אויף אירע „אַרישע פאַפּירן״ און „גוטן אויסזען״. זי האָט אויסגעהאַלטן די פּײַניקונגען אין דער געסטאַפּאָ און זיך נישט מודה געווען, אַז זי איז אַ יידישע. האָט מען זי געשיקט אין תפיסה קיין מיסלאָוויץ. אויפן וועג איז זי אַנטלאָפן. זי האָט אויסגערעכנט, אַז דאָס זיכערסטע וועט זײַן צו פאָרן קיין זאַווערטשע, ווײַל אין בענדין און אין סאָסנאָוויץ האָט מען זי גוט געקענט. נאָך פון פריִער האָט זי געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אונדזער דאָרען. נאָר אַזוי ווי מיר זענען כסדר געטריבן געוואָרן פון אָרט צו אָרט, האָט אינע נישט געוווּסט אונדזער אַק־טועלן אַדרעס און געמאַכט אַ פאַטאַלן פעלער: בעפרעגט דווקא ביי אַ יידישן פאָליציאַנט ווו עס וווינט דאָרע הערצבערג.

ווען זי איז אַרײַן צו אונדז אין שטוב, האָבן מיר זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען: אַ צעשלאָגענע, פול מיט ווונדן, דערצו — אַזוי שטאַרק אויס־געשעפּט, אַז זי איז גלײַך אַוועקגעפאַלן. צום באַדויערן האָט זי נישט באַוויזן לאַנג צו רוען. נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז געקומען צו אונדז אַ שליח

פון יודענראַט און געשטעלט אַ באַדינג: אָדער אונדזער גאַסט גייט תיכּף מיט אים און וועט זיך אַליין צושטעלן אין געסטאַפּאָ, אָדער די גאַנצע משפּחה אונדזערע וועט געשיקט ווערן קיין אוישוויץ. אינעו איז גלייך אַרויס. די מאַמע האָט נאָך דעם באַקומען אַ שאָק.

דערגייט יעקב:

— אַפילו היינט, העכער דריי צענדליק יאָר נאָך יענע טראַגישע געשעענישן, איז פאַר אַ סך מענטשן שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די דייטשן איז געלונגען צו דערפירן די ייִדן צו אַזאַ מצב, אַז דער עצם ווילן זיך צו ראַטעווען, אַפילו זיך אַליין, איז געווען איבער די מענטשלעכע כּוחות. געגוג צו דערמאָנען יענע נאַכט פון סוף אויגוסט 1943. פּאָליציי און געסטאַפּאָ האָבן אַרומגערינגלט די געטאָ. אין דער פרי זענען מיר אַלע אַרויס אין גאַס. מיר זענען שוין דעמאָלט פאַרבליבן אַ גאַנץ קליינע צאָל ייִדן און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוף. נאָך אַ לאַנג וואַרטן איז געקומען דער געסטאַפּאָ־שעף און דערקלערט, אַז ער האָט טאַקע אַ באַפעל אונדז אַלע צו שיקן קיין אוישוויץ, נאָר אַזוי ווי די וואַגאָנען זענען נאָך נישט געקומען, קאָנען מיר דערווייַלע גיין אַהיים. ס'איז שווער צו באַגרייפן די רעאַקציע פון די מענטשן. מען האָט זיך געוואָרפן ראַבעווען די מאַגאַזינען. אַרטיקלען וואָס זענען געווען אויף דער וואָג פון גאָלד, האָבן זיך געוואַלגערט הפקר אויף די גאַסן. פון דער אַנדערער זייט איז אַ גרויסער טייל ייִדן געווען באַהערשט פון אַפּאַטיע און גלייכגילט צום אייגענעם גורל.

און העלע באַמערקט:

— די מאַמע האָט אונדז געבעטן מיר זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. זי האָט געטענהט: „איר זענט יונג, אפשר וועט איר זיך ראַטעווען". זי אַליין האָט באַשלאָסן צוצושטעלן זיך צו דער אויסזידלונג, כּדי נישט צו זיין קיין לאַסט פאַר אונדז. באַלד איז טאַקע געקומען די אויסזידלונג פון 27סטן אויגוסט 1943. מען האָט אונדז געפירט צום זאַמלפּונקט. דאָס מאָל זענען שוין די וואַגאָנען געשטאַנען גרייט. צו אונדזער מזל איז אָנגעקומען דער לייטענאַנט גאַברעכט, וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אויסצוקלייבן יונגע מענטשן פאַר דער אַרבעט אין די שאָפּן. עס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן בערך 600 מענטשן. איך און מיין שוועסטער, דאָרע, זענען געווען

צווישן זיי. ממש אין דער לעצטער מינוט האָט מען אונדז אַרויסגענומען פֿון זאַמלפּונקט. איך האָב באַוויזן צו געבן דער מאַמען אַ פֿלאַש וואַסער, ווען זי איז שוין געווען אין וואַגאָן, וואָס האָט זי אַוועקגעפֿירט אין די גאַזקאַמערן פֿון אוישוויץ־בירקענאַו...

מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז נישט אויף לאַנג לאָזט מען אונדז איבער. דאָרע האָט געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט פּעלע קאַץ און קאַשע שאַנצער, אַקטיווע טוערינס אין דער אָנפֿירונג פֿון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין זאַ־גלעמביע, און אויך געהאַט אַדרעסן פֿון עטלעכע בונקערס ביי פּאָליאַקן, ווו מען האָט זיך געקאָנט צייטווייליק אויסבאַהאַלטן. מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן.

מיין מאַן, יעקב פּרוידענרייך, איז דעמאָלט געווען צוגעטיילט צו אַ גרופּע יידן, וואָס מען האָט באַפֿוילן אויפֿצוראַמען די יידישע שטובן און צונויפֿקלייבן די געבליבענע אין זיי בעבעכעס. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט פֿרייער זיך צו באַוועגן און ער האָט באַוויזן זיך צו פֿאַרשטענ־דיקן מיט אַ פּאָלקע, וואָס האָט מסכּים געווען צו קויפֿן פֿאַר אונדז דריי באַנבילעטן קיין בענדין. ס'איז געווען באַשטימט, אַז דאָרטן וועט אויף אונדז וואַרטן פּעלע אָדער קאַשע. דורך אַ „מאַכער" האָבן מיר איבערגעקויפֿט דעם דייטשישן וועכטער און מיר זענען אַרויס.

פּעלע האָט אונדז אָפּגעוואַרט און געפֿירט צו נאַוואַקן. דאָס איז געווען דער סטרוזש און הייצער פֿון דער מיקווה, אַ מענטש מיט אַ קנאַפּער מאַראַל. ביי אים האָבן זיך אָבער אויסבאַהאַלטן עטלעכע יידן. בעת אונדזער אָנקום איז ער געווען טויט־שיכּור און זיך פֿאַרעקשנט, אַז מער קיין יידן וויל ער נישט אַריינלאָזן. עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין בקשות און תּחנונים. בלית־ברירה זענען מיר אַוועק אין דער לאַנג שוין אויסגעליידיקטער געוועזענער געטאָ אין קאַמיאָנקע. ביים אַריינגאַנג איז געהאָנגען אַ וואָרענונג אין דייטש, אַז פֿאַר איינגעפֿינען זיך אויף דעם דאָזיקן שטח דראָט טויטשטראָף. וואָס האָבן מיר געהאַט אָנצווערן? מיר זענען פֿאַרקראָכן אין אַ קעלער און איבער־גענעכטיקט.

צו מאָרגנס האָט אונדז קאַשע געפֿירט מיט דער באַן קיין ביסטרע, אַ קוראָרט אין די בעסקידן־בערג. דאָרטן האָט עס די אָרגאַניזאַציע געהאַט

אַ פֿאַרבינדונג מיט מיעטשיסלאַוו קאַבילעץ.* טאַקע מיט זײַן הילף האָבן מיר געדונגען אַ צימער, דווקא בײַ אַ „פֿאָלקס־דײַטשקע". ער האָט אונדז פֿאַרגעשטעלט ווי קינדער פֿון רײַכע טאַבאַק־פֿאַבריקאַנטן, וואָס זענען גע־קומען אַהער אָפּרוען און פֿאַרברענגען די פֿרײַע צײַט...

יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגן מיר אַרויס אין וואַלד. געהייסן האָט עס, אַז מיר גייען אין קורהויז, און עסן טוען מיר אין די רעסטאָראַנען... פֿאַקטיש האָבן מיר אין די ערשטע טעג געלעבט פֿון דעם גלעזל מילך, וואָס מיר האָבן באַקומען יעדן פֿרימאָרגן בײַ דער באַלעבאָסטע און פֿון די יאַגדעס און שוואָמען, וואָס מיר פֿלעגן באַוויזן אָנצוקלײַבן אין וואַלד. פֿון צײַט צו צײַט האָט מיעטשיסלאַוו אונדז געבראַכט אַ ביסל עסן, שפּעטער האָט ער געקויפֿט פֿאַר אונדז אַפֿילו לעבנס־מיטל־קאַרטן, ווײַל אַלץ איז געווען ראַציאָנירט.

דאָס דאָזיקע גליק האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די פּאָליציי האָט פֿאַרהאַלטן מיעטשיסלאַוון אונטערן חשד פֿון האַנדלען מיט געפֿעלשטע ברויטקאַרטן. דאָס איז געווען אמת, אָבער ער האָט באַוויזן אַרויסצודרייען זיך. אַ נס איז געווען, וואָס זיי האָבן נישט געוווסט, אַז ער האָט אויף זיך אַ סך שווערערע עבֿירות. אַגבֿ, האָט ער געלעבט אויף פֿאַלשע דאָקומענטן. מיר האָבן מער נישט געטאָרט ריזיקירן און באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין מיכאַל־קאָוויצע, אין אַ בונקער בײַ די קאַבילצעס.

— עס זאָגט זיך אַזוי פֿאָרן, — נעמט איבער יעקבֿ דאָס וואָרט. — געדענקסט וואָס מיר האָבן געהאַט טאַקע אין ביסטרע? ווי נאָר מיר זענען אַרײַן אין וואַגאָן, דערטראָגט זיך צו אונדז פֿון איינער אַ קופּע: „קרימינאַל־פּאָליציי, ביטע אַוסווײַז!" פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען גלײַך פֿאַרשוווּנדן. מיט פֿאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס אויפֿן וועג זענען מיר אָנגעקומען צו די קאַבילצעס אין מיכאַלקאָוויצע. דער בונקער איז געווען גוט געמאַכט, ס'איז אָבער געווען זייער ענג אין אים. ממש נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, ווו צו ליגן. די מענטשלעכע באַדערפֿענישן האָבן מיר דערליידיקט בײַ נאַכט, אַרויסגייענדיק צו איין מענטש, לויט דער ריי. דאָרט, האָבנדיק אַן „אַרישן" דאָקומענט, פֿלעגט בײַ טאָג אײַנשאַפֿן פּראָדוקטן און אויספֿירן כּלערליי

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „אזיל".

שליחותן פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ „דאָקומענט" איז געווען אַזוי לאַנג גוט, ביז מען האָט אים נישט אַ קאָנטראָליר געטאָן. צום סוף איז דאָרע אַרײַנגעפאַלן און מיר ווייסן עד־היום נישט, ווי אַזוי זי איז אומגעקומען. מיר האָבן נאָך העכער אַ חודש זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָזיקן בונקער.

און ווידער נעמט דאָס וואָרט העלע:

— אין אַ געוויסן טאָג פון אָנהייב ווינטער איז צו אונדז געקומען שמואל און איבערגעגעבן, אַז ער האָט געפונען אַ נײַעם אַדרעס אין קאַטאָוויץ, ווו מען קאָן זיך אויפהאַלטן, ביז עס וועט זײַן אַ געלעגנהייט צו שמוגלען די גרענעץ. קאָן זײַן דערפאַר, וואָס איך און יעקב האָבן זיך געפילט ווי אַ צוטשעפעניש, נישט זײַענדיק קיין מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, זענען מיר די ערשטע מסכים געווען פרײַוויליק צו גיין אויף דעם נײַעם אַדרעס. מען האָט עס אָקצעפּטירט מסתמא דערפאַר, וואָס מיר זענען תמיד גרייט געווען צו גיין די ערשטע בעת יעדן נײַעם פּרווו. און אונדז האָט געיאָגט דער אינסטינקט צו גיין, לויפן, פּרובירן און אפשר האָבן מיר דעריבער זיך געראַטעוועט? אַזוי איז אויך געווען אַ געוויסע צײַט שפּעטער, ווען דאָרע איז געקומען מיט דער בשורה, אַז עס איז אָנגעבונדן געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט שמוגלערס צו שוואַרצן די גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און פון דאָרטן — איבער אונגאַרן, קיין ארץ־ישראל.

ווידער זענען מיר געווען אין דער ערשטער גרופּע, אַכט מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויפן נײַעם וועג. פון קאַטאָוויץ זענען מיר געפאָרן קיין ביעלסק און פון דאָרטן — אין אַ דאָרף לעבן דער גרענעץ. בײַ נאַכט האָבן אונדז צוויי פּוילישע שמוגלערס צו פוס אַוועקגעפירט צו דער גרענעץ...

דערמאָנט יעקב העלען:

— געדענקסט די צרות מיט מײַנע גומענע שטיוול? מיר האָבן זיך געדאַרפט אַרויפבאַקומען אויף אַ הויכן באַרג, אַ באַדעקטן מיט שניי. צוליב די גומענע שטיוול האָב איך כמעט בײַ יעדן טראָט זיך אויסגעגליטשט. אַנשטאָט גיין אַרויף האָב איך זיך געגליטשט אויף אַראָפּ. איינער פון די שמוגלערס האָט זיך אויפגערעגט ·און מיר געגעבן זײַנע שיך, ספּעציעלע צו קלעטערן איבער בערג, און אַליין אַרומגעוויקלט די פיס מיט שמאַטעס. ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווען די שמוגלערס האָבן אונדז געזאָגט,

אַז מיר געפינען זיך שוין אויף דער צווייטער זײַט. דאָס איז געווען סלאָ־וואַקיע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון גלת טיסאָ, אַ קאָלאַבאָראַנט מיט די דײַטשן. די שמוגלערס האָבן אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ שײַער און זענען אַוועק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן איז שוין אויך געווען נאָך דער אויסזידלונג פון די ייִדן, און דאָס איז געווען אַ לאַגער פאַר די צײַטווײַליק איבערגעלאָזטע, אַזוי גערופענע „נוצלעכע ייִדן". מיר האָבן דאָ באַגעגנט נאָך געלאָפענע פון פוילן. דאָ, ווי אויך אין אַנדערע גרענעצפונקטן, וואָס מיר זענען שפּעטער אַדורך, איז געווען טעטיק אַ פּליטים־קאָמיטעט. פון דאַנען האָט מען אונדז מיט דער באַן געפירט צו דער גרענעץ מיט אונגאַרן. דאָס מאָל האָט אונדז אַ סלאָוואַקישער שמוגלער געפירט דורך די קאַרפּאַטן־בערג. מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַשיץ, שוין אין אונגאַרן. און ווידער דאַרף מען דערמאָנען, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געווען גוט. דער שמוגלער האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין דער שטאָ־טישער שיל. אונדז האָבן אויפגענומען ייִדן און גלײַך מאָרגן, דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1944, האָט דעם שמשס טאָכטער אונדז איבערגעגעבן צו אַ באַן־אַרבעטער, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז ביז בודאַפּעשט.

מיר זענען געווען איבערראַשט: אין בודאַפּעשט איז נאָך געווען טעטיק אַ גוט אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילה, מיט אַ ספּעציעלן פּליטים־קאָמיטעט. מיר האָבן אַפילו באַקומען אַ געוויסע סומע געלט. ס'איז דאָרטן געווען אויך טעטיק אַ קאָמיטעט פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן. מיר האָבן זיך אויך בײַ די פּאָליאַקן רעגיסטרירט, פאַרשטייט זיך נישט ווי קיין ייִדן. אונדז איז געווען וויכטיק זייער געלט־שטיצע אָבער נאָך וויכטיקער דער דאָקומענט, וועלכן זיי האָבן געגעבן מיט דער באַשטעטיקונג, אַז מיר זענען פּאָליאַקן. דאָס האָט אונדז שפּעטער געראַטעוועט עטלעכע מאָל, בעת מיר זענען געווען כּמעט אויפן ראַנד פון אומקום.

בלײַבן אין בודאַפּעשט האָבן מיר נישט געקאָנט. די צאָל פּליטים איז געווען גרויס און די סכּנה פאַר אונדז — נאָך גרעסער. מיר זענען געפאָרן קיין מאָבאַטש, אַ נאַכט פון בודאַפּעשט מיט דער באַן.

דאָרטן זענען מיר געבליבן פיר חדשים, האָבן זיך אָפּגערוט פון דעם אומאויפהערלעכן געיעג און געטראַכט, אַז דאָ קאָנען מיר דערווײַלע זיצן

רויק. איך זאָג, געטראַכט. פאַקטיש זענען מיר נישט געווען פעיִק צו טראַכטן. מען איז געלאָפן, געיאָגט פונעם פחד פאַרן טויט. „דער שטירמער" האָט צו יענער צײַט געשריבן: „לויפט ייִדן קיין אונגאַרן, מיר וועלן אײַך אויך דאָרטן דערגרייכן". און באמת, אין פרילינג זענען די דײַטשן אַרײַן קיין אונגאַרן, און מען האָט געמוזט טראַכטן וווהין ווידער צו לויפן.

די ווײַטערדיקע סטאַציע האָט געדאַרפט זײַן רומעניע. מיר זענען אַוועק אין דעם גרענעץ־שטעטל קאַלאַשוואַר, וואָס די דײַטשן האָבן גערופן קלאַוזענבורג. געהאָט האָבן מיר אַן אַדרעס צו אַן אונגאַרישער פרוי, בײַ וועלכער מיר האָבן געזאָלט צײַטווײַליק זיך אויפהאַלטן, און זי האָט אונדז אויך געדאַרפט פאַרבינדן מיט שמוגלערס, וואָס זאָלן אונדז פירן איבער דער גרענעץ קיין רומעניע. ווען מיר זענען געקומען איז זי גראַד געווען שיכור און אונדז נישט אַרײַנגעלאָזט. געהייסן קומען מאָרגן. דאָס איז געווען אין די טעג, ווען מען האָט דעפּאָרטירט אונגאַרישע ייִדן קיין אוישוויץ. נישט געווען קיין אויסוועג. בלײַבן אין גאַס האָט באַטײַט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די רוצחים. זענען מיר אַרײַן אין אַ האָטעל און געבעטן אַ צימער. דאָ האָט אונדז געראַטעוועט דער דאָקומענט, אַז מיר זענען פּאָליאַקן. מיר האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מיר פאַרשטייען נישט קיין דײַטש און נישט קיין אונגאַריש, נאָר בלויז פּויליש. די אונגאַרן האָבן געהאַט אַ ספּעציעל פרײַנדלעכע באַציִונג צו פּאָליאַקן. מיר האָבן באַקומען אַ צימער. פאַרשטייט זיך, אַז געשלאָפן זענען מיר נישט. דער האָטעל איז געווען פול מיט פּאָליציי און דײַטשישע אָפיצירן. יעדע מינוט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט קלאַפּט מען אין טיר.

צו מאָרגנס האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן, אַ דאַנק אַן אָרטיקן ייִד, זיך צו פאַרבינדן מיט אונגאַרישע שמוגלערס. פאַרן פּרײַז פון הונדערט דאָלאַר, וואָס מיר האָבן געהאַט בײַ זיך, זענען זיי מסכּים געווען אַריבערצופירן אונדז איבער דער גרענעץ. מיט אונדז ביידן זענען געווען נאָך פיר ייִדישע פּליטים.

שוין נאָענט בײַ דער גרענעץ האָט מען געעפנט אויף אונדז אַ פײַער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שמוגלערס זענען געווען „שמאַלצאָווניקעס" און צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער אונגאַרישער גרענעצוואַך. מעגלעך, אַז אויך

דער ייִד, וועלכן מיר האָבן צופעליק באַקענט, איז געווען זייערער אַ מענטש. אַ ייִדיש פּאַרפּאָלק פון יוגאָסלאַוויע, וואָס איז געווען מיט אונדז, איז אומגעקומען פון די שאָסן. מיר האָבן געפּרוווט אַנטלויפן. די שמוגלערס האָבן אונדז געכאַפּט. האָבנדיק דעם ביטערן נסיון ווי אַזוי צו האַנדלען מיט אַזעלכע לײַט, האָבן מיר זיי געזאָגט, אַז מיר קאָנען גיין אין געסטאַפּאָ, נאָר צוזאַמען מיט זיי... צום סוף האָבן זיי צוגערויבט בײַ אונדז די הונדערט דאָלאַר, מײַן מאַנטל און אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט, און זענען אַוועק צוזאַמען מיט דעם ייִד.

מיר זענען געבליבן אַליין אין אַ פעלד. אַרום איז געווען פינצטער. נאָכן אָפּגיין עטלעכע הונדערט טריט האָבן מיר באַמערקט אַ פּוסט בײַדל, זענען אַרײַן אַהין און זיך אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת. מיר האָבן נישט געוואָלט, מען זאָל אונדז כאַפּן שלאָפנדיקע. זענען מיר די גאַנצע צײַט געזעסן, געוואַכט און לסוף געקומען צום אויספיר, אַז אַזוי זיצן האָט נישט קיין זינען. קיין וועג צוריק איז אויך נישט געווען. האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין.

ווען ס'האָט גענומען טאָגן האָבן מיר דערזען, אַז מיר דערנעענטערן זיך צו אַ ייִשוב. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיר זענען געגאַנגען ריכטיק און האָבן זיך געפונען אויף דער רומענישער זײַט, אין שטעטל טורדאַ.

שווער פאַרצושטעלן אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן באַגעגנט דעם ערשטן ייִד. ער האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער אָרטיקער שיל. צום לויב פון די רומענישע ייִדן דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן אונדז אויפגענומען זייער וואַרעם, אַ סך בעסער ווי די אונגאַרישע. אַ ייִדישע משפּחה האָט אונדז אַרײַנגענומען צו זיך. מיר האָבן געקראָגן צו עסן אַ מאַמעליגע, וואָס האָט געהאַט דעם טעם־גן־עדן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שטעטל האָט די קליינע ייִדישע עדה אַ גוט אָרגאַניזירטע הילף פאַר פּליטים. מען האָט אונדז באַזאָרגט מיט עסן, מיט מלבושים, ווײַל געווען זענען מיר אָפּגעריסן און באָרוועס, געגעבן אויך אַ ביסל געלט און געהאָלפן פאָרן קיין בוקאַרעשט. דאָס איז געווען אין מײַ אָדער אָנהייב יוני 1944.

אין בוקאַרעשט איז אונדזער איבעראַשונג געווען גרעסער ווי פריִער אין בודאַפּעשט, זעענדיק אַז די ייִדישע קהילה אַרבעט ווי אין די אַלטע גוטע

צײַטן און אָרגאַניזירט גוט די הילף פאַר פּליטים פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן. עס זענען געווען טעטיק אויך ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען. דאָס דווקא האָט אונדז פּערזענלעך פאַרשאַפט שוועריקייטן. פון דאַנען האָט דער וועג שוין געפירט קיין ארץ־ישׂראל. היות די מעגלעכקייט אַרויסצושיקן מענטשן איז געווען זייער באַגרענעצט, האָט מען אײַנגעשטעלט אַ סיסטעם, ווי אַ מאָל אין פּוילן — מיט סערטיפיקאַטן. יעדע פּאַרטיי און אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען איר קאָנטינגענט. איך האָב זיך פאַררופן אויף מײַן שוועסטער, דאָרע, פון „השומר הצעיר", אָבער מיר זענען נישט געווען קיין מיטגלידער פון קיין שום אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי איך האָב געשוואַנגערט, האָט מען באַשטימט איך זאָל פאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, אָבער מײַן מאַן — שפּעטער. מיר האָבן נישט מסכּים געווען. כ'האָב דערקלערט, אַז נאָך דעם וואָס מיר האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט, קאָנען מיר זיך איצט נישט צעשיידן. אויב מען מוז וואַרטן, וואַרטן מיר ביידע. פון דעסטוועגן האָט מען באַשטימט, מיר זאָלן פאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט.

מיט דער באַן זענען מיר געפאָרן קיין קאָנסטאַנץ און אין די ערשטע טעג פון יולי אַרויף אויף דער שיף „קאַזבעק", וואָס האָט אונדז געפירט קיין טערקײַ. עס זאָגט זיך „שיף". ס'איז געווען, ווי מיר האָבן דאָס גערופן, אַ באַליע. אַ קליין שיפל, אין וועלכן מען האָט אַרײַנגעפּאַקט פיר, פינף מאָל אַזוי פיל מענטשן, ווי זי האָט געקאָנט אויפנעמען. ס'איז געווען שווער זיך צו באַוועגן, נישט אויסצודרייען זיך אויף דער פריטשע פון איין זײַט אויף דער צווייטער. די שיף האָט זיך געשאָקלט, און כמעט אַלע האָבן מיר במשך פון דער נסיעה געליטן פון דער ים־קרענק. דערצו נאָך האָט דער קאַפּיטאַן בסדר באַפוילן אַריבערגיין פון איין זייט אויף דער צווייטער, כּדי אײַנצוהאַלטן די גלײַכוואָג. מיר האָבן געהאַט מזל און זענען בשלום אָנגעקומען צו די ברעגן פון טערקײַ. די שיף וואָס איז אַרויס נאָך אונדז, איז אויפן וועג דערטרונקען געוואָרן דורך די דײַטשן.

אויך אין טערקײַ איז די אָרגאַניזאַציע געווען אַ גוטע. מען האָט אונדז אָפּגעוואַרט און מיט דער באַן געפירט דורך סיריע און לבנון, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין עתלית. דאָס איז געווען די ערשטע גרופּע ייִדן, וואָס איז

אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אַרויסגעפירט געוואָרן פון נאַצישן גיהנום און אָנגעקומען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. געשען איז עס אין יולי 1944.
ביז אַהער די דערציילונג פון העלע און יעקב פרווידענרײַך.

ווען איך פרעג זיי ווי האָט מען דאָ אויפגענומען זייער רעלאַציע וועגן דעם שרעקלעכן בראָך וואָס איז געשען מיט די ייִדן אין פוילן, שטעלט זיך פּלוצעם איַין אַ פאַרקלעמטע שטימונג. יעקב לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און גיט מיט דער האַנט אַ צייכן, ווי ער וואָלט זאָגן: בעסער וועגן דעם נישט צו רעדן. אויף העלעס פּנים באַוויַיזט זיך אַן אויסדרוק פון ביטערער איראָניע. און כאָטש מיר האָבן די גאַנצע ציַיט געשמועסט וועגן טרויעריקע איבער־לעבענישן, וועגן גערױַנגל מיטן טויט, פיל איך, אַז דווקא די דאָזיקע פראַגע האָט גורם געווען ביַי זיי אַ באַזונדערש גרויסן ווייטיק און אַריַינגעבראַכט זיי אין פאַרלעגנהייט. נאָך אַ לענגערער וויַילע רופט העלע אויס מיט אַן אויפגערעגטן און געהעכערטן טאָן, זי שריַיט ממש אויס:

— ווילסט וויסן דעם אמת?! אין די ערשטע טעג נאָך אונדזער קומען האָבן מיר דערציילט וועגן אַלץ סיַי די פאַרשטייער פון די אָפיציעלע אינ־סטאַנצן, סיַי פריוואַטע פערזאָנען. און זינט דעמאָלט — מער וועגן דעם נישט דערמאָנט ביז די טעג פונעם איַיכמאַן־פּראָצעס...

כפר ביאַליק, 1980

מיטן קינד אויף די הענט

ווען ס'איז פאַרגעקומען די זעקסטע און לעצטע אויסזידלונג פון די זאַגלעמביער ייִדן, אינעם פרימאָרגן פון 1טן אויגוסט 1943, האָט אַדעלע גוטערמאַן געהאַט שוין הינטער זיך דעם ביטערן נסיון פון דער ליקווידאַציע פון ייִדישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ, ווּ זי איז געווען אַ קראַנקן-שוועסטער. עס האָבן זי כּסדר באַגלייט די ביז שגעון איבערגעשראָקענע פּנימער פון די שוועך-קראַנקע, וואָס זענען מיט די לעצטע כּוחות געשפּרונגען פון די פענצטער, בכדי נישט אַרײַנצופאַלן אין די לאַפּעס פון די צעווילדעוועטע עסעסאָווצעס. זי האָט אויך געהאַט הינטער זיך די ליקווידאַציע פון געטאָ אין מאָדזשעיאָוו, בעת וועלכער עס זענען אומגעקומען אירע עלטערן. ס'האָט זיך איר גוט אײַנגעקריצט אין זכרון די „אַקציע" פון 12טן אויגוסט 1942, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון אַכט טויזנט סאָסנאָוויצער ייִדן. דעמאָלט האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו ראַטעווען די שוועסטער. איר האָט „אָפּגעגליקט" אַרײַנצופאַלן אין דער גרופּע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין די לאַגערן קיין דײַטשלאַנד, און נישט גלײַך אין אויוון אַרײַן. אַדעלע האָט איר געהאָלפן דערמיט, וואָס זי האָט גענומען צו זיך דער שוועסטערס קינד, די דרײַ-יאָריקע העניע, ווײַל פרויען מיט קינדער האָט מען געשיקט אין די גאַז-קאַמערן. איצט האָט אַדעלע זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון דעם אַ קינד.

לאָמיר געבן דאָס וואָרט אַדעלען:

— יענע נאַכט, אויפן 1טן אויגוסט, איז געווען אַ שטאַרק דושנע. דער וועטער, ווי דאָס געמיט, האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ גרויסן שטורעם. אין שראָדולער געטאָ זענען געווען אויסגעבויט אַ סך באַהעלטע-נישן. ווי זיך טרינקענדיקע, וואָס כאַפּן זיך אָן אין אַ שטרוי, האָבן מיר געמיינט, אַז די באַהעלטענישן זענען אַ ראַטוניק. שפּעט בײַ נאַכט האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ און אַ געביל פון הינט. די געטאָ איז געווען אַרומגע-

רינגלט דורך געסטאַפּאָ און זשאַנדאַרן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־פֿאַרלענדונג, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פֿון די לעצטע, כּמעט צען טויזנט יִדן פֿון סאָסנאָוויץ. מײַן ברודער און איך מיטן קינד האָבן באַוויזן אַרײַנצובאַקומען זיך אין אַ בונקער, צו וועלכן דער אַרײַנגאַנג האָט געפֿירט דורכן אויוון פֿון דער קיך. דאָרטן האָבן מיר שוין געטראָפֿן בײַ דרײַסיק אויסבאַהאַלטענע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך געעפֿנט דער אַרײַנגאַנג און מיר האָבן דערהערט דעם פֿאַטאַלן „אַלע ראַוס!“. דערבײַ האָט מען געדראָט אונדז צו באַוואַרפֿן מיט גראַנאַטן.

פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך דערהערט אַן אָפּהילך פֿון שאָסן. דאָס האָבן די עס־עסניקעס געצילט אין די קינדער, וואָס האָבן זיך געשלײַכט בײַ די ווענט פֿון די שוין ליידיקע הײַזער, זוכנדיק זייערע עלטערן. אויף די גאַסן זענען געלעגן צענדליקער הרוגים. מען האָט אונדז געפֿירט צום זאַמלפּונקט.

איך בין געגאַנגען מיטן קינד אויף די הענט. כ׳האָב געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפֿן און געפֿונען. צוגעהאָלפֿן האָט מיר אַ באַקאַנטער בחור, איציק רינסקי פֿון מאָדזשעיאָוו. ער איז געווען געניט. פֿלעגט זיך אַרויסבאַקומען פֿון געטאָ אין אַ מונדיר פֿון אַ באַן־אַרבעטער און האָט אויך געהאַט אַן אַדרעס אויף דער „אַרישער“ זײַט, וווּ ער האָט זיך געקאָנט אויפֿהאַלטן עטלעכע טעג. מיר האָבן אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט: אויפֿן וועג צום זאַמלפּונקט אַרײַנגעלאָפֿן אין אַ קעלער פֿון קוילן און זיך פֿאַרשטעקט אונטער קאַסטנס. מיר זענען געווען אָן עסן און טרינקען. געטראַכט דאָ איבערצווואַרטן די אויסזידלונג און שפּעטער אַרײַנבאַקומען זיך צוריק אין דער באַהעלטעניש, פֿון וואַנען מען האָט אונדז אַרויסגעשלעפּט. דאָרטן איז נאָך געבליבן אַ ביסל שפּײַז און וואַסער.

בײַ נאַכט האָבן מיר דערהערט טריט. ס׳האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז עמעצער האָט זיך פֿאַרהאַלטן בײַם אַרײַנגאַנג אין קעלער. ווען ס׳איז געוואָרן אין גאַנצן שטיל, האָט איציק זיך צוגעשלײַכט צום אַרויסגאַנג. ער האָט דערזען אַ פֿלאַש מיט וואַסער וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, און אונטער איר אַ צעטל, אין וועלכן ס׳איז געווען געשריבן: „איך געפֿין זיך אין דער גרופּע, וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט אָפּצורייניקן די געטאָ. כ׳האָב באַמערקט ווי איר זענט דאָ אַרײַן. האַלט זיך!“ אונטערגעשריבן —

„סאַמעק". דאָס איז געווען סאַמעק דיאַמאַנד, אַן אַנטיילנעמער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די געטאָס פון זאַגלעמביע, מײַנער אַ נאָענטער פרײַנד. דאָס וואָסער האָבן מיר געגוצט נאָר פאַרן קינד. מיר האָבן דערוואָרט יעדע מינוט, אַז סאַמעק וועט אונדז פון דאַנען ערגעץ אַרויספירן.

צו מאָרגנס בײַ טאָג האָבן מיר ווידער דערהערט, ווי עס דערנענטערן זיך טריט צו אונדזער באַהעלטעניש. מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס האָט סאַמעק ווידער אונדז עפּעס אונטערגעוואָרפן. איציק האָט צוגעפּויזעט צום אַרויסגאַנג. אין דער זעלבער רגע האָב איך דערהערט פון דער גאַס געשרייען און צוויי שאָסן. כ׳בין געבליבן אַליין מיטן קינד...

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָב איך דערהערט טריט. ס׳האָבן זיך באַוויזן צוויי אומבאַקאַנטע מענער און געפרעגט אויף פּויליש, צי עמעצער איז דאָ פאַראַן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געגעבן קיין סימן פון לעבן. זיי זענען אָבער נישט אָפּגעטראָטן און דערקלערט, אַז זיי ווייסן פון אונדז און איך קאָן האָבן צוטרוי צו זיי, זיי ווילן מיר העלפן. זיי האָבן מיר צו וויסן געטאָן, אַז דער יונגערמאַן, וואָס איז געווען מיט אונדז, לעבט און געפינט זיך אויפן זאַמלפּונקט פון דער אויסזידלונג. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען באַשעפטיקט בײַם אַרויספירן פון געטאָ דאָס פאַרמעגן פון די ייִדן און קאָנען אונדז אַרויספירן מיט איינעם פון די טראַנספּאָרטן. אָבער דאָס מוז געדויערן עטלעכע טעג. כ׳בין צו זיי אַרויס און געבעטן ברענגען עפּעס צו עסן. זיי זענען באַלד צוריקגעקומען און געבראַכט ברויט.

שפּעט אין דער נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט איציק רינסקי. ער איז באמת געכאַפּט געוואָרן און האָט זיך שוין געפונען אויפן זאַמלפּונקט צו דער אויסזידלונג. ס׳האָט זיך אים אָבער אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. איצט האָבן מיר מער נישט געטאָרט פאַרלירן קיין רגע.

אין דער נאַכט־פינצטערניש האָבן מיר זיך צוריק אַרײַנבאַקומען אין פר׳ערדיקן אויסבאַהאַלט. דעם אַרײַנגאַנג האָבן מיר נישט פאַרמאַכט הינטער זיך, כּדי אונדזערע פאַרפאָלגער, אויב זיי וועלן נאָך אַ מאָל קומען, זאָלן מיינען, אַז קיינער איז נישטאָ אין דער באַהעלטעניש. אַ וואָך צײַט זענען מיר דאָ געבליבן. עטלעכע מאָל האָבן מיר געהערט, ווי עס קומען אַהער דײַטשן פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט צונאָמענגענומען דאָס פאַרמעגן פון

די אַרויסגעטריבענע ייִדן. יעדעס מאָל האָבן מיר געמיינט, אַז אָט־אָט, און מען וועט אונדז געפינען...

די אויסזידלונג האָט זיך פאַרצויגן. אין איינער אַ שטורעמדיקער נאַכט האָבן מיר באַשלאָסן אויסצונוצן דעם וועטער און אַרויסבאַקומען זיך פון דאַנען. פויזענדיק זענען מיר אַריבער אויף דער „אַרישער" זײַט. דאָ האָט איציק געהאַט אַן אַדרעס אין מאַדזשעיאָוו צו אַ געוויסער פרוי, האַרניאַק. די פרוי איז מסכּים געווען אויסצובאַהאַלטן בלויז איין מענטש. זי האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק אַז איציק האָט מיטגעבראַכט מיך מיטן קינד. סוף־כּל־סוף איז זי אײַנגעגאַנגען, אַז אַלע דרײַ זאָלן מיר דערווײַלע בלײַבן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי דערקלערט, אַז לויט קלאַנגען וועלן די דײַטשן מאַכן אַבלאַוועס — זוכן אויסבאַהאַלטענע ייִדן. אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר געמוזט אַוועק. אין אַ נאָענט פעלד, אונטער אַ סטערטע היי האָבן מיר גענעכטיקט.

נישט ווײַט פון דעם אָרט, צווישן מאַדזשעיאָוו און ניוווקע, האָט געוווינט אַ באַקאַנטער שוסטער, אַ פּאָליאַק. מיר האָבן געפּרוּווט אונדזער מזל און געבעטן, ער זאָל אונדז אויסבאַהאַלטן אויף עטלעכע טעג. ער האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ בוידעם, ווו מען האָט געקאָנט נאָר זיצן אָדער ליגן. דאָרטן זענען מיר אָפּגעווען דרײַ וואָכן. פאַר דער צײַט זענען צו אונדז צוגעקומען נאָך אַנדערע ייִדן, צווישן זיי אויך סאָמעק דיאַמאַנד, אַברהם ספּאָקאָיני און אַנדערע. אונדזערע באַלעבאַטים האָבן באַקומען פּחד און ווידער האָבן מיר געמוזט זוכן אַ נײַעם מקום־מיקלט.

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין זאַוויערטשע, די איינציקע שטאָט אין אונדזער געגנט, ווו די געטאָ איז נאָך נישט געווען ליקווידירט. די ייִדן זענען דאָרטן געווען באַשעפטיקט אין אַ פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו דער „לופטוואַפע". אין זאַוויערטשע האָב איך געהאַט אַ קוזינקע און געפונען בײַ איר עטלעכע וואָכן רו.

נאָר אויך דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער גיהנום.

פון אַלע אויסזידלונגען וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איז דאָס געווען די שרעקלעכסטע. דער אַזוי גערופענער אומשלאַגפּלאַץ איז דאָ געווען אַ פאַרמאַכטער — אין אַ געבײַדע האָט מען אַרײַנגעטריבן די מענטשן נאָכן

„סאַרטירך״. קינדער, קראַנקע און זקנים, באַשטימטע קיין בירקענאַו, האָבן זיך געפונען אין פּאַרטער. די יינגערע און געזונטע זענען געווען אויפן ערשטן שטאָק. זיי האָט מען איבערגעלאָזט אַרבעטן אין די פאַבריקן פון דער „לופּטוואַפע״. איך מיטן קינד האָבן מיר זיך געפונען אין דער גרופּע פון פּאַרטער, ס׳הייסט צו אומקום.

דורכן פענצטער האָב איך באַמערקט אַ שטאַל, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עפּנטלעכן אָפּטרעט. איך בין אַריין אַהין, זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און געבליבן שטיין אין טינוף איבער די קני.

ביי נאַכט, ווען דער פּלאַץ איז געווען פּוסט, בין איך אַרויס פון שטאַל און אַרויף אויפן בוידעם, וואָס איז געווען אין דעם הויז. ווען ס׳האָט געגומען טאָגן האָב איך צו מיין גרויסער איבעראַשונג דערזען דאָ אַ באַקאַנטע. דאָס איז געווען עווע בראַט פון מאָדזשעיאָוו. איר איז, פּונקט ווי מיר, געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער אויסזידלונג.

מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם צוועלף טעג. ביי נאַכט פלעגט עווע אַראָפּגיין אין די פּאַרלאָזטע הייזער, אויסזוכן וואָס ניט איז צום עסן. מיר האָבן אַלץ געטראַכט ווי זיך אַרויסצובאַקומען פון דאַנען.

אונדזער פּלאַן איז געווען אַזאַ: עווע וועט די ערשטע אַריבער דעם פּאַרקן. איך וועל איר איבערגעבן דאָס קינד און דערנאָך אַליין אַריבער־קלעטערן. כ׳האָב געהאַט ביי זיך אַן ״אַרישן״ דאָקומענט אויפן נאָמען אירענע שעלקאָנסקאַ און אַן אַרבעטשיין פון אַ פירמע אין סאָסנאָוויץ. דאָרטן האָט עווע געהאַט אַ נאָענטן פריינד, קאַזימיעזש בודניאַק, וואָס האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר איר אַ באַהעלטעניש. עווע איז אַריבער דעם פּאַרקן. איך האָב געוואַרט, זי זאָל מיר געבן אַ צייכן. קיין צייכן איז נישט געקומען. כ׳בין געווען זיכער, אַז מען האָט זי געכאַפּט, און ווידער בין איך געבליבן אַליין.

אין דער צווייטער נאַכט בין איך אַליין אַריבער דעם פּאַרקן. דאָס קינד האָב איך צוגעגרייט דערצו און אָנגעזאָגט, ס׳זאָל נעמען וויינען, ווען איך וועל דעם געבן אַ קניפּ. נישט באַוויזן אָפּצוגיין עטלעכע צענדליק טריט, בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ זשאַנדאַרן־פּאַטרול. כ׳האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין דייטש. האָב געוויזן דעם דאָקו־

מענט, אַז איך בין פון סאָסנאָוויץ און דערציילט אַז מײַן שוועסטער געפינט זיך אויף אַרבעט אין דײַטשלאַנד, דאָס איז איר קינד, וואָס איז קראַנק געוואָרן. בין איך געווען מיט אים בײַ אַ זנאַכער אין דערבײַיִקן דאָרף, שעוויעזש. כ׳האָב דערהערט, ווי איינער פון די זשאַנדאַרן רופט זיך אָן, אַז איך בין אַוודאי אַ ייִדישקע, אַן אַנטלאָפענע פון געטאָ, ווײַל ווי אַזוי האָב איך געקאָנט נישט באַמערקט ווערן פונעם פּאַטרול, וואָס לאָזט קיינעם נישט אַדורך? אַ צווייטער, ווײַזט אויס פון שלעזיע, מחמת גערעדט האָט ער פּויליש, איז געווען דער פּאַרמיטלער צווישן אונדז. ער האָט איבערגעזעצט מײַנע רייד און געפּרוווט איבערצײַגן די דײַטשן, אַז ס׳איז אוממעגלעך, איך זאָל זײַן אַ ייִדישע. זעענדיק אַז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, האָב איך געגעבן אַ קניפּ דאָס קינד וואָס האָט זיך געקלאַמערט אַרום מײַן האַלדז, און עס האָט גענומען וויינען. „איר זעט דאָך — האָב איך געטענהט — איך בין דאָ מיט אַ קראַנק קינד און קאָן נישט שטיין אויף דער קעלט. אויב איך בין אײַך חשודיק, פירט מיך אין אײַער קאָמענדאַנטור, דאָרטן וועט כאָטש זײַן וואַרעם, וועל איך קאָנען אײַנוויקלען דאָס קינד, און איר וועט האָבן צײַט אַלץ אויפצוקלערן. נאָר — האָב איך צוגעגעבן — איר וועט מוזן טעלעפאָנירן צו מײַן פירמע קיין סאָסנאָוויץ און באַשטעטיקן, אַז איר האָט מיך פאַרהאַלטן, ווען נישט וועלן זיי מיר אַראָפּרעכענען אַ טאָג אַרבעט״. דאָס האָט זיי, ווײַזט אויס, איבערגעצײַגט און זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט.

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי צו מײַנע רייד, האָב איך געבעטן מיר צו ווײַזן דעם וועג צו דער באַן. דער זשאַנדאַר וואָס האָט גערעדט פּויליש, האָט פאַרגעלייגט מיך צוצופירן. בײַם וואָקזאַל, ווו די גאַס איז געווען באַלויכטן, האָב איך שוין געוואָלט פון אים פּטור ווערן. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז בײַ דער שײַן וועט ער ערשט דערזען זײַן טעות. ער איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן און צוגעגאַנגען מיט מיר ביזן וואָקזאַל, געווען מיך אינפאָרמירט, ווען איך האָב אַ באַן און צוגעוואָרט ביז איך וועל קויפן אַ בילעט. בײַם געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט: „גיב אַכט, מײַן ייִדישקע, ביסט נאָך צו יונג זאָלסט אומקומען. דאָס מאָל האָט דיר אָפּגעגליקט...״

איך בין געווען „פרײַ״. וואָס טוט מען ווײַטער? געבליבן איין אויסוועג

— גיין אויף מײַן אַלטן אַדרעס, צו דער פרוי האַרגיאַק אין ניוּוקע. דאָרטן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין צווישן האָט מען געכאַפּט דיאַמאַנדן און ספּאַקאַיניק. זיי זענען בעתן פּרווו צו אַנטלויפן פונעם טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ דערשאָסן געוואָרן אויף דער באַנסטאַציע אין מיסלאָוויץ. איך האָב זיך דערפילט אין גאַנצן עלנד און פאַרלאָזן.

דאָ בלײַבן האָב איך נישט געקאָנט, די שטוב איז שוין געווען דעקאָנספּי־רירט. האָב איך איבערגעלאָזט אויף אַ ווײַלע דאָס קינד און אַוועק אויפזוכן דעם פריִער דערמאָנטן קאַזימיעזש בודניאַק. ער האָט מיר דערקלערט, אַז עווען האָט זיך דעמאָלט אײַנגעגעבן אַרויסבאַקומען זיך פון זאַוויערטשע און ער באַהאַלט זי אויס. ער האָט אויך געהאָט צוגעגרייט פאַר מיר אַן אָרט. דאָס איז געווען בײַ אַ געוויסן הענריק אָסטראָווסקי, אַן אַרבעטער פון דער מאַשין־פאַבריק אין ניוּוקע, וואָס האָט מיך טאַקע געהאַלטן אַ שטיקל צײַט.

איין מאָל, ווען איך בין געווען אַליין אין שטוב, האָט מען גענומען קלינגען בײַם אַרײַנגאַנג. דאָס האָט געדויערט אַ לענגערע צײַט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נישט אָפּגערופן. אין אָוונט איז געקומען אָסטראָווסקי אַ צעטראָגענער און דערקלערט, אַז איך מוז תּיכּף אַנטלויפן, ווײַל מען האָט אים געהאָט פאַרהאַלטן און דאָס הויז איז באַשטעלט מיט געהיים־פּאָליציי. ער האָט מיר אָנגעוויזן אַ וועג צום דאָרף בורי. דאָרטן, בײַם לעצטן הײַזל, אויפן ראַנד פון דאָרף זאָל איך אויף אים וואַרטן.

דאָס הײַזל האָט געהערט צו דער פויערטע טאָטאַרטשוק. זי האָט מיך מיטן קינד אַרײַנגענומען צו זיך. נאָך עטלעכע טעג האָט זי געזאָגט, איך זאָל לייגן דאָס קינד פריִער שלאָפן, ווײַל זי וויל מיר עפּעס ווײַזן. שפּעט בײַ נאַכט האָט זי מיך אַרײַנגעפירט אין שטאָל. צו מײַן איבערראַשונג האָב איך דערזען, אַז דאָרטן באַהאַלט זיך אויס אַ גרופּע ייִדן, צווישן זיי — עטלעכע באַקאַנטע, אויך פון ניוּוקע. אויסער די ייִדן איז דאָ אויך געווען אַ געוועזענער שלעזישער אויפשטענדלער, וואָס האָט געמוזט אַנטלויפן פון זײַן וווינאָרט.

ווידער האָט דאָס גליק געדויערט נישט לאַנג. אין איינעם אַ טאָג האָב איך באַמערקט, אַז אַרום דעם הויז דרייען זיך פרעמדע מענטשן. באַלד איז אָנגעקומען די באַלעבאָסטע. אַן איבערגעשראָקענע, האָט זי דערקלערט, אַז

אין דאָרף רעדט מען וועגן די אויסבאַהאַלטענע בײַ איר. ס'האָבן זיך אײַנ־געפונען מנוּוולים און עס צו וויסן געטאָן דער פּאָליציי. אין דער זעלבער צײַט האָט אַ גרופּע פּויערים מיט גראַבלעס און לאָפּעטעס אין די הענט אַרומגערינגלט דאָס הויז, בכדי אונדז צו היטן ביזן אָנקום פון דער פּאָליציי... מיר האָבן ניט געוואַרט, אַרויס פון הויז, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל. דער רוב יִידן איז אַנטלאָפן אין וואַלד. מיר איז געווען שווער צו לויפן מיטן קינד אויף די הענט, אָבער אַרויסגעריסן האָב איך זיך. ווידער בין איך געווען אונטערן פרײַען הימל.

געהאַט האָב איך נאָך אַן אַדרעס. דאָס איז געווען אַ געוויסע צעבאַ פון דאָמבראָווע. דעם נומער פון הויז האָב איך נישט געדענקט. בלויז מער־ווייניק געוווּסט ווו דאָס איז. כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ פרישער טיר, וואָס האָט זיך פאַר מיר געעפנט. אָבער דאָ בלײַבן איז געווען אוממעגלעך צוליב די שכנים. די פרוי צעבאַ האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס צו אַ געוויסן פּאַוועל יאַוואָרסקי, וואָס האָט געוווינט אין קאַטאָוויץ, אויף דער פּאָוסטאַנצאָוו־גאַס. דאָרטן זענען מיר מיטן קינד געבליבן אַ לענגערע צײַט. פאַר די שכנים האָב איך געגאָלטן ווי אַ קוזינקע פון ציעשין. מיט דער צײַט האָט דער הויז־וועכטער זיך אָנגעהויבן טשעפּען, פאַר וואָס מיר זענען נישט געמאָלדן. יאַוואָרסקי האָט אים פאַרשטופּט דאָס מויל מיט אַ פּאָר מאַרק.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון יאַוואָרסקין האָב איך געאַרבעט אין עטלעכע ערטער ווי אַ דינסט. אויף איין אָרט האָב איך זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּוילישע, וואָס איז אַנטלאָפן פון שווערער אַרבעט בײַ דײַטשישע פּויערים. אויף אַ צווייט אָרט בין איך געווען אַ דאָרפישע קרובה פון די יאַוואָרסקיס. מײַן שוועסטער האָט זיך כּלומרשט געפונען אין שפּיטאָל נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, און אַזוי ווי איך דאַרף זי באַזוכן צוויי מאָל אין וואָך, האָב איך זיך פאַרהאַלטן בײַ די יאַוואָרסקיס, כּדי נישט צו דאַרפן יעדעס מאָל מאַכן אַזאַ לאַנגע נסיעה. קיין געהאַלט האָב איך נישט באַקומען. געאַרבעט האָב איך זייער שווער און בלויז פאַרן עסן.

מיט דער הילף פון יאַוואָרסקין האָב איך אײַנגעאָרדנט דאָס קינד בײַ זײַנע קרובים אין אַ דאָרף לעבן גאָלעשאָוו, טשעשינער פּאָוויאַט. האָבנדיק פאַרזיכערט דאָס קינד, האָב איך באַשלאָסן צו מעלדן זיך אויף אַרבעט

קיין דײַטשלאַנד, פאַרשטייט זיך, ווי אַ פּוילישע. כ׳האָב אין דעם געזען די איינציקע מעגלעכקייט אויסצודויערן.

מײַנע פּלענער האָבן זיך אָבער געענדערט און אָט ווי אַזוי: דאָס איז געווען האַרבסט 1943. אויף דער גאַס אין קאַטאָוויץ האָב איך באַגעגנט שמואל ראָזענצווײַגן, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין דער צײַט פֿון מײַן אַרבעט אין יידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז געווען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער זיך געפֿונען אין קאַטאָוויץ שוין עטלעכע חדשים און אָנגעפֿירט מיט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט שמוגלען יידן קיין אונגאַרן. ער האָט מיך געבעטן מיטצואַרבעטן. כ׳האָב באַקומען אַ ציל אין לעבן, טראַכטנדיק אַליין אויך צו געניסן פֿון דעם אַ וועג. צו דער מיטאַרבעט האָב איך צוגעצויגן אויך מײַן פֿרײַנד פּאַוועל יאַוואָרסקי, וואָס האָט אונדז אַ סך געהאָלפֿן בײַם אויסאַרבעטן פֿאַלשע דאָקומענטן. לײדער איז יאַוואָרסקי שפּעטער אומגעקומען. די דײַטשן האָבן אים דערשאָסן אינעם קאָשטשושקאָ־פּאַרק אין קאַטאָוויץ.

אויך איך האָב נישט געהאַט קיין מזל. גלײַך בײַם ערשטן טראַנספּאָרט בין איך אַרײַנגעפֿאַלן, און צוזאַמען מיט מיר אויך שמואל ראָזענצווײַג. אין הסכּם מיט אונדזער פּלאַן, בין איך אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן אַנטקעגן דעם וואָקזאַל אין ביעלסק. דאָרטן האָב איך געזאָלט וואַרטן אויף ראָזענצווײַגן. אַנשטאָט אים איז געקומען בזשוכאָנסקי. דאָס איז מיר געוואָרן חשודיק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז „עדעק" (אַזוי איז געווען ראָזענצווײַגס פּסעוודאָנים) האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן וואָקזאַל.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ווען בזשוכאָנסקי איז געקומען צו מיר אין רעסטאָראַן, איז שוין ראָזענצווײַג געווען אַרעסטירט. באַלד איז אויך אין רעסטאָראַן אָנגעקומען געסטאַפּאָ, אין ציווילער קליידונג, אָפּגעשלאָסן די טירן און גענומען קאָנטראָלירן בײַ אַלעמען די דאָקומענטן. מען האָט אונדז אָפּגעפֿירט אין ביעלסקער תּפֿיסה. ראָזענצווײַגן האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפֿן. אונדז האָט מען נאָך עטלעכע טעג אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ־בירקענאַו.

בעת דער סעלעקציע אין לאַגער בירקענאַו האָט מען אויסגעטיילט אַ

גרופּע יונגע מענטשן אויף אַרבעט. מיר זענען נישט אַרײַן אין דער גרופּע און זיך געפונען אין דער „זאָנע 3״, ס׳הייסט, אין דער גאַזקאַמערן־זאָנע.

איך ווייס נישט פון וואַנען, נאָר ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין אַן אָנפירערין פון אַ גרויסער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט געשאַפן אַרום מיר אַ געוויסע סענסאַציע.

נישט ווײַט פון אונדז איז געשטאַנען שוין אַדם־נאַקעט אַ גרופּע על־טערע מענטשן און קינדער. דאָס זענען געווען די לעצטע ייִדן פון בענדינער געטאָ, פון דער אַזוי גערופענער „קאַמיאָנקע״. גראַד איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ ייִדישער קאַפּאָ פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע. אויף אונדזער פראַגע, ווו מיר געפינען זיך, האָט ער פונאַנדערגעפּירט די הענט און געענטפערט: „דאָרטן, פון וואַנען מען גייט שוין נישט אַרויס״. אַלץ איז געווען קלאָר. מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אונדז ראַטעווען. ער איז באַלד צוריקגעקומען אין באַגלייטונג פון אַן עס־עס־אָפיציר, אין אַ ווײַסן פאַרטעך אויפן מונדיר. זיי האָבן צווישן זיך עפּעס גערעדט און דער קאַפּאָ האָט אונדז געפרעגט, צי מיר האָבן בײַ זיך צירונג. איך האָב שוין קיין זאַך נישט געהאַט. פרידע פעדער, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט מיר, האָט יאָ געהאַט אַ רינגעלע, האָט זי עס אָפּגעגעבן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עס־עס־אָפיציר איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער טרויעריק־באַרימטער ד״ר מענגעלע. ער האָט אונדז געגעבן אַ צייכן, אַז מיר, איך און פרידע, זאָלן אַריבער אין דער גרופּע, וואָס איז צוגעטיילט צו דער אַרבעט־קאָמאַנדע. דאָס אַלץ האָט געדויערט געציילטע סעקונדן.

כ׳בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק „אוניאָן״. בײַ דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך זיך באַקענט מיט דער באַוווסטער העלדין, איינע פון דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין לאַגער, מאַרטע ווײַס. זי האָט געזוכט אינפאָרמאַציע וועגן מצב פון די ייִדן אויף דער "אַרישער" זײַט, און איך האָב איר געקאָנט אַ סך דערציילן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו מיר געקומען אַ ייִדיש מיידל פון פראַנק־רײַך, אַ געוויסע „סוזאַן״, און מיך אַרײַנגעצויגן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון לאַגער. צוערשט האָב איך געדאַרפט געווינען פינף פרויען

פאַר אונדזער באַוועגונג און אויפהאַלטן מיט זיי דעם קאָנטאַקט. שפּעטער האָב איך באַקומען די אויפגאַבע אַרייַנצושמוגלען אין לאַגער פאַרשיידענע מכשירים, צווישן אַנדערן, איזאָלירטע צווענגלעך צום איבערשנייַדן עלעקטריזירטע דראָטן. דאָס איז געווען אין האַרבסט 1944, ס׳האָט זיך געגרייט אַן אויפשטאַנד אין לאַגער.

איין מאָל, בעת מען האָט אונדז צוריקגעבראַכט פון דער אַרבעט, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ שטרענגער רעוויזיע. דעם זעלבן טאָג האָט מען אין לאַגער בעתן אַפּעל אויפגעהאָנגען דרייַ מיידלעך פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. כ׳האָב באַוויזן אַוועקצוואַרפן דאָס צווענגל, וואָס כ׳האָב גראָד געהאַט בייַ זיך. מען האָט עס אָבער געפונען. די לאַגער־אָנפירונג האָט געמאָלדן, אַז אויב ס׳וועט פרייַוויליק זיך נישט צושטעלן די, וואָס האָט אַרייַנגעטראָגן דאָס צווענגל, וועט אויסגעפירט ווערן אַ טויט־אורטייל איבער דער גאַנצער גרופּע. כ׳בין געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. מכּוח דער זאַך האָב איך זיך מיישב געווען מיט סוזאַן און באַקומען פון איר אַ שטרענגען אָנזאָג, כ׳זאָל זיך נישט מודה זייַן. אַוועק עטלעכע טעג. צו מיר איז געקומען האַנקע ערליך, אַ מיטגליד פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און האָט מיך אַרייַנגענומען אין רעוויר פון די קראַנקע, כּדי איך זאָל זיך נישט ווייַזן אַ געוויסע צייַט אין דער פאַבריק. מיט דער הילף פון אַ צווייטער מיטגלידערין פון דער אָרגאַניזאַציע, איינע אַ לאה פון סלאָוואַקיע, בין איך איבערגעשיקט געוואָרן צו אַ נייַער אַרבעט, קיין אוישוויץ, אין דער „באַקליידונגס־שטובע״. דאָרטן האָט מיר די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע געגעבן די אָנווייַזונג אַרויסצוטראָגן מלבושים פאַר די מענטשן, וואָס זענען געווען באַשטימט צום אַנטלויפן. בייַ דער דאָזיקער אַרבעט בין איך געווען באַשעפטיקט ביזן 18טן יאַנואַר 1945.

אין יענער נאַכט האָט מען אונדז אויפגעוועקט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריק באַקאַנטע עוואַקואַציע פונעם לאַגער. אין פּחד פאַר דער אָנגרייַפנדיקער סאָוועטישער אַרמיי, האָבן די עס־עס־באַנדעס אונדז געטריבן אויף מערב — צו ווייַטערדיקער פּייַן און אומקום.

נאָכן ערשטן טאָג מאַרשירן זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף לאָנקי, בייַ פּשטשינע אין אייבער־שלעזיע. דאָרטן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט

אויף אַ קורצן אָפּרו. כ׳האָב אויסגענוצט די ערשטע מעגלעכקייט און זיך אויסבאַהאַלטן. ווען די קאָלאָנע אַרעסטאַנטן איז אַוועק, האָט מיך אַן אַרטיקער פויער פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם. דאָ האָב איך געטראָפן נאָך אַ ייִדישע פרוי פון קראָקע, וואָס האָט, פונקט ווי איך, זיך אָפּגעריסן פון דער קאָלאָנע. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן ביז צום אָנקום פון די סאָוועטן. דער פויער האָט מיר געגעבן זאַכן, כ׳האָב זיך איבערגעטאָן און בין אַוועק קיין קאַטאָוויץ זוכן מײַן שוועסטערס מיידעלע.

אין גאָלעשאָוו האָט מען מיר געזאָגט אַז מ׳האָט דאָס קינד איבערגעגעבן קיין טיכי, פון דאָרט ווידער — קיין סאָסנאָוויץ, און געפונען האָב איך עס אין הערבי־סטאַרע. צום גליק האָבן זיך אין יענער שוידערלעכער צײַט געפונען איידעלע מענטשן, וואָס האָבן מיט סכנות־נפשות געראַטעוועט אַ ייִדיש קינד.

דאָס מיידעלע האָט שוין הײַנט אַ מאַן און אַן אייגן קינד אין ישׂראל.

וואַרשע, 1964

אליהו הנביא אין אַן אונגאַרישן מונדיר

ווען די דייַטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, איז חיים ראַבער אַלט געווען 10 יאָר. ער איז געווען דאָס פּערטע פון די פינף קינדער בייַ אַ בעקער אין כזשאַנאָוו. געלערנט האָט ער אין אַ חדר און אַ פּאָלקשול. די שול איז באַלד געשלאָסן געוואָרן; אין חדר האָט מען, הגם מיט גרויסע שוועריקייטן און צרות, ווייַטער געלערנט, כּמעט ביזן טאָג פון דער ענדגילטיקער אויסזידלונג. אָבער נאָך מער ווי תּורה אין חדר האָט חיים אין יענע טעג געלערנט ווי אַזוי צו קעמפן פאַרן הוילן לעבן.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט פאַרגעדענקט אַלץ, וועגן וואָס די דערוואַקסענע האָבן גערעדט, נאָר טיף האָט זיך אייַנגעקריצט אין זייַן זכּרון, דער טאָג, ווען די דייַטשן האָבן צוגענומען בייַ אַלע ייִדן די דאָקומענטן און באַפוילן זיי צו קומען צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, צו מאָרגנס גאַנץ פרי, אויפן שטאָטישן מאַרק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען צווינגט זיי צוצוקוקן אַן עפנטלעכע עקזעקוציע. מען האָט אויפגעהאַנגען פינף ייִדן, וועלכע די דייַטשן האָבן באַשולדיקט אין האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק. צווישן די געהאַנגענע איז געווען דעם פּאַטערס אַ נאָענטער פרייַנד מיט זייַנעם אַ זון, וועלכן חיים האָט גוט געקענט. אין אַנבליק פון דער גרויליקער סצענע האָט חיים זיך געקלאַמערט אין פּאַטער, וואָס האָט זיך באַמיט צו פאַרשטעלן די אויגן פון זייַן קינד.

נאָך דעם זענען געקומען די אויסזידלונגען. צו ערשט האָט מען גענומען זקנים, קראַנקע און קינדער. חיים איז שוין געווען אויסגעלערנט, אַז בעת אַן אויסזידלונג דאַרף מען זיך באַהאַלטן, ביז די גזירה גייט פאַרבייַ. ווּהין די מענטשן פאַרשווינדן האָט מען נאָך גענוי נישט געוווּסט, כאָטש דאָס שטעטל האָט זיך געפונען בשכנות מיט אוישוויץ. אין 1942 האָבן די דייַטשן אָפּגעשיקט אַ קעסטל אַש צו דער משפּחה פון אַ געוועזענעם מיטגליד פון יודענראַט, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן צוליבן אָפּזאָגן זיך אויסצופירן אַ מער־

דערישן באַפעל פון די נאַציס. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער פאַל. פאַר וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם דאָזיקן זשעסט איז שווער צו זאָגן. אפשר איז עס געווען סתּם יעקישע פּינקטלעכקייט אָדער אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם פּחד בײַ די ייִדן. ווי עס זאָל נישט זײַן, די ייִדן האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס...

בעת דער לעצטער אויסזידלונג האָט שוין קיינער נישט געהאַט קיין אילוזיעס. בײַ די דײַטשן איז געווען „אָרדענונג” און זיי האָבן אַלץ געטאָן לויט אַ פון פאָרויס באַשטימטן פּלאַן. די דאָזיקע „אָרדענונג” האָט אַוודאי געפאָדערט, אַז די ייִדן פון כשאַנאָוו זאָל מען פריִער פירן אין דעם „דולאַג” (דורכגאַנג־לאַגער) פון סאָסנאָוויץ און ערשט פון דאָרטן — אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ.

ווען מען האָט זיי געטריבן איבער די גאַסן פון סאָסנאָוויץ, האָט דער טאַטע זיך געסודעט מיט חיימס שוועסטער, וואָס איז געווען מיט דרײַ יאָר עלטער פון אים. (דעם עלטסטן ברודער און אַ שוועסטער האָט מען שוין פריִער געהאַט פאַרשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער אין טיף דײַטשלאַנד.) פּלוצעם האָט די שוועסטער אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און אַרויסגעשלעפּט פון די רייען. חיים האָט נישט באַוויזן זיך צו אָריענטירן, און שוין זענען זיי געווען אויסגעמישט אינעם קריסטלעכן המון, וואָס איז געשטאַנען אויף די טראָטואַרן פון ביידע זײַטן גאַס און צוגעקוקט זיך צום בייזן ווונדער פון אַרויספירן ייִדן. חיים און זײַן שוועסטער האָבן געזען, ווי דער טאַטע און די מאַמע, מיט זייער ייִנגסטער שוועסטערל, האָבן זיך אַלץ מער דערווײַטערט צוזאַמען מיט די פאַרצווייפלטע און צעטומלטע ייִדן.

חיימס שוועסטער האָט געוווּסט דעם אַדרעס פון זייערע קרובים אין סאָסנאָוויץ. איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אויב די קרובים לעבן נאָך, געפינען זיי זיך ווי אַלע ייִדן פון דער שטאָט, אין געטאָ. איז זי מיט חיימען אַוועק אין געטאָ פון שראָדולע און דאָרטן זיי טאַקע געפונען.

אויך דאָ איז שוין געווען ערב־נעילה. חיימס שוועסטער האָט מען נאָך אַ קורצער צײַט געכאַפּט ווי אַ „פרעמדע” און פאַרשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער אין דײַטשלאַנד. דעמאָלט האָט מען דאָס באַטראַכט שיִער נישט ווי אַ גליק, אַבי נישט קיין אוישוויץ. חיים האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ פאַרלוירע־

נער און איבערגעלאָזענער אויף הפקר. אין געטאָ־ראַיאָן זענען געווען בונ־קערס און באַהעלטענישן. בעת אַן אויסזידלונג־אַקציע פלעגט ער זיך אַרײַנ־באַקומען אין אַזאַ בונקער. בײַ נאַכט פלעגט ער אַרויס און צוזאַמען מיט אַנדערע פון זײַנס גלײַכן געזוכט, און צו מאָל אויך געפונען, אין די פאַר־לאָזטע שטובן אַ ביסל שפּײַז.

בעת דער גרויסער און לעצטער אויסזידלונג, אין אויגוסט 1943, איז ער געווען באַהאַלטן אין אַ קעלער. אין זעלבן הויז, איבערן קעלער, איז געווען נאָך אַ באַהעלטעניש אונטער אַ טאָפּלװאַנט. איינער פון די באַהאַלטענע דאָרטן האָט, משמעות, אַזוי שטאַרק געליטן פון הונגער, אַז ער האָט גענומען זיך קאָכן אַ קאַשע. און אַז מען ברענט אין אויוון מוז גיין אַ רויך פון קוימען. דעם רויך האָבן באַמערקט די דײַטשן און אויף אָט דעם צייכן זענען זיי אָנגעלאָפן, גענומען שיסן און דורך דער טאָפּלװאַנט געטראָפן איינעם פון די אויסבאַהאַלטענע. אויף זײַנע געשרייען האָבן זיי אויפגעדעקט די באַהעל־טעניש און צוגענומען אַלעמען. די דײַטשן איז אָבער נישט אײַנגעפאַלן, אַז אין זעלבן הויז קאָן זײַן נאָך אַ באַהעלטעניש אין אַ קעלער, וואָס איז, אַגב, געווען גוט מאַסקירט.

די פרוי פון דעם דערשאָסענעם האָט זיך געפונען אין קעלער, און פונעם שאָק האָט זי אין דער זעלבער נאַכט געבוירן אַ קינד. צוויי טעג שפּעטער איז דאָס קינד געשטאָרבן. חיים ווייסט נישט צי דאָס איז געשען אין רעזול־טאַט פון די באַדינגונגען אין וועלכע דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, אָדער ס'איז דערשטיקט געוואָרן, ווײַל מען פלעגט אים אַרויפלייגן אַ קישן אויפן קעפל, מען זאָל נישט הערן זײַן געוויין. בײַ נאַכט איז חיים אַרויס מיט נאָך איינעם פון די אויסבאַהאַלטענע און קבר געווען דאָס קינד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די באַהאַלטענע זיך אַרומגעזען, אַז ס'האָט נישט קיין זינען צו בלײַבן אין קעלער. אַגב, האָבן זיי קיין ברירה נישט געהאַט. די רעזערוון פון עסן און וואַסער האָבן זיך געענדיקט. דער שטח איז געווען אַרומגערינגלט, און מען האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין הילף פון קיינעם. האָבן זיי זיך דעצידירט אַרויסצוגיין און איבערצוגעבן זיך די דײַטשן. באַשלאָסן האָבן די דערוואַקסענע. חיימען האָט מען באַטראַכט פאַר אַ קינד און נישט אַרײַנגעצויגן אין די אַלע סודות. אָבער, בײַ זײַנע

דרײַצן יאָר האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך גלײַכן צו דער־וואַקסענע, אויב ער וויל בלײַבן לעבן. און אפשר איז דאָס נישט געווען אַזוי דער ווילן צו בלײַבן לעבן ווי דער פחד פאַרן טויט...

ווען מען האָט דעם רעשט ייִדן געפירט אין לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען צווישן די געטאָס פון שראָדולע און קאַמיאַנקע, האָט חיים זיך אַרײַנבאַקומען צווישן די דערוואַקסענע. דאָס איז שוין געווען נאָך דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון די ייִדן אין זאַגלעמביע, און געבליבן זענען דאָרטן בלויז עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אויפצוקלײַבן און סאָרטירן דאָס ביסל האָב־און־גוטס וואָס איז געבליבן נאָך די אומגעבראַכטע. שוין פון ערשטן מאָמענט האָט זיך חיימען געוואָרפן אין די אויגן, אַז געבליבן זענען אויסשליסלעך יונגע מענטשן, ס׳רוב מענער. איז חיים איבערצײַגט געווען, אַז אויך ער מוז זיך גלײַכן צו זיי, בכדי בלײַבן בײַ דער אַרבעט.

הגם חיים האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון קינדער־יאָרן, איז ער נישט אויסגעוואַקסן קיין הפקר־יונג, ווי דאָס געשעט אין אַזעלכע פאַלן. פאַרקערט, ער איז עד־היום באַשיידן און גוטמוטיק. ווײַזט אויס, אַז דער קיבוץ וווּ ער לעבט, האָט געלייגט אַ גרעסערן חותם אויף זײַן כאַראַקטער ווי זײַן טרויעריקע גירסא־דינקותא. קאָן זײַן, אַז געווירקט האָט אויך דאָס, וואָס יענער גערלאַנגל פאַרן נאַקעטן לעבן איז נישט געווען זײַן לעצטע מלחמה. ער רעדט וועגן זײַנע איבערלעבענישן אין יענע יאָרן אָן ספּעציעלער עמאָציע, זוכנדיק נאָך אַלץ דעם באַשייד, ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דעם אַלעם אַ לעבעדיקער. פּלוצעם ענדערט ער דעם רויִקן טאָן פון זײַן רעדן און רופט אויס:

— איר ווייסט, איך בין נישט קיין רעליגיעזער מענטש. אָבער פון יענער צײַט איז בײַ מיר געבליבן עפּעס אַ גלויבן אין נסים, אָדער, אויב איר ווילט, קאָנט איר דאָס אָנרופן — אַ גליקלעכער צופאַל. איצט, אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, קאָן איך נאָך אַלץ נישט אויפקלערן זיך אַליין, פאַר וואָס מיר איז דעמאָלט אײַנגעפאַלן אָנצושרײַבן אַ צעטל צו מײַן קוזין מאיר שולמאַן, נישט ווויסנדיק צי ער לעבט בכלל.

אין דעם לאַגער האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם וואָס די דערוואַקסענע

רעדן און אַליין אויך פֿאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן געקראָגן בלויז אַ פּראָלאָנ־גאַציע צו לעבן, ביז ס׳וועט זיך ענדיקן די אַרבעט. ווי נאָר די דײַטשן וועלן אונדז מער נישט באַדאַרפֿן, זענען מיר דערליידיקט. איך האָב געטראַכט, געטראַכט און געווען כּמעט ווי זיכער, אַז ווען מאיר ווייסט וווּ איך געפֿין זיך, קומט ער מיר צו הילף און איך וואָלט געהאַט אַ שאַנס זיך צו ראַטעווען.*

כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז געווען אין געטאָ־קאַמיאַנקע צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי, נחמה, אויך מײַנע אַ קוזינע. פֿאַר דער צײַט איז אָבער די געטאָ ליקווידירט געוואָרן און גיי ווייס, וווּ זיי שטעקן און צי זיי לעבן נאָך. פֿון דעסטוועגן האָב איך אָנגעשריבן דאָס אויבן דערמאָנטע צעטל און אַרײַנ־געלייגט אין אַ טאַש פֿון אַ מלבוש פֿון צווישן די בגדים וואָס מיר האָבן געסאָרטירט און וואָס זענען געווען באַשטימט צו שיקן קיין דײַטשלאַנד. איצט, ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם, זע איך, אַז דאָס איז פּשוט געווען אומלאָגיש. אָבער ווער איז דעמאָלט געווען אין שטאַנד צו טראַכטן לאָגיש? נאָך מער. טאָקע דער נישט לאָגישער אופֿן פֿון דענקען האָט אַ סך מאָל געהאָלפֿן מענטשן זיך צו ראַטעווען, מחמת מען האָט צו מאָל געדאַרפֿט זיך דעצידירן אויף שריט, צו וועלכע אַ לאָגיש דענקענדיקער מענטש איז נישט פֿעיִק. ווײַזט אויס, אַז ווען דער טויט איז די איינציקע אַלטערנאַטיוו, טראַכט דער מענטש מיט גאַנץ אַנדערע, אָפֿט מאָל נישט קיין נאָרמאַלע קאַטעגאָריעס, ווײַל סײַ ווי האָט ער נישט וואָס אָנצוּוואָרן...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט פֿאַרבונדן מיטן אויבן דערמאָנטן צעטל קיין גרויסע האָפֿענונגען. בין איך טאָקע געווען איבערראַשט, ווען אין אַ צוויי צי דרײַ טעג אַרום איז אין אָונט געקומען אַ פּאָליאַק, וועלכן איך האָב געזען צום ערשטן מאָל, און מיר געזאָגט, אַז מאיר האָט אים געשיקט, און שוין הײַנטיקע נאַכט וועט ער, דער פּאָליאַק, מיך אַרויספֿירן פֿון לאַגער.

פֿאַר טאָג, ס׳איז נאָך געווען גוט טונקל, האָבן מיר אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען די וואַך האָט נישט אַזוי שטאַרק באַגעקוקט, און זענען אַרויס פֿון געטאָ. דער פּאָליאַק האָט מיך געפֿירט צו אַ משפּחה, וואָס האָט געוווינט

* זע דעם רעפּאָרטאַזש „דער לעגענדאַרער מאיר".

נישט ווייַט. ער האָט מיר פֿריִער אָנגעזאָגט, איך זאָל דאָרטן גאָר נישט רעדן, היות איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן ייִדישן אַקצענט, און מען וואָלט באַלד דערקענט ווער איך בין. מיר האָבן זיך דאָרטן פֿאַרהאַלטן כּמעט אַ גאַנצן טאָג. פֿאַר נאַכט זענען מיר געפֿאָרן קיין קאַטאָוויץ און פֿון דאָרטן קיין מיכאַלקאָ־וויצע. מייַן וועגפֿירער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ הייַזקע און געזאָגט, איך זאָל אַהין אַרייַנגיין. אַליין איז ער געבליבן וואַרטן.*

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר און געזאָגט, אַז איך בין דער קרוב פֿון מאירן. אַזוי איז געווען אָפּגעמאַכט.

מען האָט מיך אַרייַנגעלאָזט און אַראָפּגעפֿירט אין אַ בונקער, ווו איך האָב טאַקע דערזען מאירן. די פֿרייד איז געווען אין־לשער, ממש ווי מיר וואָלטן שוין געווען באַפֿרייַט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עמעצער האָט באַמערקט ווי איך האָב געשריבן דעם צעטל און אים איבערגעגעבן אַ פּאָר־בינדלעריין, און זי האָט דאָס געבראַכט צו מאירן דעם צעטל.

אין דעם בונקער בין איך געבליבן עטלעכע טעג. פֿאַר דער צייַט האָט מאיר מיר געמאַכט אַ דאָקומענט אויפֿן נאָמען סטאַניסלאַוו שאַרקעוויטש, געבוירן אין סטאַניסלאַוואָו. דאָס איז געווען אויף אַ בלאַנק אין דייַטש מיט אַ שטעמפּל, וועלכן עס האָט, פֿאַרשטייט זיך, געמאַכט מאיר אַליין.

איך געדענק שוין נישט, ווער ס׳האָט מיך פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿירט. מיר זענען געפֿאָרן מיט דער באַן ביז ביעלסק און דערנאָך אין אַ דאָרף אין די בעסקידן. אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיך שמוגלערס אַריבערגעפֿירט איבער דער גרענעץ קיין סלאָוואַקיע.

כ׳בין אָנגעקומען אין אַ שטעטל. דאָרטן זענען געווען עטלעכע ייִדישע משפּחות. איינע פֿון זיי האָט מיך אַרייַנגענומען צו זיך. אין צוויי אָדער דרייַ טעג אַרום זענען מיר געפֿאָרן ווייַטער. ווידער האָבן מיר געשוואַרצט אַ גרענעץ. דאָס מאָל — קיין אונגאַרן. מיר זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט קאָשיצע. די שמוגלערס האָבן אונדז צוגעפֿירט צו דער שיל און געזאָגט, מיר זאָלן דאָ וואַרטן ביז ס׳וועלן קומען ייִדן. די שמוגלערס האָבן אָבער געאַרבעט אויף צוויי פֿראָנטן. אַנשטאָט ייִדן זענען געקומען אונגאַרישע

* דער פּאָליאַק, ראָמאַן קאָלאָדזשעי, איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייַטשן בייַם אַרויספֿירן אַ ייִד פֿון לאַגער.

זשאַנדאַרן און אונדז אַרעסטירט. דרײַ וואָכן האָט מען אונדז געהאַלטן אין אַרעסט און געמשפּט פֿאַר אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ. נאָך דעם — געשיקט אין אַ תּפֿיסה אין בודאַפּעשט. צום גליק האָט מען אונדז באַפֿרײַט נאָך עטלעכע וואָכן אָפּהאַלטן הינטער קראַטעס.

דאָס איז געווען אָנהייב 1944. אין פֿאַרגלײַך מיטן גיהנום אין פּוילן האָט בודאַפּעשט צו יענער צײַט אויסגעזען ווי אַ גן־עדן. ס'איז געווען נאָך טעטיק אַ ייִדישע קהילה און אויך אַ קאָמיטעט פֿון די פֿאָרשטייער פֿון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָרטן טאַקע האָב איך באַגעגנט נחמהן, מאירס פֿרוי, און מיט דער צײַט איז געקומען אויך מאיר אַליין.

מיר האָט דאָס מזל אויך אין בודאַפּעשט נישט צוגעשפּילט. צוויי מאָל האָט מען מיך געכאַפּט און פֿאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער. דאָס ערשטע מאָל האָט מיך נחמה אַרויסבאַקומען. כ'וויים אַפֿילו נישט ווי אַזוי. דאָס צווייטע מאָל איז געווען ערגער.

דאָס איז פֿאָרגעקומען זומער 1944, עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן אָקופּירט אונגאַרן. כ'בין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַבלאַווע. ס'זענען אַרעסטירט געוואָרן אַ סך ייִדן. מען האָט אונדז געהאַלטן אין בית־מדרש פֿאַר רבנים אין בודאַפּעשט און נאָך דעם איבערגעפֿירט אין אַ צווייטן פּלאַץ. דאָס איז געווען אַזאַ מין צײַטווײַליקער לאַגער. ס'זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מען וועט אונדז שיקן קיין אוישוויץ. איך האָב געוווּסט וואָס דאָס באַטײַט און זיך דעצידירט: בין געשפּרונגען איבער דער מויער!

כ'האָב געהאַט מיט זיך דעם אַרישן דאָקומענט, אַ „פֿאַרמעגן" פֿון צען דאָלאַר, אײַנגענייט אין די הויזן, און אַ גאָלדענע מטבע, אַרײַנגעזעצט אין קלעצל פֿון אַ שוך. מיט מאירן און נחמהן האָב איך מער קיין פֿאַרבינדונג נישט געהאַט. זיי זענען משמעות שוין געווען אַוועק פֿון בודאַפּעשט. כ'האָב געפֿונען אַן אָרט צו וווינען בײַ אַ קריסטין. זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ פּוילישן יתום, וועמענס עלטערן זענען אומגעקומען אין דער מלחמה. פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד. האָב איך געוועקט בײַ איר רחמנות.

די מעלה פֿון דער דירה איז געווען וואָס זי האָט זיך געפֿונען אין פּעשט,

אויפֿן רעכטן ברעג פֿון דונײַ. די רוסן זענען דעמאָלט געגאַנגען פֿאָרויס און מען האָט גערעדט, אַז די דײַטשן פֿאַרפֿעסטיקן זיך אויפֿן לינקן ברעג און וועלן פּרוּוון פֿאַרהאַלטן די סאָוועטישע אַרמיי. האָב איך געוואָלט זײַן אויף דער זײַט, וואָס האָט שאַנסן פֿריִער באַפֿרײַט צו ווערן. און אַזוי איז טאַקע געשען. קיין פֿעסט זענען די רוסן אַרײַן אין דער צווייטער העלפֿט יאַנואַר און אויף דעם לינקן ברעג זענען די דײַטשן געבליבן נאָך אַ געוויסע צײַט. אָבער ביז ס'איז געקומען די באַפֿרײַונג, בין איך אַרײַן אין אַ נײַער צרה און כ'האָב כּמעט נישט באַצאָלט מיטן לעבן.

סוף 1944, ווען די רוסן האָבן זיך דערנענטערט, זענען די לײַט פֿון דער אונגאַרישער פֿאַשיסטישער גוואַרדיע, די אַזוי גערופֿענע „נילאַשן", געוואָרן אַלץ ווילדער. דעם כּעס האָבן זיי אויסגעלאָזט קודם-כּל צו די ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די דעפּאָרטאַציעס. געכאַפּט אַזאַ ייִד האָבן זיי אים נישט געפֿאָרשט, נישט געשיקט אין קיין לאַגער, נאָר אַוועקגעפֿירט צום דונײַ-טײַך, געשאָסן און אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער.

אין יאַנואַר 1945, בערך צוויי וואָכן פֿאַר דער באַפֿרײַונג, האָט מיך אין גאַס פֿאַרהאַלטן אַזאַ „נילאַש". כ'האָב אים באַוויזן מײַן דאָקומענט. דאָס איז געווען אַ זשלאָב, און האָט אַוודאי נישט געקאָנט לייענען, בפֿרט נאָך אַ פֿרעמדע שפּראַך. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס איז פֿאַר אַ דאָקומענט, נישט באַמיט זיך קיין זאַך אויסצופֿאָרשן און גענומען מיך פֿירן אין דער ריכטונג צום דונײַ. איך האָב שוין געוווּסט וואָס דאָס מיינט. כ'האָב געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן און געטראַכט: אַזוי זיך אָנגעמאַטערט און דווקא איצט, ווען די באַפֿרײַונג איז פֿאַר דער נאָז, דאַרף איך אומקומען...

אויפֿן וועג איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ מענטש, אָנגעטאָן אין אַן אונגאַרישן מונדיר. איך ווייס אַפֿילו נישט וואָס פֿאַר אַ מונדיר דאָס איז געווען. מײַן „נילאַש" האָט אים אָפּגעשטעלט, געוויזן מײַן דאָקומענט און משמעות געפֿרעגט, וואָס דאָס איז.

דער מענטש האָט גענומען לייענען דעם טעקסט אויפֿן קול. כ'ווייס נישט צי ער האָט טאַקע געלייענט אָדער נאָר געמאַכט אַזאַ אָנשטעל. דער עיקר, ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַן אויטענטישער דאָקומענט, פֿון וועלכן ס'איז געדרונגען אַז איך בין אַ כּשרער קריסט. בקיצור, דער „נילאַש" האָט

מיך אָפּגעלאָזט. אַ לענגערע ווײַלע האָב איך נישט געקאָנט זיך באַהערשן פון דער איבערלעבעניש. כ׳בין באַלד אַוועק צו דער קריסטין, בײַ וועלכער כ׳האָב געוווינט, און ביז צום אָנקום פון די סאָוועטן נישט אַרויס מער אין גאַס.

ביז הײַנט האָב איך דעם אײַנדרוק, אַז דער מענטש וועמען כ׳האָב צו פאַרדאַנקען מײַן לעבן, איז גאָר געווען אַ ייִד. ס׳זענען געווען פאַלן, ווען ייִדן האָבן זיך איבערגעטאָן אין אונגאַרישע מונדירן, כּדי זיך צו ראַטעווען. יעדן פאַלס, איך האָב מײַן רעטער באַצייכנט ווי מײַן אליהו הנביא, וואָס האָט מיך בפועל־ממש אַרויסגעריסן פון די נעגל פון מלאך־המוות.

חיים האָקט איבער זײַן דערציילונג, כאַפּט אַ בליק אויפן זייגער און רופט אויס:

— האָב איך זיך דאָס אַ ביסל פאַררעדט, גאַנצע פיר שעה! אפשר וועט איר עפּעס איבערבײַסן?

מיר זעצן אַלץ פאָר אונדזער שמועס. פאַר חיימען איז די באַפרײַונג נאָך נישט געווען קיין באַפרײַונג. ס׳האָט אים נאָך דערוואַרט אַ לאַנגער וואַגלוועג. אמת, אָן דעם פריִערדיקן פּערמאַנענטן פּחד פאַרן הוילן לעבן, אָבער אַ וועג, פול מיט דראַמאַטישע איבערלעבענישן און צום סוף — ממש אַ קאַמף פאַרן לעבן. נאָר שוין אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען...

אַ יאָר צײַט איז חיים געווען אין אַ קינדערהיים, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן ייִדישן קאָמיטעט אין בודאַפּעשט. די דאָזיקע קינדערהיים איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר״. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג צו דער עליה, וואָס האָט געפירט דורך טשעכאָסלאָוואַקיע, דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך. סוף 1946 איז חיים מיט נאָך אַ צאָל קינדער אַרויף אין מאַרסיי אויף אַ שיף, וואָס זיי האָבן גערופן „באַליע״. דרײַ וואָכן זענען זיי געשווומען אין דער דאָזיקער „באַליע״, געטריבן דורך די ענגלענדער, ווי זיי זאָלן זײַן פּיראַטן און נישט קיין על־פּי־נס געראַטעוועטע פון אַ גרויסן פאָלקס־חורבן. ווען זיי זענען סוף־כּל־סוף דערשווומען צו די ברעגעס פון לאַנד, האָבן זיי אָפּגעוואַרט די ענגלענדער. געווען אַ באַשלוס אויף דער „באַליע״ צו שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. אַ ווידערשטאַנד פון אויסגעמוטשעטע יוגנטלעכע, „באַוואָפנטע״

מיט קאַנסערוון־פּושקעס און עטלעכע צענדליק שטעקנס, אַנטקעגן דער קעניגלעכער אַרמיי פון גרויס־בריטאַניע... איינער פון די בחורים איז דעמאָלט אומגעקומען. מען האָט די „באַליע־פּאַסאַזשירן" ווידער געטריבן, דאָס מאָל — קיין ציפּערן. ווידער אַכט חדשים הינטער שטעכלדראָט, באַוואַכט פון אַ לאַגער־קאַנוואָי...

ערשט אין אויגוסט 1947 האָט חיים דערגרייכט צו די ברעגן פון ארץ־ישׂראל. גלײַך פון דער שיף איז ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון פינף און צוואַנציק מיידלעך און בחורים אַוועק אין קיבוץ נגבה. ער איז אַלט געווען זיבעצן און אַ האַלב יאָר. זײַן לעבנס־נסיון האָט געקאָנט סטײַען פֿאַר אַ זקן. דאָס נײַע לעבן אין קיבוץ האָט זיך אָנגעהויבן מיטן לערנען באַנוצן זיך מיט געווער — — —

חיים באַגלייט מיך איבער די גרינע אַלעעס פון די וווּיל אײַנגעאָרדנטע משפּחה־הײַזלעך פון די קיבוץ־מיטגלידער.

— זעסט, — ווײַזט ער מיט דער האַנט אין ריכטונג פון דרום, — דאָ, נישט ווײַט איז אין יולי 1948 פֿאָרגעקומען איינע פון די שווערסטע שלאַכטן מיט די מיצרים. אַ מיידל און צוויי בחורים פון מײַן גרופּע זענען געפאַלן...

קיבוץ נגבה, פעברואַר 1980

דער כּוח פֿון פּחד

זי איז אַן אויסנעם פֿון די ניצל געוואָרענע פֿון נאַצישן גיהנום, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן. יעדערער פֿון זיי טײַטשט אויף זײַן אופֿן, ווי אַזוי און פֿאַר וואָס ער איז אַרויס מיטן לעבן. רעליגיעזע באַטראַכטן דאָס פּשוט ווי אַ נס מן השמים, די אַנדערע — ווי אַ צופֿאַל בלויז. בדרך־כּלל זענען עס אָבער מענטשן וואָס האָבן מיט זייער איניציאַטיוו, אײַנפֿאַלערישקייט צי גאָר מאַטעריעלע מיטלען געהאָלפֿן, אַז דער „נס״ אָדער „צופֿאַל״ זאָלן געשען. בײַ איר, חיה פֿריידענבערג, דאַכט זיך, האָט געווירקט דער כּוח פֿון פּחד. דער פּחד וואָס האָט גורם געווען, אַז ביז 1949, פֿיר יאָר נאָך דער באַפֿרײַונג, זאָל זי נאָך אַלץ לעבן אונטערן דרוק פֿון יענע גרויליקע טעג און מורא האָבן זיך אומצוקערן צו איר ייִדישן שטאַם.

און אפֿשר איז דאָס אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס די איניציאַטיוו צום אַנטלויפֿן, צום ראַטעווען זיך איז נישט געקומען פֿון איר גופֿא, ווי דאָס איז געשען אין יענער צײַט מיט קינדער פֿון איר עלטער, רײַף געוואָרענע פֿאַר דער צײַט, אין אָנבליק פֿון טויט, וואָס האָט געלאָקערט פֿון יעדן ווינקל. לגבי איר, קאָן מען זאָגן, איז אָנגעווענדט געוואָרן דער מעטאָד פֿון לערנען שווימען דורך וואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן. מען האָט זי געוואָרפֿן אין ברוטאַ־דיקע כוואַליעס פֿון דער ביטערער צײַט, מחמת דאָס איז געווען די איינציקע האָפֿענונג, אַז אפֿשר וועט זי דערשווימען צו אַ ברעג...

אין יענעם גורלדיקן סעפּטעמבער 1939 איז חיה אַלט געווען קוים עלף יאָר. פֿון פֿינפֿטן יאָר פֿון איר לעבן איז זי דערצויגן געוואָרן אין ייִדישן יתומים־הויז אין בענדין. אין דער צײַט פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע איז דאָס הויז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קיבוץ, מיט וועלכן ס'האָב אָנגעפֿירט הערשל שפּרינגער און זײַן חברטע עליזע. מ'האָט געדאַרפֿט האָבן אַ רײַכע פֿאַנטאַזיע און אַ ביז גאָר שטאַרקן בטחון, וואָס שטײַגט ווײַט אַריבער דעם געווײנטלעכן ייִדישן בטחון, כּדי אין יענער צײַט אָנצורופֿן אַ קיבוץ מיט

קינדער, פֿאַרמישפּטע אויף אומקום, דווקא מיטן נאָמען „לעתיד״ — פֿאַר דער צוקונפֿט.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דאָס איז נישט געווען נאָר פֿאַנטאַזיע און בטחון. די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון קיבוץ האָט בפֿועל־ממש געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כּדי צו ראַטעווען פֿאַר דער צוקונפֿט די דאָזיקע קינדער.

דעמאָלט האָט חיה געזען צום ערשטן מאָל מאיר שולמאַנען, אָבער זײַן נאָמען האָט זי זיך פּאַקטיש דערוווּסט ערשט מיט קרוב דרײַסיק יאָר שפּעטער, ווען זי האָט אים צופֿעליק באַגעגנט אין גאַס פֿון חולון, דער שטאָט ווו ביידע וווינען איצט.

זי האָט אים געזען בסך־הכּל איין מאָל אין לעבן און דאָך האָט זי אים דערקענט אין צענדליקער יאָרן אַרום. ער האָט זיך איר אײַנגעקריצט אין זכּרון דערפֿאַר, ווײַל זײַן דעמאָלטיקער באַזוך אין קיבוץ האָט דעצידירט וועגן גורל פֿון איר און פֿון אַ סך אַנדערע קינדער. זי געדענקט גענוי יעדן פּרט פֿון יענער באַגעגעניש. מאיר האָט גענומען אין האַנט איר פֿינגער, אײַנגעטונקט אין שוואַרצער פֿאַרב און פֿאַרזיכטיק אָפּגעדריקט אים אויף אַ דאָקומענט, וואָס האָט זיך גערופֿן אויף פּויליש „פּאַלצאָווקאַ״. דאָס איז געווען אַן „אַרישער״ דאָקומענט מיט אַ שטעמפּל, פֿאַרשטייט זיך אַ פֿאַלשער, געמאַכט דורך מאירן גופֿא, און מ׳האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל פֿאַרגעסן איר ביז איצטיקן נאָמען. זי דאַרף געדענקען, אַז פֿון הײַנט איז זי אַ קאַטוילישע מיידל מיטן נאָמען קאַזשימיעראַ זאַרעמבאַ, געבוירן אין דאָמבראָווע. מ׳האָט איר אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלדז אַ צלם, אויסגעלערנט דעם „פּאַטשעזש״, די עיקר־תּפֿילה וואָס קען פֿון אויסנווייניק יעדעס קינד פֿון אַ קאַטוילישער משפּחה. זי האָט באַקומען אַ „מאַדליטעווניק״, אַ ביסל וועש, אַ קליידל און מ׳האָט זי געגרייט אין וועג אַרײַן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען אַ פּוילישע פֿרוי. מ׳האָט זי גערופֿן די „שלאָנזאַטשקע״, ווײַל זי איז געווען פֿון אייבער־שלעזיע. די פֿרוי האָט גענומען חיהן און נאָך אַ מיידל פֿון איר עלטער, סאַלע טרײַמאַן, און אַרויסגעפֿירט זיי פֿון געטאָ. חיה געדענקט נישט וואָס פֿאַר אַ סטאַציע דאָס איז געווען, וווּהין די „שלאָנזאַטשקע״ האָט זיי געבראַכט, געקויפֿט פֿאַר זיי צוויי בילעטן און אַרײַנגעזעצט אין צוג כּדי צו זײַן זיכער, אַז זיי וועלן פֿאָרן

אין דער געהעריקער ריכטונג. זיי זענען אָנגעקומען אין אַ שטעטל נישט ווײַט פון גליוויץ, אין דעם טייל פון אייבער־שלעזיע, וואָס האָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געהערט צו דײַטשלאַנד.

אין הסכּם מיט די אָנווײַזונגען וואָס זיי האָבן באַקומען, זענען ביידע מיידלעך אַוועק אין אַרטיקן „אַרבײַטסאַמט״, דערציילט די פון פאַרויס צו־געטראַכטע מעשׂה, אַז זיי האָבן פאַרלוירן אין דער מלחמה זייערע עלטערן און ווילן אַרבעטן בײַ פּויערים אין אַ דאָרף, כּדי צו האָבן עסן און אַ דאַך איבער קאָפּ.

חיה דערציילט:

— מ׳האָט אונדז ביידע געשיקט אין זעלבן דאָרף. יעדערע פון אונדז איז אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. ווען איך בין אַרײַן אין שטוב פון מײַן באַשטימטער באַלעבאָסטע, האָט עס מיר געגעבן אַ טיאַכקע אין האַרץ. כ׳האָב דערזען אויף דער וואַנט אַ גרויס בילד פון היטלערן. „כ׳בין דאָ גוט אַרײַנגעפאַלן״ — האָב איך געטראַכט. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז גאָר נישט געווען אַזוי שלעכט. גיך האָב איך זיך אויסגעלערנט מעלקן די קי, אויסגעפירט פאַרשיידענע אַרבעטן אין דער הויז־באַלעבאַ־טישקייט. די באַלעבאָסטע האָט מיך נישט שלעכט באַהאַנדלט. איך האָב באַקומען עסן צו דער זעט, געשלאָפן אין אַ בעט. מען האָט דאָ, ווײַזט אויס, ניט געהאַט קיין חשד לגבי מײַן קאַטוילישקייט. קאָן זײַן, אַז ס׳האָט מיר געהאָלפן דאָס, וואָס איך האָב נישט געקענט דעמאָלט קיין ייִדיש און ס׳האָט נישט געדראָט די סכּנה, איך זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס זאָל מיך אַרויסגעבן.

כ׳ווייס נישט גענוי ווי דאָס איז געשען, אָבער מיר האָבן געהאַט די אַדרעסן פון נאָך פיר מיידלעך און איין ייִנגל, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קיבוץ אין דער זעלבער צײַט וואָס מיר. דאָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער אָנפירונג מיט דער כּוונה, מיר זאָלן קאָנען פירן קאָרעס־פּאָנדענץ צווישן זיך. דאָס האָט געדאַרפט זײַן אַן אַליבי, אַז מיר האָבן קרובים, פרײַנד, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּאָליאַקן וואָס זענען געווען פאַרשיקט אויף אַרבעט אין דײַטשלאַנד. איך וואָלט דאָרט אַוודאי איבערגעלעבט, און נישט שלעכט, ביזן סוף פון דער מלחמה, ווען נישט סאָלע.

זי האָט געטראָגן צו שלעכטע מענטשן. זי איז בסדר געקומען צו מיר, געווײנט, אַז זי וועט דאַרטן לאַנג נישט אויסהאַלטן און צוגערעדט מיך, מיר זאָלן צוזאַמען אַנטלויפן. צום סוף האָב איך זיך אונטערגעגעבן איר דרוק.

אין אַ געווײסן זונטיק, פאַר טאָג, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָב איך גענומען מײַן וואַליזקע און בין אַוועק. מיר זענען געפאָרן אין דער ריכטונג צו אָפּאָלע. מיר האָבן דאָך שוין געהאַט אַ שטיקל דערפאַרונג, זענען מיר אַרײַן אין „אַרבײַטסאַמט" און דערציילט די זעלבע מעשׂה. ווידער האָט מען אונדז געשיקט אַרבעטן צו פּויערים אין אַ דאָרף. בעיקר האָבן זיי געשיקט אין אַזעלכע הײַזער, וווּ די מענער זענען געווען מאָביליזירט. דערצו איז דאָס געווען סוף אויגוסט, אָנהייב סעפּטעמבער ווען ס'איז נאָך געווען אַ סך אַרבעט אויף די פעלדער.

דאָס מאָל האָט סאָלען צוגעשפּילט ס'מזל. זי האָט געטראָפן צו אַן אָנ־שטענדיקער משפּחה. איך בין אָבער ביטער אַרײַנגעפאַלן. ס'איז געווען אַזוי שלעכט, אַז נאָך עטלעכע טעג בין איך ווידער אַנטלאָפן, דאָס מאָל אַליין.

איך ווייס נישט פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו מיר די עצה צו לאָזן זיך איינע אַליין אין וועג אַרײַן, זעקס קילאָמעטער צו פוס פון דאָרף אין שטאָט. כ'בין אַרײַן אין דעם זעלבן „אַרבײַטסאַמט". כ'האָב געווײנט, אַז די באַלעבאָסטע שלאָגט מיך, גיט נישט צו עסן און געאָגט, אַז איך וועל נישט אַרויס, ביז זיי וועלן מיר נישט באַשטימען אַ צווייטן פּלאַץ.

כ'בין געזעסן דאָרטן אַ גאַנצן טאָג און ס'האָבן זיך גראָד נישט געפונען קיין „קונים" אויף מיר. אַרום האָבן זיך געדרייט דײַטשן. ס'איז מיך באַפאַלן אַ פּחד. ערשט איצט האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס פאַר אַ נאַריש־קייט איך האָב אָפּגעטאָן. אָבער ווײַזט אויס, אַז ס'איז מיר געווען באַשערט צו בלײַבן לעבן. ס'האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט און מען האָט שוין געהאַלטן בײַם שליסן דעם „אַמט", איז אַרײַנגעקומען אַ פרוי, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מכשפה. זי האָט געזוכט אַ מיידל צו דער אַרבעט און גענומען מיך צו זיך אין דאָרף אַרײַן.

שוין אין ערשטן טאָג האָב איך געזען, אַז איך בין אַרײַנגעפאַלן, נאָך ערגער ווי פריער. דער באַלעבאָס איז געווען אין מיליטער, און די באַלע־

באָסטע איז געווען אַ קראַנקע, פאַרביטערטע און דערצו — אַ מרשעת. האָט זי אַלע אירע צרות אויסגעלאָזט צו מיר. איך האָב געמוזט אָפּטאָן אַלע שווערע אַרבעטן — מעלקן צוויי קי, באַקן ברויט, וואַשן וועש, באַדינען צוויי קליינע קינדער און דערצו נאָך אַרבעטן אין פעלד. פאַר דעם אַלעם האָב איך נישט באַקומען צו עסן צו דער זעט, און דערצו נאָך האָט זי מיך געשלאָגן. איין מאָל האָט זי מיך געכאַפּט, ווען איך האָב זיך גענומען אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. פאַר דעם „חטא" האָט זי מיר געגעבן אַזאַ שטאַרקן פּאַטש, אַז איך בין אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט. כ'בין געווען אַזוי אויס־געהונגערט, אַז איך פלעג כאַפּן אַ ביסל עסן פון דעם, מיט וואָס מיר האָבן געקאָרמעט די קי. איין מאָל האָב איך זיך שיִער נישט דערשטיקט. די קאָרמע איז געווען הייס, מען האָט געמוזט עסן שנעל, כּדי אַרײַנצוכאַפּן וואָס מער און דערבײַ האָב איך מורא געהאַט, די באַלעבאָסטע זאָל מיך נישט כאַפּן בײַ דער „גנבה".

אַחוץ וואָס זי איז געווען אַ מרשעת, בין איך שפּעטער געקומען צום אויספיר, אַז זי האָט מיך געפײַניקט דערפאַר, ווײַל זי האָט חושד געווען אַז איך בין אַ ייִדישע. אינעם געלויף פון איין אָרט אויפן צווייטן האָב איך פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די מיידלעך, וואָס פלעגן צו מיר שרײַבן. די באַלעבאָסטע האָט מיך עטלעכע מאָל געפרעגט אין אַ צווייִדײַטיקן טאָן: „וואָס, דו האָסט גאָר נישט קיין קרובים, קיין פרײַנד, קיינער שרײַבט נישט צו דיר ?"

איך האָב זיך באַמיט וואָס בעסער צו שפּילן די ראָלע פון אַ פרומער קריסטין. זונטיק בין איך צוויי מאָל געגאַנגען אין קאָשטשאָל. כ'האָב געהאַט מזל וואָס די מערהייט אײַנוווינער אין דאָרף זענען געווען שלאַנזאַקעס. די מעסעס פלעגן דעריבער אָפּגעריכט ווערן באַזונדער אין דײַטש און באַזונדער אין פּויליש. דער גלח האָט געהאַלטן זײַנע דרשות אין פּויליש. איך בין פאַרשטייט זיך געגאַנגען מיט די פּאָליאַקן. געעפנט דעם „מאָדלי־טעווניק" און אָבסערווירט אַנדערע. ווען זיי האָבן איבערגעמישט אַ בלעטל, האָב איך אויך געטאָן דאָס זעלבע. ווען זיי האָבן געקניט, האָב איך אויך געקניט, געצלמט זיך, צום סוף בין איך שיִער נישט אַרײַנגעפאַלן.

פון צײַט צו צײַט, באַזונדערש פאַר געוויסע חגאות, דאַרף מען גיין צום

גלח „זיך ספּאָוויאַדען" (זיך מתוודה זײַן). ווען כ'בין צום ערשטן מאָל אַרײַן אין קאָנפעסיאָנאַל איז מיך באַפאַלן אַ שרעק, איך האָב פאַרלוירן ס'לשון. זעענדיק מײַן פאַרלוירנקייט האָט דער גלח אַוודאי געטראַכט, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ גרויסן חטא, האָט ער מיר געפּרוּווט העלפן: „קינד מײַנס, ווען האָסטו זיך דאָס לעצטע מאָל ספּאָוויאַדעט? וואָס פאַר אַ זינד ביסטו באַגאַנגען אין דער לעצטער צײַט?"

כ'האָב אָבער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. צום סוף האָט ער אַרויסגערוקט די „סטולאַ" — אַזאַ פּיאַלעט טוך מיט אַ צלם, וואָס דער גלח טראָגט אויף זיך. איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען דאַרף געבן אַ קוש דעם צלם, און בין אַרויס.

צו מאָרגנס האָט זיך אין דאָרף צעטראָגן די סענסאַציע, אַז איך קאָן אַפילו נישט זיך „ספּאָוויאַדען". כ'בין געווען זיכער, אַז איך בין אַ פאַר־שפּילטע. צום גליק האָט מען דאָס גיך פאַרגעסן. קאָן זײַן, אַז ס'האָט מיר געהאָלפן דאָס, וואָס מײַן באַלעבאָסטע איז געווען אַ פאַרביסענע נאַציסטקע און דאָס גאַנצע דאָרף האָט זי פײַנט געהאַט. איך דערקענען האָב געוועקט בײַ זיי רחמנות. אַזוי האָב איך ווײַטער געליטן.

אין אַ ווינטערטאָג, אָנהייב 1945, איז אין דאָרף אַרײַן סאָוועטיש און פּויליש מיליטער. איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען אַ צופאַל אָדער ווער פון די פּויערים פון דאָרף, שלאָגנאַקעס, האָבן דערציילט וועגן מײַן באַלע־באָסטע, די היטלעריסטקע, וואָס האָט זיך איזדעקוועט איבער אַ פּויליש מיידל...

דעם זעלבן טאָג זענען צו אונדז אין שטוב געקומען עטלעכע פּוילישע זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, גרייט צום שיסן. מײַן באַלעבאָסטע, די קלאָפּטע, האָט געציטערט פאַר שרעק. צום ערשטן מאָל האָב איך זי געזען אין אַזאַ שפּלדיקן מצב. זי האָט געפּרוּווט עפּעס שטאַמלען, אָבער די זעלנער האָבן געשריִען, זי זאָל זיך נישט דערוועגן רעדן אַ וואָרט. זיי האָבן זיך געוואָנדן צו מיר אין פּויליש און געפרעגט, ווי אַזוי זי האָט זיך באַצויגן צו מיר. „איצט קאָנסטו איר אָפּצאָלן פאַר אַלץ" — האָבן זיי געזאָגט.

כ'האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מײַן ענטפער קאָן דעצידירן וועגן איר לעבן. כ'האָב שטאַרק געוואָלט נקמה נעמען אין איר, און שוין געווען

גרייט צו דעם. אין דער רגע איז מײַן בליק געפֿאַלן אויף די צוויי קינדער. כ׳האָב געוווּסט דעם טעם פֿון זײַן אַ יתומה און אַ טראַכט געטאָן: „וואָס זענען נעבעך שולדיק די קינדער?״ כ׳האָב זיך באַהערשט, געענטפֿערט די זעלנער, אַז זי האָט מיך נישט אַזוי שלעכט באַהאַנדלט און געבעטן זיי זאָלן זיך מרחם זײַן אויף די קינדער און נישט צונעמען בײַ זיי זייער מאַמע.

לאַנג נאָך דעם ווי די זעלנער זענען אַוועק, איז די גויע געשטאַנען צעטומלט. כ׳ווייס נישט צי דאָס רישעות איז בײַ איר געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט מיך אַפֿילו נישט באַדאַנקט, אָדער עס האָט איר אָפּגענומען ס׳לשון צוליב מײַן האַנדלונג. די מעשׂה האָט זיך באַלד צעטראָגן איבערן דאָרף ווי אַ סענסאַציע, און אַלע זענען געווען אין כּעס אויף מיר, למאַי איך האָב נישט נקמה גענומען אין אַזאַ מכשפֿה. איך האָב נישט חרטה געהאַט, אָבער נישט געוואָלט מער קוקן אויף איר פּרצוף. כ׳בין אַוועק צו אַ שכנותדיקער משפּחה, זייער אָנשטענדיקע מענטשן. דער פֿאָטער פֿון דער משפּחה איז געווען פֿאַרשיקט דורך די נאַציס אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בוכענוואַלד. בײַ אָט די מענטשן בין איך געווען נאָך אַ יאָר.

איר וווּנדערט זיך וואָס איך בין דאָרטן נאָך אַזוי לאַנג פֿאַרבליבן? שטעלט זיך פֿאָר, אַז איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן מײַן סוד. איך האָב נאָך אַלץ געלעבט מיטן פּחד, אַז אויב מען וועט זיך דערוויסן, אַז איך בין אַ ייִדישע, וועט מען מיך אומברענגען. נאָך מער. איך בין נאָך דעם אַוועק אין ראַיאָניקן שטעטל פּרודניק, ווו איך האָב געלעבט ווי אַ פּאָלקע מיטן אָקופּאַציע־נאָמען קאַזשימיעראַ זאַרעמבאַ.

אין דעם אַ שטעטל האָב איך קיין ייִדן נישט באַגעגנט. ערשט סוף 1949 האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס וועט זײַן מײַן תּכלית? כ׳האָב זיך דער־מאָנט, אַז בײַם פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן געדענקען דעם אַדרעס אויף קאָלאָנטאַי־גאַס אין בענדין, און ווער ס׳וועט איבערלעבן זאָל אַהין צוריקקומען.

מיט אַ שווער געמיט בין איך אַוועק קיין בענדין. כ׳בין געווען איבער־צײַגט, אַז ס׳זענען דאָרטן קיין ייִדן מער נישטאָ. אַרויסגייענדיק פֿון וואַגאָן האָט זיך די דאָזיקע מורא נאָך מער פֿאַרשטאַרקט בײַ מיר. כ׳האָב נישט דערקענט די שטאָט. געבלאָנקעט איבער די גאַסן און נישט באַגעגנט קיין

איין ייִד. כ׳בין אַוועק אויפֿן אָנגעגעבענעם אַדרעס, געפֿרעגט אויפֿן בעל־הבית, ושמיגראַד. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז שוין לאַנג נישטאָ. כ׳בין געווען אין גרויס פֿאַרלעגנהייט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

צום גליק איז מיר אַנטקעגן אָנגעקומען אַ מענטש, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זײַן אַ ייִד. צי גאָר ער האָט מיך פֿאַרהאַלטן און געפֿרעגט, וועמען איך זוך. ער האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין ייִדישן קאָמיטעט, וואָס איז געווען טעטיק אין שטאָט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע צרה. מען האָט מיר נישט געגלייבט, אַז איך בין אַ ייִדישע. ייִדיש רעדן האָב איך נישט געקאָנט. כ׳האָב דערציילט ווער איך בין, אָנגעגעבן אַפֿילו ווי אַ סימן דאָס שטיבל, אין וועלכן מײַן טאַטע האָט געדאַוונט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען, ווײַזט אויס, גענוג איבערצײַגעוודיק. דער פֿאָרזיצער פֿון ייִדישן קאָמיטעט איז אַוועק מיט מיר אין ציווילן אַמט און אין די אַקטן געפֿונען אַ רשימה, אין וועלכער עס איז געווען פֿאַרשריבן דער נאָמען פֿון מײַן טאַטן מיט אַלע קינדער. ערשט איצט האָט מען מיר געהאָלפֿן אײַנאָרדענען זיך. כ׳האָב צוריק באַקומען מײַן ייִדישן נאָמען.

מיט דער צײַט האָב איך עולה געווען און דאָ אין ישׂראל אויפֿגעשטעלט אַ משפּחה.

חולון, אָקטאָבער 1980

אין שטענדיקן געראַנגל

מענטשן, ווי שטעט, האָבן וויַיזט אויס זייערע גורלות. אין יענע טעג פון גרויל און פּיַין האָט אלי זבאַראָווסקי, נאָך כּמעט אַ קינד אין שטעטל זשאַרקי, אַפילו אין חלום זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט אַרויס פון נאַציִשן גיהנום און אַוודאי האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט ווערן אַן אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן און אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער צווישן דער שארית־הפּליטה אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווען איך האָב אים באַזוכט אין זיַין רחבותדיקן ביוראָ אויף דער פינפטער עוועניו אין צענטער פון ניו־יאָרק, ווי אויך אין לויף פון אונדזערע מער־מאָליקע באַגעגענישן בעת זיַינע באַזוכן אין ישׂראל, האָבן מיר שטענדיק גשמועסט וועגן דעם אופן פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער חורבן־תּקופה, וועגן דער סכּנה פון ווידעראויפלעבונג פונעם נעאָ־נאַציזם — וועגן די אַלע פּראָבלעמען מיט וועלכע עס פאַרנעמט זיך דער וועלט־פאַרבאַנד פון געוועזענע פאַרטיזאַנער, אַנטי־נאַצי קעמפער און אַסירים פון היטלעריזם, אין דעם אַ פאַרבאַנד פאַרנעמט ער זינט יאָרן דעם פּאָסטן פון וויצע פּרעזי־דענט. זעלטן ווען ער האָט בעת די באַגעגענישן אונדזערע דערציילט וועגן זיַינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן און זיַין אַקטיוויטעט אין יענע יאָרן. צום ערשטן מאָל האָט ער יאָ דערציילט וועגן דעם אַלעם נאָכן באַזוכן פּוילן אין דעצעמבער 1977, ער האָט ווי אומגעקערט זיך אויף זיַינע אייגענע שפּורן...

זשאַרקי, אָדער ווי די ייִדן האָבן דאָס גערופן — זשוריק, איז אַ קליין שטעטל וואָס געפינט זיך צווישן בענדין און טשענסטאָכאָווע, אַ ייִשוב ווו ס'איז אַפילו קיין באַן־ליניע נישטאָ. אויף וויפל דאָס שטעטל איז יאָ געווען באַקאַנט, איז עס געווען נאָר אַ דאַנק די טרוקענע סאָסנע־וועלדער, וואָס האָבן עס פאַרוואַנדלט אין אַ דאַטשע, באַזונדערש פאַר ייִדן, וואָס זענען אַהער געקומען „אויסלופטערן" זייערע לונגען פון די פאַררייכערטע און פאַר־שטויבטע שטעט אין זאַגלעמביע.

דאָ, אין זשאַרקי, איז אין 1925 געבוירן געוואָרן אלי, אַלס בכור פון דעם לעדער־סוחר משה זבאַראָווסקי. נישט געקוקט דערויף וואָס דער פֿאָטער איז געווען אַ חסידישער ייִד, האָט ער געהאַלטן, אַז זײַנע קינדער דאַרפֿן, אַחוץ תּורה, האָבן אויך וועלטלעכע בילדונג. אין שטעטל איז פֿאַרשטייט זיך קיין מיטלשול נישט געווען. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז דריבער אלי געווען אַ שילער אין 4טן קלאַס פון דער העברעיִשער גימנאַזיע אין טשענסטאָכאָוו.

ווי אין יעדן שטעטל פון פּוילן, זענען אויך אין זשאַרקי געווען טעטיק פֿאַרשיידענע ייִדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, צווישן וועלכע ס׳האָבן דאָמינירט „השומר הצעיר״ און „השומר הדתי״. אלי איז געווען אַ מיטגליד אין דער ערשטער. קאָן זײַן, אַז דאָס הײַפּל יונגע מענטשן וואָלט נישט געהאַט אין זיך דעם כּוח צו אָן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד קעגן רוצחישן נאַצישן אָקופּאַנט, ווען נישט דער געשאַפֿענער מצב, וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויפֿן גורל פון שטעטל.

נאָכן פונאַנדערטיילן פּוילן דורך די דײַטשישע אָקופּאַנטן האָט זשאַרקי זיך געפֿונען אויף דער סאַמע גרענעץ צווישן אַזוי גערופֿענעם „גענעראַל־גוווערנאַמענט״ און דעם „רײַך״. דאָס האָט גורם געווען, אַז דאָס שטעטל זאָל ווערן אַ וויכטיקער איבערגאַנג־פּונקט אין דער פֿאַרבינדונג צווישן דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשע און דעם גרויסן ייִדישן צענטער אין זאַגלעמביע.

אין 1941 איז אין זשאַרקי געשאַפֿן געוואָרן אַ קיבוץ פון „השומר־הצעיר״ מיט עטלעכע צענדליק מיטגלידער, ס׳רוב יונגע מענטשן פון וואַרשע. מיטן קיבוץ האָט אָנגעפֿירט צבי בראַנדיס, וואָס איז ביז דער מלחמה געשטאַנען בראָש פון דער אָרגאַניזאַציע אין זשאַרקי, כאָטש פֿאַקטיש האָט דער קיבוץ פון ערשטן מאָמענט געדינט ווי אַ באַזע פֿאַר דער צענטראַלע פון „השומר הצעיר״. עטלעכע מאָל זענען געקומען אַהער פון וואַרשע אריה ווילנער, יוסף קאַפּלאַן, טאָשע אַלטמאַן און אַנדערע אָנפֿירנדיקע טוער פון דער דאָזיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

ס׳האָט זיך זיי דערמאָלט אײַנגעגעבן צו געווינען די מיטאַרבעט פונעם וויצע־פּאָרזיצער פון יודענראַט אין זשאַרקי אפרים מאָנאַט, וואָס האָט גע־

האָט פּראָטעקציע בײַ אייניקע דײַטשן פון דער „קרײַז־האַופּטמאַנשאַפט" אין ראַדאָמסק. דאָס איז געווען דער אמת, וואָס האָט צווישן אַנדערן אויך אַרויסגעגעבן די דורכפאָר־שײַנען — „פּשעפּוסטקי", ווי מען האָט זיי גערופן אין פּויליש. דאָס איז געווען אַ דאָקומענט וואָס דערמעגלעכט אַריבערצוגיין די גרענעץ צווישן „גוווערנאַמענט" אין „רײַך" אַרײַן. כּדי מ׳זאָל נישט דאַרפן צו פיל אָנקומען נאָך פּראָטעקציע צו די דײַטשן (און די פּראָטעקציע איז געווען — געגבן שוחד) האָבן דרײַ מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, דוד אַנזעלעוויטש, משה פישער און אלי זבאַראַווסקי אַרײַנבאַקומען זיך אַרבעטן אין יודענראַט. זייער עיקר פליכט איז באַשטאַנען אין אַרויסנעמען פון אַרכיוו אויסגענוצטע „כּשרע" דורכפאָר־שײַנען, און „ספּעציאַליסטן" האָבן אין זיי אַרײַנגעשריבן די נעמען פון די, וואָס האָבן אין שליחות פון דער באַוועגונג געדאַרפט גיין איבער דער גרענעץ קיין זאַגלעמביע און צוריק.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דעם, ווי אין וואַרשעווער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן די איינהייטלעכע יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב". נאָך דעם איז קיין זשאַרקי געקומען מרדכי אַניעלעוויטש, וואָס איז מיט אַזאַ „פּשעפּוסטקע" צוויי מאָל אַריבער די גרענעץ אויפן וועג קיין זאַגלעמביע, און דאָ האָט ער אָרגאַניזירט די „זשאָב". אויף דער רעקאָמענדאַציע פון אַניעלעוויטשן איז צבי בראַנדיס געשיקט געוואָרן קיין בענדין. ער איז באַלד געוואָרן די נשמה פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די געטאָס פון זאַגלעמביע. צום סוף האָבן אים די נאַציס געכאַפּט און דערשאָסן.

אַ דאַנק זײַן אַרישן אויסזען און גוטן פּוילישן אַקצענט האָט אלי זבאַ־ראַוואָווסקי באַקומען אַ נײַע שליחות. ער האָט זיך אײַנגעשאַפט אַן „אַרישן" דאָקומענט אויפן נאָמען פון לוציאַן הענריק וועסאָלאָווסקי און איז געוואָרן דער פאַרבינדלער צווישן וואַרשע און די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס פון ראַדאָמסק, טשענסטאָכאָוו און גאַנץ זאַגלעמביע. דער עיקר־ציל איז געווען — זיך אײַנשאַפן געווער. ווידער האָט אלי אויסגענוצט די הילף דווקא פון יודענראַט־מענטשן. דאָס מאָל האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט דער פאָרזיצער פון יודענראַט אין שכנותדיקן שטעטל פּילץ, פּאָגעל, און אַ געטאָ־פּאָליציאַנט אין זעלביקן שטעטל, טשעבינער.* דאָס האָבן זיי

* בײדע זענען שפּעטער אַכזריותדיק דערהרגעט געוואָרן דורך די נאַציס.

אים געהאָלפן אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין דאָרף סאַמאַשיצע.

— מ׳האָט גערעדט וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אָבער קיין סך האָבן מיר לײדער נישט דערגרייכט אויף דעם געביט. אין זשאַרקי גופא, בכלל נישט, — באַמערקט זבאַראָזוסקי.

די טעטיקייט פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט פון דעסטוועגן געהאַט אַ השפּעה קודם־כּל דערמיט, וואָס אין שטעטל איז אָנגעקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור פון וואַרשע. דאָס זענען געווען צײַטונגען און אויפרופן, פון וועלכע די ייִדן האָבן זיך דערוווּסט דעם אמת וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי. ס׳זענען אויך אָנגעקומען ידיעות, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ ביסל מוט. סײַ די פּאָזיטיווע און סײַ די נעגאַטיווע ווירקונג פון דער דאָזיקער טעטיקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין די טעג פון שווערע נסיונות.

איינער פון די שווערסטע נסיונות איז געווען די ערשטע אויסזידלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דווקא שׂמחת־תּורה 1942. כאָטש ס׳זענען דעמאָלט אין שטעטל געווען אָרגאַניזירטע עטלעכע אַזוי גערופענע „פינפטלעך״ פון „זשאָב״, האָבן זיי אָבער נישט געהאַט קיין געווער און אָרגאַניזאַציאָנעל נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין שום כּוח, וואָס זאָל קאָנען מאַכן כאָטש אַ פּרווו פון אַ וועלכן ניט איז ווידערשטאַנד. זיי האָבן אָבער געהאַט דעם כּוח צו וועקן און וואָרענען און דערמיט משפּיע געווען, אַז די קרוב פינף טויזנט ייִדן פון זשאַרקי זאָלן באַוויזן באַצײַטנס צו אַנטלויפן אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. געבליבן צו דער אויסזידלונג זענען בסך־הכּל אַן אַכט הונדערט זקנים און קראַנקע. די גויים פון דער געגנט האָבן, קענטיק, נאָך נישט געוווּסט, אַז ייִדן זענען הפקר, און פאַרן הרגענען זיי ווערט מען גאָר באַלוינט. די דײַטשן ווידער האָבן, אַ פּנים, געטראַכט: „ווײַט וועלן זיי סײַ ווי נישט אַנטלויפן...״

אַזוי איז טאַקע געווען. בלויז יחידים זענען געבליבן אין די געטאָס פון טשענסטאָכאָוו און ראַדאָמסק. דער רוב האָט זיך אומגעקערט קיין זשאַר־קי. אַפּלערנענדיק זיך פון ביטערן נסיון איז געקומען אַן אָנווײַזונג פון וואַרשע צו לייגן וויניקער אַכט אויף אײַנשאַפן געווער, נײַערט קאָנצענטרירן זיך בעיקר אויף אַרויספירן וואָס מער יונגע מענטשן צו די פּאַרטיזאַנער אין

די וועלדער. סוף 1942 זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּרוּוון אין דער אַ ריכטונג. פּופּציק יונגטלעכע פון געטאָ אין טשענסטאָכאָוו און הונדערט פון ראַדאָמסק האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגיין אין די וועלדער.

דעם 5טן יאַנואַר 1943 האָט זבאַראָווסקי געהאַט באַשטימט צו באַגעגענען זיך אין געטאָ פון ראַדאָמסק מיטן פאַרשטייער פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין סאַמאַשיצע, וועלכן מען האָט גערופן טאַדעק, כּדי אַרויסצופירן פון דאָרטן די באַשטימטע הונדערט ייִדן. דער גורל האָט געוואָלט, אַז גראָד אין דעם טאָג, פינף אַזייגער באַגינען האָבן די דײַטשן, בײַ דער מיטהילף פון פּוילישע פּאָליציאַנטן, אַרומגערינגלט די געטאָ. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג. טאַדעקן איז געלונגען צו אַנטרינען ווען ס'איז נאָך געווען פינצטער. אלי האָט איבערגעקויפט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים אַרויסגעלאָזט. ער האָט אָבער געמוזט זיך אַדורכרײַסן דורך אַ קאָרדאָן פון דײַטשן, וואָס האָבן אים נאָכגעשאָסן...

דער קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער איז דערווײַלע געווען איבערגעריסן. עטלעכע צענדליק קילאָמעטער האָט אלי זיך געשלעפּט איבער זײַטיקע וועגן, דורך וועלדער און פעלדער, אין טיפן שניי, ביז ער האָט דערגרייכט זײַן היימשטעטל. אין זשאַרקי זענען דעמאָלט געווען געבליבן בלויז די לעצטע דרײַסיק ייִדן, צווישן זיי זײַן פאָטער. די מוטער מיט זײַן ייִנגערן ברודער און שוועסטער האָט דער פאָטער באַוויזן אויסצובאַהאַלטן בײַ זײַנעם אַ פּוילישן פרײַנד, יוזעף פּלאַטשעק.

אלי האָט דעמאָלט נישט אָנגענומען די עצה פון טאַטן צו פאַרבלײַבן אין זשאַרקי, און נישט געזען קיין צוועק אויסצובאַהאַלטן זיך אין אַ בונקער. ער איז אַוועק און ווײַטער אויסגעפירט די פליכטן פון אַ פאַרבינדלער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ פון טשענסטאָכאָוו. ווען אין יוני 1943 איז אויך די דאָרטיקע געטאָ ליקווידירט געוואָרן, האָט ער ווידער זיך אומגעקערט קיין זשאַרקי. קורץ נאָך דעם איז געשען דאָס גרויסע אומגליק אין זײַן משפּחה. די לעצטע דרײַסיק פאַרבליבענע ייִדן האָבן די דײַטשן פאַרמאַכט אין דער שטעטלשער שיל. מ'האָט געזאָגט, אַז מ'וועט זיי אַלע דאָרטן אומברענגען. זײַן פאָטער, משה זבאַראָווסקי, איז געשפּרונגען פון פענצטער. נישט געקוקט וואָס דאָס איז געווען פון אַ הייך פון צוויי

שטאָק, האָט אים זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אָבער נישט ווייט. פּאָליאַקן האָבן אים געכאַפּט און געהרגעט אויפן אָרט. דאָס האָט אַליין אין גאַנצן צעבראָכן. ער איז אַוועק צו דער מוטער אין באַהעלטעניש.

וועגן זייער רעטער, יוזעף פּלאַטשעק, דערציילט אלי זבאָראָווסקי מיט געריערטקייט:

— דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס אַזעלכע איז שווער צו געפינען אין נאָרמאַלע צייטן, מכל־שכן אין יענע טעג פון שינאה און פאַראַכטונג. ער האָט זיך באַצויגן צו אונדז ווי אַ פאָטער צו קינדער. נישט נאָר וואָס ער האָט אונדז, פיר מענטשן, באַזאָרגט אַ יאָר צייט מיט עסן, און דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט אין אַ קליין שטעטל, ווו יעדערער ווייסט וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן אין טעפּל. זומער איז געווען לייכטער — פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. ערגער איז געווען ווינטער. מ׳האָט זיך געמוזט היטן פאַר אַ בייז אויג...

במשך פון יאָר וואָס מיר זענען דאָרטן געווען, האָבן מיר נישט געטאָרט אַרויס פון באַהעלטעניש, אַפילו נישט אין דער נאַכט כדי צו דערליידיקן די מענטשלעכע באַדערפענישן. פּלאַטשעק האָט דאָס אַרויסגעטראָגן ביי נאַכט און אויך געמוזט זיך שטאַרק היטן. שפּעט ביי נאַכט, ווען זיין פרוי און קינד זענען שוין געשלאָפן, פלעגט ער קומען צו אונדז דערציילן די נייעס פון די פראָנטן, טרייסטן און באַרויקן. די דאָזיקע האַרציקע באַציונג איז פּשוט שווער צו באַשרייבן.

דאָס הויז פון יוזעף פּלאַטשעק האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטעטל. אין אויגוסט 1944, ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט און אין דער געגנט האָט זיך קאָנצענטרירט מיליטער, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן זיך פאַרהאַלטן אין זשאַרקי, און, מעגלעך, פאַרנעמען דאָס הויז פאַר זייערע אָפיצירן. דעמאָלט וואָלטן מיר געווען פאַרשפּילטע. טאַקע אין איינעם אַן אָוונט פון יענעם אויגוסט האָט פּלאַטשעק אונדז דערציילט, אַז ער האָט באַגעגנט אַ באַקאַנטן דייטש, וואָס האָט אים געזאָגט: „מען שמועסט אין שטעטל, אַז ביי דיר באַהאַלטן זיך יידן. אָבער איך גלייב נישט דעריין".

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, אַז מ׳טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט. אין

דאָרף באַבאַליצע, עטלעכע קילאָמעטער פון זשאַרקי, האָבן בײַם פויער, יוזעף קאַלאַטש זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן זעקס ייִדן, צווישן זיי — צוויי שוועסטער און אַ ברודער פון מײַן מאַמען. מיר האָבן די גאַנצע צײַט געהאַט מיט זיי אַ פאַרבינדונג — קאַלאַטש פלעגט ברענגען פון זיי אַ בריוול...

✶

אלי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אויף אים ליגט איצט די אַחריות פאַרן לעבן פון זײַן משפחה. ס'איז נישט געווען וואָס צו פאַרלירן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם מונדיר פון פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וואָס ער האָט אויס־געבאַהאַלטן אויף יעדן פאַל. ער האָט אויך געהאַט בײַ זיך דרײַ גראַנאַטן, אַ שווערד און אַ פאַלשן רעוואָלווער. באַוואָפנט מיט די דאָזיקע רעקוויזיטן, זענען זיי אין דער נאַכט אַרויס פון שטעטל. דער חשבון איז געווען אַ פּשוטער: אויב די דײַטשן וועלן זיי כאַפּן, זענען זיי סײַ ווי פאַרלוירענע. די פּאָליאַקן, ווידער, אויב זיי וועלן באַגעגענען סתם ייִדן, וועלן זיי זיי אומברענגען אויפן אָרט. פּאַרטיזאַנער אָבער האָבן די פּאָליאַקן מורא געהאַט צו טשעפּען...

און ווידער אַ מאָל, צי איז דאָס געווען אינטויִציע, לאָגישער חשבון אָדער גאָר מזל? עטלעכע טעג נאָך זייער אַוועקגיין פון פּלאַטשעקן, זענען צו אים אַרײַנגעפאַלן די דײַטשן און געזוכט די באַהאַלטענע בײַ אים זבאַ־ראַווסקיס... אַפילו דעם נאָמען האָבן די דײַטשן געוווּסט. אין שטוב איז גראַד געווען נאָר דאָס נײַן יאָריקע טעכטערל פון די באַלעבאַטים, וואָס האָט באמת נישט געוווּסט דעם סוד. די דײַטשן האָבן געזוכט אין גאַנצן הויז און גאָר נישט געפונען. אלי זבאַראַווסקי מיט זײַן מאַמען, שוועסטער און ברודער זענען שוין געווען אויסבאַהאַלטן בײַם פויער יוזעף קאַלאַטש אין דאָרף באַבאַליצע, ווו זיי האָבן דערלעבט די באַפרײַונג.

ערשט מיט דרײַ און דרײַסיק יאָר שפּעטער האָט אלי זבאַראַווסקי, צום ערשטן מאָל נאָך יענע דראַמאַטישע טעג, באַזוכט דאָס דאָזיקע הויז. די טאָפּל־וואָנט אין סטאָליער־וואַרשטאַט איז פאַרבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. יוזעף פּלאַטשעק און זײַן פרוי זענען פאַר דער צײַט אַוועק פון דער וועלט. פאַר־בליבן זענען צו זייער אָנדענק צוויי ביימער מיט זייערע נעמען, וואָס בליִען אין וואַלד פאַר חסידי־אומות־העולם בײַם „יד ושם" אין ירושלים.

ניו־יאָרק–תל־אביב, 1979

דאָס קינד פון צוויי מאַמעס

יאַדזשע און ליבער ברענער באַמיִען זיך אויפצופרישן אין זכרון די געשעענישן פון יענע טעג. במשך פון די פינף פינצטערע יאָר, באַזונדערש אין די לעצטע צוויי פון זיי, איז אין טשענסטאָכאָווער געטאָ נישט געווען קיין איין טאָג אָן דראַמאַטישע געשעענישן, וועלכע זיי קאָנען נישט און וועלן שוין משמעות נישט פאַרגעסן ביזן סוף פון זייער לעבן. פעריאָדן פון יענער צײַט באַצייכענען זיי מיט די פאַרגעקומענע „אַקציעס" אין געטאָ. און די צאָל „אַקציעס" איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז איצט שווער צונויפצושטעלן זיי לויט אַ באַשטימטער כראָנאָלאָגיע. אָבער איין דאַטע געדענקען זיי גוט, מחמת זי איז געווען פאַרבונדן מיט אַ דעציזיע וואָס האָט געפאָדערט אויסערגעוויינטלעכן מוט. און אפשר איז דאָס גאָר געווען אַ רעזולטאַט פון ייִאוש, וואָס איז אין יענע טעג גאָנץ אָפט געווען די שטויס־קראַפט צו העלדישע מעשׂים?

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג יאַנואַר 1943, בעת דער צוויי־טאָגיקער „אַקציע" אויף זקנים און קינדער, שוין נישט די ערשטע פון דעם מין. יאַדזשע איז געווען פאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש — אַ טאַפּלוואַנט אין דריטן צימער פון דער וווינונג. דער אַרײַנגאַנג איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ שאַנק. זיי זענען דאָרטן געווען צען מענטשן, צווישן זיי — איר פאָטער און איר אַנדערטהאַלבן יאָריק מיידעלע, לילי. ליבער איז געבליבן אין דרויסן, ווײַל ער איז געווען דער הויזוועכטער.

יאַדזשע דערציילט:

— דאָס קינד האָב איך אײַנגעשלעפערט מיט טאַבלעטן, זי זאָל נישט וויינען גראָד דעמאָלט ווען עס זענען פאַרגעקומען די רעוויזיעס. אַזעלכע באַהעלטענישן און בונקערס זענען געווען כּמעט אין אַלע הײַזער פון געטאָ. פרעגסט צי דאָס איז נישט געווען נאַיִוו? אפשר יאָ. מוזט אָבער טראַכטן מיט קאַטעגאָריעס פון יענער צײַט. ווי זאָגט אַ פאָלקסווערטל: אַז מען טרינקט

זיך כאַפּט מען זיך אַן אַפילו אין אַ שטרוי. אַ פאַקט, אַז אין די דאָזיקע, ס׳רוב פּרימיטיווע באַהעלטעענישן, האָבן זיך צײַטווײַליק אָפּגעראַטעוועט נישט ווייניק ייִדן. בעת דער דאָזיקער „אַקציע" זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז דאָס באַהעלטעניש איז ווײַט נישט זיכער, און מיר זענען פאַר־משפּט. מוז מען מאַכן דעם פּרוּוו צו ראַטעווען כאָטש אונדזער קינד.

די „אַקציע" האָט געדויערט צוויי טעג. אונדזי, די יונגע מענטשן האָט מען ווידער יעדן טאָג אַרויסגעפירט פון געטאָ אויף צוואַנגאַרבעט. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצושמוגלען דאָס קינד. איך האָב געגעבן דעם מיידעלע אַ שטאַרקע פּאָרציע לומינאַל, כּדי צו זײַן זיכער, אַז זי וועט זיך נישט אויפֿ־וועקן פאַר דער צײַט. מיר האָבן זי אַרײַנגעלייגט אין אַ רוקזאַק, און מײַן ברודער שלמה שיין האָט אים אַרויפגענומען אויפן רוקן. בעתן פאַרבײַגיין די וואַך, האָט חברה גענומען זינגען, כּדי אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די דײַטשן. מיר זענען אָנגעקומען אין „מעבל־לאַגער" — מאַגאַזינען וווּ מען האָט צונויפגעזאַמלט נישט נאָר מעבל, נאָר דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פון די ייִדן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צום טויט. דאָרטן איז אויך געווען דער זאַמלפּונקט, פון וואַנען מען האָט אונדז געשיקט אַרבעטן אין פאַר־שיידענע אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן.

איינער פון זיי איז געווען דער שנײַדער־וואַרשטאַט פון פראַנטשישעק נאָוואַקאָווסקי, זייער אַן אָנשטענדיקער פּאָליאַק, וועלכן די דײַטשן האָבן „באַזאָרגט" מיט אַרבעט און דערפאַר האָבן זיי אים דערלויבט צו באַשעפטיקן ייִדישע שנײַדערס, וואָס מען האָט יעדן טאָג געבראַכט פון געטאָ. אין דעם וואַרשטאַט האָט אויך געאַרבעט אַ געוויסער קאָוואַלסקי, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט און איז געווען באַפרײַנדט מיט זײַנע ייִדישע מיט־אַרבעטער. האָבן מיר אים אָנגעבאָטן נעמען אונדזער מיידעלע צו זיך. נאָך אַ ייִשוב־הדעת האָבן קאָוואַלסקי און זײַן פרוי מסכּים געווען. פאַר דער צײַט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן מיטן קינד אין אַ בונקער בשכנות פון „מעבל־לאַגער" און באַוויזן צו באַזאָרגן זיך מיט אַ קינדער־וועגעלע ווי אויך מיט עטלעכע העמדלעך און קליידלעך.

איך געדענק גענוי: דאָס איז געווען דעם 14טן יאַנואַר 1943. דער פראָסט האָט געברענט. כ׳בין אַרויס מיטן קינד, פאַרשטייט זיך, נאָך דעם

ווי כ'האָב עס ווידער איַינגעשלעפּערט מיט לומינאַל. צו דער באַשטימטער שעה איז געקומען קאַוואַלסקיס פרוי. איך האָב זי פריִער נישט געקענט. כ'האָב איר איבערגעגעבן דאָס ווערגעלע מיטן קינד, אַ פּעקעלע מיט אַ ביסל זאַכן. קוים באַוויזן איר צו זאָגן וואָס זי זאָל טאָן, ווען דאָס קינד וועט זיך איבערוועקן...

יאַדזשע ברענער רײַסט פּלוצעם איבער איר דערציילונג. אין צימער הערשט אַ טויטע שטילקייט. איך קען די דאָזיקע פרוי לאַנגע יאָרן, ווי אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, און איצט זע איך זי צום ערשטן מאָל אין אַ צושטאַנד פון צוזאַמענבראַך. כ'פיל זיך שולדיק: דערצו האָב איך זי געבראַכט מיטן אַרויסרופן די זכרונות פון יענע טעג. ס'איז פאַרבײַ אַ ווײַלע, זי באַהערשט זיך און דערציילט ווײַטער:

— דאָס איז געווען נאָר דער אָנהייב. אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר באַקומען אַן אַלאַרמירנדיקע ידיעה: קאַוואַלסקי האָט צוריקגעבראַכט דאָס קינד צו נאַוואָקאָווסקין און מען דאַרף עס וואָס גיכער צונעמען. און געשען איז עס אַזוי: ווען די פרוי קאַוואַלסקי האָט געבראַכט לילין צו זיך, האָט זי געזאָגט די שכנים, אַז ס'איז אַ קינד פון אירע קרובים פון זאַמאָשטש. אין יענע טעג האָט מען פאַרטריבן טויזנטער פּאַליאַקן פון דער דאָזיקער שטאָט, און דאָס האָט געדאַרפט אויסזען ווי אַ גוטער תירוץ. אויפן צווייטן טאָג האָבן אָבער די שכנים גענומען רעדן צווישן זיך, אַז ס'איז אַ ייִדיש קינד. „מען זעט דאָך עס אין די אויגן פונעם מיידעלע", האָבן זיי גערעדט צווישן זיך. איינע האָט נישט נאָר גערעדט, נאָר גענומען שרײַען אויפן קול, אַז זי וויל נישט ריזיקירן מיט איר לעבן צוליב אַ ייִדישן „בענקאַרט" (ממזר). זי האָט געטענהט, אַז די דײַטשן וועלן חרוב מאַכן דאָס גאַנצע הויז מיט אַלע איַינוווינער. זי האָט אַפילו נישט בדעה צו וואַרטן ביז זיי וועלן קומען, נאָר וועט אַליין אַוועק אין געסטאַפּאָ און מעלדן. אין דער לאַגע האָבן די קאַוואַלסקיס מורא געקריגן. דעמאָלט איז אומגעריכט געקומען, ממש ווי פון הימל, די טאָכטער פון נאַוואָקאָווסקין, אירענע.

אירענע לאָזט אונדז הערן איר געשיכטע:

— בעת דער אָקופּאַציע האָב איך געוווינט אין סטאַלאָוואַ־וואָלאַ, ווו מײַן מאַן איז געווען באַשעפטיקט אין איינער פון די דאָרטיקע אונטער־

נעמונגען. פון דער אַרבעט האָט מען דעמאָלט נישט געקאָנט לעבן, און ס'איז פּשוט נישט געווען וואָס צו עסן. גענייטיקט האָט מען שמוגלען לעבנסמיטל פון דאָרף. אין אַ יאַנואַר־טאָג פון 1943 בין איך געפאָרן אין דאָרף אײַנ־האַנדלען פּראָדוקטן. אויף דער סטאַציע „וואַרשע־מערב״ האָט מען פאַר־האַלטן דעם צוג. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ „לאַפּאַנקע״. צום גליק האָב איך באַגעגנט אַ באַקאַנטן באַן־קאָנדוקטאָר, וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט פון דעם וואַגאָן און אַרײַנגעזעצט אין אַ צווייטן צוג וואָס איז געגאַנגען קיין טשענסטאָכאָוו. דאָרט האָבן געוווינט מײַנע עלטערן. ווען איך בין אַרײַן צו זיי אין שטוב, אַן איבערגעשראָקענע פון די איבערלעבענישן, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ מיידעלע, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט שרעק. דעם אויסדרוק פון אירע אויגן וועל איך אַוודאי קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגערופן „מאַמע!״ כ'בין דעמאָלט געווען שטאַרק רעליגיעז, אַפילו אָבער־גלויביש. האָב איך פאַרבונדן די צוויי געשעענישן — מײַן ראַטעווען זיך פון דער „לאַפּאַנקע״ און די באַגעגעניש מיטן ייִדישן קינד. כ'האָב געזען אין דעם אַ צייכן פון הימל, אַז גאָט האָט מיך באַשטימט צו ראַטעווען דאָס קינד פאַר יעדן פּרײַז. כ'האָב נישט אָנגעפרעגט מײַן מאַן. ס'איז נישט געווען קיין צײַט דערויף. אין באַגלייטונג פון מײַן ברודער בין איך אַהיימגעקומען מיטן קינד אויף די הענט.

פון דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ לעבן, וואָס איז געווען פול מיט פרייד פאַרן קינד און נאָכאַנאַנדיקן אומרו פאַר די דערוואַקסענע.

איין מאָל איז מײַן מאַן, אַ צעטראָגענער, געקומען פון דער אַרבעט און געזאָגט, אַז מיר מוזן וואָס גיכער זיך אײַנפּאַקן און לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, כּל־זמן ס'איז נישט שפּעט. דעם זעלבן טאָג זענען מיר שוין געווען אין טשענסטאָכאָוו, בײַ מײַנע עלטערן. אויף צו מאָרגנס איז טאַקע געקומען די געסטאַפּאָ זוכן בײַ אונדז דאָס קינד... ווער ס'האָט געמסרט, האָבן מיר קיין אָנונג נישט געהאַט. מיר האָבן אָבער געלערנט, אַז מען מוז קריגן פאַרן מיידעלע אַן „אַרישן״ דאָקומענט, אין וועלכן עס זאָל זײַן קלאָר געשריבן, אַז איך בין איר מאַמע.

אונדזער אַ פרײַנד, קאַשני, האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרײַנצוקו־

מען אין געטאָ. דורך אים האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט די ברענערס און געפרעגט, צי זיי זענען מסכים מיר זאָלן דאָס קינד שמדן. כאָטש איך בין געווען אַ שטאַרק גלייביקע, און אפשר טאַקע דערפאַר, האָב איך דאָס נישט געוואָלט טאָן אָן דער צושטימונג פון די עלטערן. זיי האָבן מסכים געווען. כ'בין אַוועק צו אַ גלח, וועלכן איך האָב געקענט ווי אַן אָנשטענדיקן מענטש און שונא פון די נאַציס. ער האָט אויפן אָרט דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן, און איך האָב באַקומען אַן אָריגינעלע מעטריקע, אין וועלכער איך האָב פיגורירט ווי די מאַמע פונעם מיידעלע מיטן נאָמען יוליטאַ. מיטן דאָזיקן דאָקומענט האָב איך זיך געפילט זיכערער, אָבער קיין מנוחה האָבן מיר ווײַטער נישט געהאַט. עס האָבן נישט געפעלט קיין בייזע צינגער.

— ניין, איך האָב פריִער נישט געקענט די ברענערס. כ'האָב זיך באַקענט מיט יעדערן פון זיי באַזונדער, ווען זיי פלעגן זיך אַרויסגנבענען פון געטאָ צו זען דאָס קינד.

די לעצטע ייִדן פון טשענסטאָכאָווער געטאָ זענען געווען פאַרשפאַרט אין לאַגער „האַסאַג". אין אים האָט מען איבערגעלאָזט אַ ביסל ייִדן אויס־צופירן די שווערסטע אַרבעטן. דאָרטן זענען אויך געווען באַשעפטיקט פּאָליאַקן. צווישן זיי — דער אויבן דערמאָנטער קאַשני. דורך זײַן פאַרמיט־לונג האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די ברענערס, און אין אַ באַשטימטער שעה פלעג איך מיטן קינד פאַרבײַגיין דעם לאַגער. האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט צו זען זייער קינד דורך דער דראָטן־פאַרצוימונג. ווי לאַנג דאָס איז נאָר געווען מעגלעך האָב איך אָנגעהאַלטן דעם דאָזיקן אויסטערלישן קאָנטאַקט מיט די עלטערן. איין מאָל האָב איך זיי אַפילו געשיקט אַ פאָטאָ פון קינד, פאַרשטייט זיך — נאָר אויף אָנצוקוקן. דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, האָט עס קאַשני צוריקגעבראַנגט. אָט איז דאָס דאָזיקע בילד...

אירענע אָגניעווסקאָ עפנט פאַר מיר אַן אַלבאָם מיט אַ סך בילדער, פון וועלכע עס שיינט אַרויס אַ צעשמייכלט פנימל מיט צוויי גרויסע שוואַר־צע אויגן פון אַ חנודיק מיידעלע. אירענעווישט דיסקרעט אויס די אויגן...

— די צעשיידונג?.. קיין צעשיידונג מיט מײַן לילין איז פאַקטיש נישט געווען ביז זי איז אַוועק קיין ישראל. אַפילו איצט קאָן מען דאָס נישט באַצייכענען ווי אַ צעשיידונג, ווײַל מיר זענען אין שטענדיקער פאַרבינדונג,

אָבער לאָמיר איַיך דערציילן ווי אַזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען, וויַיל דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט.

דעם 17טן יאַנואַר 1945 איז טשענסטאָכאָוו באַפֿרייַט געוואָרן. איך בין אַרויס אין גאַס כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס ס'איז געשען מיט די ברענערס. דעמאָלט האָבן מיר זיך באַגעגנט. גלייַך פֿון לאַגער זענען זיי געקומען זען דאָס קינד. ווי די באַגעגעניש האָט אויסגעזען איז שווער איבערצוגעבן. אונדזערע באַציִונגען זענען ביז הייַנט אַזעלכע נאָענטע, פֿאַמיליאַרע, אַז איך קאָן איַיך זאָגן דעם גאַנצן אמת וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט; פֿון איין זיַיט די פֿרייד, אַז זיי לעבן, פֿון דער אַנדערער זיַיט דער באַוווּסט־זייַן, אַז זיי וועלן צונעמען דאָס קינד...

טאָג־טעגלעך פֿלעגן זיי קומען צו מיר. וועגן אָפּנעמען דאָס קינד האָט קיינער נישט געהאַט דעם מוט צו דערמאָנען. יעדער וויזיט האָט זיך געענ־דיקט דערמיט, וואָס זיי און איך האָבן זיך גוט אויסגעוויינט.

צו ווּעמען געהערט לילי?.. די דאָזיקע פֿראַגע האָט מיך געפּייַניקט אָן אויפֿהער, כאָטש פֿון ערשטן מאָמענט האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס דער ענטפֿער וועט זייַן. איך האָב גענומען ביסלעכווייַז צוגעווינען לילין צו דער נייַער סיטואַציע. נאָך עטלעכע חדשים איז דאָס קינד אַריבער צו די עלטערן.

צו ערשט איז אונדז אַלעמען געווען זייער שווער. דאָס מיידעלע האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי לייַכט איַינלעבן אין די נייַע באַדינגונגען. כּמעט יעדן טאָג האָב איך זי געמוזט באַזוכן, ספּעציעל אין אָוונט פֿאַרן איַינשלאָפֿן. מיר ביידע, איך און יאַדזשע, זענען געווען פֿאַרצווייפֿלט. מיט דער צייַט האָט זיך אַלץ איַינגעשטעלט. דאָס קינד האָט משלים געווען דערמיט, אַז איך בין די מאַמע אירענע און די פֿרוי ברענער איז די מאַמע יאַדזשע. אַזוי איז עס אַגב פֿאַרבליבן ביזן הייַנטיקן טאָג...

לילי איז הייַנט אַ ביאָ־כעמיקערין אין איינעם פֿון די באַקאַנטע שפּי־טאָלן אין ישׂראל. זי האָט אויפֿגעשטעלט אַ משפּחה און האָט צוויי באַחנטע מיידעלעך.

וואַרשע—בת־ים, 1980—1966

אַ חלום

— וואָס, איר גלייבט נישט אין קיין חלומות? — האָט מיך געפרעגט די פרוי, וואָס איך האָב צופעליק באַגעגנט אין דער באַן, אויפן וועג פון קאַטאָוויץ קיין וואַרשע. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אויסגעדריקט מילדקייט און טרויער. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי טראָגט אין זיך אַ בינטל זכרונות וואָס דריקן איר אויפן האַרץ און צווינגען אַראָפצורעדן זיך, האָפנדיק אַז דאָס וועט ברענגען אַ דערלייַכטערונג.

אין אַ ווייַלע אַרום האָט זי דערגעבן:

— איך פאַרשטיי, מייַן פראַגע קאָן פאַר אייַך קלינגען נאַיִוו. אָבער עס געשעט צו מאָל אינעם לעבן פון אַ מענטש, אַז עס קריצט זיך אים איין אין זכרון אַ חלום, וועלכן ער קאָן נישט פאַרגעסן. נאָך מער. מיט דער צייַט דאַכט זיך אים, אַז דער חלום האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפעה אויף זייַן לעבן. אַזאַ געשיכטע האָט געטראָפן מיט מיר. צייַט האָבן מיר דאָך גענוג. אויב איר האָט אַ ביסל געדולד, איז הערט.

אָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן זיך פאָרצושטעלן. מייַן נאָמען איז פאַניע ראַבינאָוויטש. איך שטאַם פון שטעטל מאַשטשיסק, עטלעכע צענדליק קילאָ־מעטער פון לעמבערג, וואָס איז נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה אין 1939 פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוועטן. מיר האָבן געוווינט אויפן ראַנד פון שטעטל. מייַנע עלטערן האָבן דאָרטן געהאַט אַ שטיקל נחלה, אַן אייגן הייַזל. מיט די פוילישע און אוקראַיִנישע שכנים האָבן מיר געלעבט בשלום, מיט עטלעכע אַפילו — אין פרייַנדשאַפט. אָנהייב 1941 איז מייַן פאָטער געשטאָרבן. ער האָט געהאַט מזל, געקומען צו קבר־ישראל. עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן זיך אין אונדזער שטעטל אַרייַנגעריסן די היטלעריס־טישע האָרדעס. דעמאָלט טאַקע איז מיר צו חלום געקומען מייַן טאַטע, עליו־השלום. אונדזער „באַגעגעניש" איז פאָרגעקומען אין אויסטערלישע באַדינגונגען. אין עפּעס אַ פינצטער קעלער־שטיבל, מיט קליינע שפּאַרעס

אַנשטאָט פענצטער. ער איז געלעגן אויף אַן אײַזערן בעטל, וואָס איך האָב קיין מאָל אין לעבן נישט געהאַט געזען. דער טאַטע איז געווען שווער קראַנק און מיט די לעצטע כּוחות האָט ער מיך אַרומגענומען. כ׳האָב שטאַרק גע־ווינט און ער האָט מיך געטרייסט: „ווײן נישט קינד מײַנס, וועסט אַלץ איבערלעבן״. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם חלום גלײַך פאַרגעסן, ביז...

כּדי איר זאָלט פאַרשטיין די אומשטאַנדן, וואָס האָבן נאָך אַ לענגערע צײַט מיר דערמאָנט אין דעם אָ חלום, מוז איך אײַך איבערגעבן אַלץ גענוי. שרעקט אײַך נישט, דאָס וועט נישט נעמען קיין סך צײַט, יעדן פאַלס מיר וועלן באַווײַזן ביזן אָנקום קיין וואַרשע.

דאָס איז געווען אין אײנעם אַ מאָנטיק. די דאַטע געדענק איך נישט, כ׳ווייס נאָר אַז דאָס איז געווען האַרבסטצײַט. מאָנטיק איז שטענדיק געווען בײַ אונדז אַ מאַרקטאָג. באַגינען האָבן מיר באַמערקט, אַז די פּויערים קערן זיך אום אין פּאַניק. זיי האָבן דערציילט, אַז דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט עס־עס און אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען צו זייער דינסט. פון פאַרשיידענע זײַטן האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ. מיר האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַטײַט. די מאַמע איז געווען שוין קרוב צו די זיבע־ציקער. די שוועסטער איז געלעגן קראַנק און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. איך מיט מײַן ברודער זענען אַנטלאָפן אין שכנותדיקן וואַלד, יעדערער אין אַ צווייטער ריכטונג. כ׳ווייס שוין נישט צי דאָס איז געווען מיט דער אויסרעכענונג, אַז אפשר וועט כאָטש איינער פון אונדז זיך ראַטעווען. ס׳זענען אָבער געווען אַ סך אַזעלכע ווי מיר, און אין וואַלד האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל יידן.

אויפן שטעטלשן בית־עלמין האָבן די היטלעריסטן צוזאַמענגעטריבן די אָרטיקע יידן. זקנים און קינדער זענען באַלד דערשאָסן געוואָרן. די לעבנגעבליבענע האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, וואָס איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ שטרענגער וואַך.

מיר האָבן געהאָפט, אַז אין וואַלד וועלן מיר איבערוואַרטן די אַקציע. פּאַר נאַכט זענען אָבער פון שטעטל אָנגעקומען יונגע כוליגאַנעס, אונדזערע אייגענע שכנים, און גענומען זוכן די אויסגעבאַהאַלטענע יידן. איך האָב זיך געהאַט אײַנגעגראָבן צווישן קוסטעס און געזען ווי מען טרײַבט אַרויס

די ייִדן פון וואַלד. נישט ווײַט פון מיר איז געווען אויסבאַהאַלטן אַן עלטערע פרוי. כ'האָב געהערט ווי זי האָט דערקענט דעם שייגעץ וואָס איז געקומען זי נעמען, אים גערופן בײַם נאָמען און זיך געבעטן ניט טשעפּען זי: „וואַניאַ, דאָ וויד טאָ יאָ!" (וואַניאַ, דאָס בין איך דאָך). זי האָט טײַער באַצאָלט פאַר איר נאַיִוון גלייבן אין מענטשן. ער האָט זי דערהרגעט אויפן אָרט אויף אַן אַכזריותדיקן אופן. מיר האָט אָפּגעגליקט. שטעלט אײַך פאָר, די רוצחים זענען עטלעכע מאָל פאַרבײַ דאָס אָרט ווי איך בין געלעגן, געגנישטערט מיט שטעקנס און מיך נישט באַמערקט.

אַזוי בין איך אָפּגעלעגן ביז ס'איז געוואָרן פינצטער. ווען די כוליגאַנעס האָבן געהאַט פאַרענדיקט זייער בלוטיק שטיקל אַרבעט, און קיינער האָט זיך נישט געזען, האָב איך באַשלאָסן צוצוגיין צו אַ באַקאַנטן פויער, וואָס האָט געוווינט אויף דער צווייטער זײַט טײַך. איבער דער בריק האָב איך מורא געהאַט צו גיין, ווײַל דאָרטן איז געשטאַנען אַ דײַטשישע וואַך, בין איך אַרײַן אין וואַסער. די זעלנער האָבן ווײַזט אויס דערהערט דעם רעש און גענומען שיסן אין מײַן ריכטונג. צום גליק האָבן זיי נישט געטראָפן און אויך מיך נישט באַמערקט. האָב איך זיך צוריקגעצויגן און זיך אומגעקערט אין וואַלד אַרײַן. די דורכגענעצטע קליידער האָבן גענומען צופרירן צום לײַב. כ'האָב געפילט, אַז אויב איך וועל דאָ בלײַבן, קום איך אום. האָב איך זיך געלאָזט מיטן וועג אַהיים. דאָרטן איז שוין אָבער קיינער נישט געווען. ממש מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך דערשלעפּט צו אונדזערן אַ קריסטלעכן שכן, מיכאַל מאַרטשינישין, וועלכן מיר האָבן גערופן — מישקע. ווען כ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז בײַ אים שלאָפט מען שוין, האָב איך פּאַוואָליע געעפנט די שטאַל און זיך פאַרשטעקט אין היי. כ'האָב זיך אַ ביסל דערוואַרעמט און אײַנגעשלאָפן. איר קענט זיך פאָרשטעלן מישקעס מינע, ווען ער האָט אין דער פרי דערזען אין שטאַל זײַן אומגעריכטע אורחטע. מישקע איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ. ער האָט מיך אויסבאַהאַלטן אויף זײַן בוידעם, געגעבן עסן, כאָטש אַליין האָט ער נישט געהאַט צו פיל.

כ'וואָלט אפשר געקאָנט בײַ אים בלײַבן אַ לענגערע צײַט, ווען נישט די געטרײַשאַפט דווקא פון אַ חיה. בײַ אונדז אין שטוב האָבן מיר געהאַדעוועט אַ הונט. ווי געוויינטלעך איז ער געווען זייער צוגעבונדן צו יעדערן פון אונדז.

ווען די דײַטשן האָבן צוגענומען די מאַמען, די שוועסטער און דעם ברודער, האָט דער הונט געבלאָנקעט אַרום אונדזער פֿאַרלאָזטן הויז. איצט האָט ער מיך אויסגעשפּירט אויפֿן בוידעם, און מען האָט אים נישט געקאָנט פֿאַר־טרײַבן. גאַנצע טעג און נעכט איז ער געשטאַנען בײַ דער שטאָל און געוויעט. די שכנים האָבן דאָס באַמערקט און גענומען איבעררעדן, אַז דער הונט האָט דערשפּירט עמעצן פֿון זײַנע באַלעבאַטים.. דאָס איז געווען גענוג, איך זאָל מוזן גלײַך פֿאַרלאָזן מײַן אויסבאַהאַלט.

פֿון מײַן דאָזיקן מקום־מיקלט האָב איך אָבער אַ סך געלערנט. ערשטנס האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז מען קאָן זיך אויסבאַהאַלטן. צווייטנס, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, במשך פֿון די עטלעכע טעג האָב איך באַוויזן זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט מײַנער אַ פֿרײַנדין, פּראַטשישקאַ גאַליק, וואָס האָט מיר געגעבן איר מעטריקע, אויסגעשטעלט דורך דער קאַטוילישער פּאַראַפֿיע. מיט דעם דאָקומענט און צעריסענע שיך, איבערגעבונדענע מיט בענדלעך, האָב איך זיך געלאָזט זוכן גליק אין לעמבערג. כ'האָב געהאָפֿט צו באַקומען הילף בײַ אַ פֿרײַנדין פֿון מײַן שטעטל, אַ געוויסע יוזעפֿע ליסאַק. זי האָט מיך טאַקע נישט אַנטוישט און איר האָב איך אין אַ גרויסער מאָס צו פֿאַר־דאַנקען מײַן לעבן.

אָבער ביז איך בין צו איר אָנגעקומען איז אויפֿן וועג עפּעס געשען. כ'האָב מורא געהאַט צו ריזיקירן פֿאָרן מיט דער באַן, ווו עס זענען געווען כסדר קאָנטראָלן. האָב איך זיך געלאָזט צו פֿוס. אין האַלבן וועג האָב איך געפֿילט, אַז עס גייען מיר אויס די כוחות. געמיינט האָב איך: דאָ, עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פֿון דער היים, וועט מיך שוין קיינער נישט דערקענען. האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט אין באַן צווישן פּויערטעס, וואָס זענען געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן האַנדלען מיט פּראָדוקטן. ווי נאָר איך בין אַרויס אויף דער סטאַציע אין לעמבערג, האָבן מיך פֿאַרטשעפּעט אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן. די דײַטשן וואָלט אין לעבן נישט אײַנגעפֿאַלן צו קאָנטראָלירן, צי איך בין אַ ייִדישע. די אוקראַיִנער, און ס'האָבן נישט געפֿעלט אויך אַזעלכע פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין כאַפּן ייִדן, האָבן דערקענט אַ ייִד אויף אַ מײַל. כ'האָב אַפֿילו נישט געפּרוּווט ווײַזן „מײַן" קאַטוילישע מעטריקע, מיינענדיק אַז דאָס קאָן מײַן מצב פֿאַרערגערן. געענדיקט האָט זיך דערמיט,

וואָס זיי האָבן מיך אָפּגעפּירט אין געטאָ אַרײַן. דאָרטן האָט מען מיך צוגע־טײלט צו אַ גרופּע פרויען, וועלכע מען האָט געפירט אויף אַרבעט אין שטאָט. האָבנדיק ביי זיך אַ שטיקל „אַרישן" דאָקומענט, וועלכן כ'האָב געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, האָב איך ניט אויפגעהערט טראַכטן ווי אַזוי זיך אַרויס־צורייסן. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געשאַפן, נאָך גיכער ווי איך האָב געהאָפט.

ביים פירן אונדז צו דער אַרבעט, פלעגן אונדז אַרומרינגלען הענדלער, וואָס האָבן געוואָלט אַרויסבאַקומען עפּעס פון דעם, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן ביי די ייִדן. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן אין פאַרשטענדיקונג מיט דער וואַך, וואָס האָט באַקומען איר חלק פון מיסחר. פאַר גרויסע געלטער אָדער ווערטזאַכן האָט מען געקאָנט קריגן אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל פעטס, אָדער אַנדערע שפּייזפּראָדוקטן.

נאָך אַ לענגערער אָבסערוואַציע, האָב איך אויסגענוצט אַ געלעגנהייט. כ'בין אַרויס פון דער ריי, אַריינגעמישט זיך צווישן די הענדלער און פאַר־שוווּנדן. כ'בין גלייך אַוועק צו מיינע באַקאַנטע, יוזעפאַ ליסאַק און איר מאַן האָבן מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענע שוועסטער. געהאָלפן, וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט. זיי זענען נישט געווען קיין פאַרמעגלעכע מענטשן, און לאַנג אויפהאַלטן זיך ביי זיי איז געווען אוממעגלעך. זיי האָבן געוווינט אין אַ קליין צימערל. אַחוץ דער ענגשאַפט, איז עס געווען פאַרבונדן מיט אַ סכנה, ווייל ווער ס'איז אַריינגעקומען האָט מיך גלייך דערזען. נישט געווען ווו זיך צו באַהאַלטן. האָב איך זיך איבערגעטראָגן צו זייער טאָכטער. אָבער אויך דאָרטן איז נישט געווען זיכער. אַגב, איך האָב געמוזט טראַכטן וועגן געפינען מיטלען אויף אויסקומעניש. צום גליק האָב איך באַגעגנט דעם אויסערגע־וויינטלעכן מענטש, וועלכן כ'האָב שפּעטער גערופן נישט אַנדערש ווי — טאַטע. אַ דאַנק אים בין איך ווי אויף ס'ניי געבוירן געוואָרן. דאָס איז געווען יאַן האַרבאַטי, דער הויזוועכטער פון בנין אויף דער כאַרקאָווער גאַס נר. 10 אין לעמבערג.

איך מוז איבערחזרן זיינע ווערטער: „איך בין אַן אוקראַינער, די מאַמע (געמיינט זיין פרוי) איז אַ פּוילישע און דו — אַ ייִדישע, וועלן מיר לעבן ווי נח אין דער תבה, פון יעדן מין, און אַזוי וועלן מיר יאַקאַש צוזאַמען איבערהאַלטן דעם מבול".

אמת, זײַן פרוי האָט נישט געוווסט, אַז איך בין אַ ייִדישע, און נישט דערפֿאַר וואָס זי וואָלט נישט מסכּים געווען מיך אויסצובאַהאַלטן. ער האָט פּשוט מורא געהאַט זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט פֿאַר שכנים.

געהייסן האָט עס, אַז איך בין אַ ווײַטע קרובה, געקומען פֿון דאָרף. איך האָב אים געהאָלפֿן רייניקן דעם הויף און אויסגעפֿירט אַנדערע אַרבעטן פֿון אַ הויזוועכטער. יאַן האַרבאַטי האָט זיך פֿאַרנומען אויך מיט לאַטען שיך. פֿון דעם האָבן מיר פּאַקטיש אַלע זיך אויסגעהאַלטן. פֿאַרבײַ דרײַ חדשים און די „גליקן" האָבן זיך געענדיקט. ווי אַלץ אין יענער צײַט, איז דאָס אויך געקומען צופֿעליק. אַ שכנה האָט באַקומען אַן אויפֿפֿאָדערונג צוצושטעלן זיך צום אַרויספֿאָרן אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. זי איז אין כּעס געוואָרן און אויסגעלאָזט איר כּעס צו מיר, שרײַענדיק איבערן גאַנצן הויף, אַז בײַ האַר־באַטין האַלט זיך אויף אַ ייִדישקע, וועלכע קיינער טשעפּעט נישט און זי, אַ ריינע קריסטין, שיקט מען אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך אין בהלה געמוזט זיך אָפּטראָגן.

מײַנע אַפּוטרופּסים האָבן מיך פֿאַרזאָרגט מיט אַ פּאָסטן פֿון אַ דינסט בײַ אַ פֿאָלקע, וואָס האָט געוווינט אין אַ צווייטער געגנט פֿון שטאָט. זי האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט ספּעקולאַציע און משמעות אויך געהאַנדלט מיטן אַנ־געראַבעוועטן האָב־און־גוטס פֿון די אויסגעהרגעטע ייִדן. געווען איז זי אַ גרויסע אַנטיסעמיטקע און אַ שלעכטער מענטש פֿון דער נאַטור. זי פֿלעגט פֿעסטשטעלן יעדן טאָג, וואָס איך האָב צו טאָן, און אַלע מאָל באַשטימט אַזוי פֿיל, איך זאָל בײַ דער אַרבעט אויסשפּײַען די נשמה. אויב אָבער איך האָב נישט באַוויזן אַלץ אָפּצוטאָן, האָב איך דעם טאָג נישט באַקומען קיין עסן. האַרבאַטי פֿלעגט מיר דאָרטן באַזוכן ווי אַ קרובֿ, כּדי נישט צו וועקן קיין חשד לגבי מיר. בעת איינעם אַזאַ באַזוך האָב איך אים אויסגעדערציילט מײַנע לײַדן און געזאָגט, אַז איך האָב בכלל מורא פֿאַר דער באַלעבאָסטע. האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן פֿאַר מיר אַ באַהעלטעניש בײַ זיך אין הויז.

האַרבאַטי האָט געוווינט אין אַ קעלערשטוב, ווי ס'איז געווען אָנגענומען פֿאַר הויזוועכטער אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. אין זעלבן קאָרידאָר האָט זיך געפֿונען אַ קעלער ווו ער האָט געהאַלטן זײַנע פֿאַרשיידענע מכשירים. אין דאָזיקן קעלער איז געווען אַ נישע און איבער איר — שטיגן. האַרבאַטי האָט

פֿאַרשטעלט די נישע מיט ברעטער, אויסגעבעט אַ ביסל שטרוי און דאָ האָב איך געדאַרפֿט בלײַבן.

מיר איז געווען זייער ביטער. שטאַרק האָט דענערווירט דאָס פּויקן פֿון די פּיס איבער די שטיגן. יעדער טראָט האָט אָפּגעהילכט אין מײַן מוח, ווי מען וואָלט אַרײַנגעקלאַפּט מיר טשוועקעס אין קאָפּ. דערבײַ האָב איך זיך געמוזט אויסהיטן נישט צו געבן קיין הוסט, קיין קרעכץ, קיין העכערן נאָס, ווײַל אַלץ האָט זיך געהערט אויף די שטיגן. די גאַנצע צײַט האָב איך געמוזט זיצן, נישט געווען ווו אויסציִען די פּיס. אויפֿשטעלן זיך האָט מען אויך נישט געקאָנט. נאָר אַ מענטש געווינט זיך צו צו אַלץ.

דאָס ערגסטע איז געווען וואָס איך האָב געהאַט צו פֿיל צײַט צו טראַכטן וועגן מײַן גורל. און די אײַנזאַמקייט! כ׳האָב געבענקט נאָך אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש. איין מאָל האָט זיך בײַ מיר באַוויזן אַ פֿליג. שטעלט איר זיך נישט פֿאָר, ווי איך האָב זיך מיט איר דערפֿרייט! איך האָב ממש געציטערט פֿאַר איר לעבן ווי להבדיל אַ מאַמע איבער אירס אַ קינד... דאָס זעט אײַך אפֿשר אויס קאָמיש, אָבער אַ מענטש אין אַזאַ לאַגע ווי איך בין געווען, קאָן נישט טראַכטן מיט נאָרמאַלע קאַטעגאָריעס, אַניט וואָלט ער נישט אויס־געהאַלטן.

וואָס שייך עסן, פֿרעגט איר? אוי, האָט זיך דער אַלטער יאַן אַנגעליטן מיט מיר! אַליין האָט ער געלעבט אין נויט. יעדער ביסן איז געווען געוויגן און געמאָסטן. דערצו נאָך האָט ער מײַן עסן געמוזט גנבענען פֿונעם ווײַב, וואָס האָט נישט געוווּסט פֿון אונדזער סוד. געווען איז עס אַזוי. שפּעט בײַ נאַכט, ווען די אַלטיטשקע פֿלעגט אײַנשלאָפֿן (זי איז געווען אַ סך עלטער פֿון אים), פֿלעגט ער נעמען אַ טייל פֿון זײַן אייגענעם אָונטברויט, און מיר אַרײַנטראָגן אין באַהעלטעניש. אויך די פֿרוי ליסאַק פֿלעגט צושיקן פֿון צײַט צו צײַט אַ ביסל זופּ און איין מאָל אין וואָך אַ ברייטל.

די אַלטיטשקע האָט לסוף עפּעס באַמערקט און באַשלאָסן צו אָבסערווירן דעם מאַן. זי איז געווען אייפֿערזיכטיק און אים חושד געווען, אַז ער טראָגט אַרויס דאָס עסן פֿאַר אַ פֿרעמדער פֿרוי. איין מאָל האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זי שלאָפֿט, און ווי נאָר ער האָט גענומען דאָס טעפּל עסן און געגאַנגען צום קעלער, איז זי אין דער שטיל אַרויס נאָך אים, און ס׳האָט

זיך אָנגעהויבן צווישןביידן אַ קריגערײַ. ער האָט זי קוים באַרויִקט. אויפֿן צווייטן טאָג, גאַנץ פֿרי, ווען ער איז אַוועק אין צערקווע האָט זי געמאַכט אַ רעוויזיע אין קעלער און מיך געפֿונען. האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. ס'האָט איר ווי געטאָן, הלמאַי מיר האָבן געהאַלטן פֿון איר דעם סוד.

דערזעענדיק מײַן צושטאַנד, האָט זי קודם־כּל געבראַכט מיר אַ שיסל וואַרעם וואַסער. איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן דעם טעם פֿון אויסוויקן די פֿיס אין וואַרעם וואַסער נאָך עטלעכע חדשים ליגן אין אַ פֿינצטערן קעלער?

דאָס וואָס די אַלטיטשקע האָט אויפֿגעדעקט אונדזער סוד, האָט געהאַט פֿאַר מיר גוטע פֿאָלגן. איין מאָל אין וואָך, פֿון שבת בײַ נאַכט ביז זונטיק אין אָוונט, ווען קיין פֿרעמדע מענטשן פֿלעגן נישט קומען, האָב איך געמעגט אַרויפֿגיין אין שטוב.

יאַן פֿלעגט שמועסן מיט מיר. ער האָט מיר איבערגעדערציילט דעם אינהאַלט פֿון פֿאַרשיידענע ביכער. קיין סיסטעמאַטישע בילדונג האָט ער נישט געהאַט, אָבער איז געווען אַ גאַנץ אַנטוויקלטער מענטש, אַ סך געלייענט. ער פֿלעגט תּמיד איבערחזרן: „מײַן קינד, עס זענען נישטאָ קיין סך פֿעלקער. פֿאַראַן זענען בלויז צוויי — אַ פֿאָלק פֿון גוטע מענטשן און אַ פֿאָלק פֿון שלעכטע". ער גופֿא האָט פֿאַרקערפּערט די ערשטע.

איר וועט אַוודאי פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ שײַכות דאָס אַלץ האָט צום חלום, וועגן וועלכן איך האָב דערמאָנט בײַם אָנהייב? מיר האָבן זיך אַזוי פֿאַר־רעדט, אַז איך האָב שיִער נישט פֿאַרגעסן דעם עיקר.

זעט איר, ווען איך בין ס'ערשטע מאָל אָנגעקומען צו האָרבאַטין אין שטוב, האָב איך בײַ נאַכט נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. מיך האָט געמאַטערט דער געדאַנק, אַז עפּעס איז מיר דאָ באַקאַנט: דאָס שמאָלע אײַזערנע בעטל, אויף וועלכן איך בין געלעגן, דאָס קליינע פֿענצטערל, וואָס איז געווען גלײַך מיט דער ערד און פֿון וועלכן מען האָט נישט געזען דעם הימל, נאָר בלויז די פֿיס פֿון די פֿאַרבײַגייער. האָב איך געפֿרעגט מײַן באַלעבאָס: „זאָגט מיר, איר קענט מיך פֿון לאַנג? ווען בין איך בײַ אײַך שוין געווען?" מיינענדיק, אַז איך בין ניט בײַם פֿולן זינען, האָט מיך האָרבאַטי באַרויִקט: „ביסט דאָ קיין מאָל נישט געווען. שלאָף. ס'וועט דיר איבערגיין"...

מיך האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט צו מאַטערן דער זעלבער געדאַנק.

ערשט נאָך עטלעכע ניט קיין געשלאָפענע נעכט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז געניע אַזוי האָט אויסגעזען אַלץ אין חלום, וועגן וועלכן איך האָב דערמאָנט ביים אָנהייב. דערפאַר טאַקע האָט זיך ביי מיר פאַרשטאַרקט דער גלויבן, אַז דאָ וועל איך אויסהאַלטן. און אַזוי איז עס געשען.

נו, און איצט וווּנדערט איר זיך נאָך אַלץ, הלמאַי איך גלייב אין חלומות ?...

וואַרשע, מאַרץ 1959

ווען די שיל האָט געברענט

בענדין איז איינע פון די עלטסטע שטעט נישט נאָר אין זאַגלעמביע, נאָר אין פוילן בכלל. מיט דער שטאָט זענען פאַרבונדן אַ סך לעגענדעס און היסטאָרישע פאַקטן. מיט דער שטאָט איז אויך פאַרבונדן אַ רײַך קאַפּיטל געשיכטע פון די ייִדן אין פוילן. פאַר מיר, אַ מענטש וואָס האָט דאָ פאַר־בראַכט אַ געוויסע צײַט פון זײַנע קינדער־יאָרן, רופט אַרויס יעדער באַזוך רעמיניסצענסן.

אָט איז דער אַלטער מאַרק, וואָס האָט אַ מאָל געברויזט מיטן טומל פון ייִדן, פון וועלכע ס׳איז קיין זכר נישט געבליבן. הײַנט רופט זיך דער מאַרק — פרײַהייטס־פּלאַץ. אויף זײַן מיזרח־זײַט, צופוסנס פון באַרג, האַרט הינ־טער דעם קאַשטשאָל, האָט זיך אויסגעשפּרייט, ווי אַ גרינער טעפּעך, אַ פרישער סקווער, באַדעקט מיט זאַפטיקע גראָזן. עס שטייען דאָ בענק, אויף וועלכע עס זעצן זיך אָפּרוען די פאַרבײַגייער. עס קומען אַהער מאַמעס מיט קינדער אין די וועגעלעך און, פּונקט ווי אַ מאָל, צעטראָגט זיך פון דאַנען דער אָפּהילך פון קירכן־גלאָקן.

זעלטן ווער אָבער פון די יונגע מענטשן, די נײַע אײַנוווינער, ווייסן וועגן דעם, אַז אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ זענען געשטאַנען הײַזער אין וועלכע ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט די גרויליקסטע סצענעס אינעם לעצטן אַקט פון לעבן פון זייערע באַוווינער.

נאָך ווייניקער מענטשן ווייסן, אַז נישט ווײַט פון דאַנען ווױנט אַ מענטש, וואָס די געשעענישן פון יענע טעג שטייען אים תמיד פאַר די אויגן און וועלן אים נישט פאַרלאָזן מסתמא ביזן סוף פון זײַן לעבן. צום דאָזיקן מענטש לאָז איך זיך איצט גיין.

ס׳איז אַ בין־השמשות פון איינעם אַ לינדן טאָג פון פוילישן גאָלדענעם האַרבסט, 1960. איך שפּאַן איבערן גרינעם סקווער. מיט שטיינערנע שטיגן הייב איך זיך אַרויף אויפן באַרג. דאָ, אין שאָטן פון הויכן קאַשטשאָל געפינט

זיך אָן איינשטאָקיק הײַזל. עס עפנט מיר די טיר אַן עלטערער, גראָער מענטש אין אַ שוואַרצער סוטאַנע. איך פיל זיך אַ ביסל אומבאַקוועם ווען ער צווינגט מיך, איך זאָל אים לאָזן אָראָפּנעמען פון מיר דעם מאַנטל. נישט אַנדערש נאָר איך מוז דער ערשטער אַריבער די שוועל פונעם צימער.

צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געפין איך זיך אין אַ קאַבינעט, ווו אַלץ איז מיר פרעמד און אומבאַקאַנט. גלײַך בײַם אָנהייב פון אונדזער שמועס פאַרשווינדט אָבער די דיסטאַנץ. כ׳פיל זיך ווי איך זאָל האָבן פאַר זיך אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ פרײַנד.

— איר ווילט שמועסן וועגן יענע טעג, ווען מען האָט אונטערגעצונדן די שיל און געטריבן די ייִדן? — פרעגט דער גלח מיעטשיסלאַוו זאַוואַדזקי. — וואָס קאָן איך אײַך דערציילן?.. — ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זאָגט: — דערציילן הייסט פאַר מיר — ווידער דאָס אַלץ איבערלעבן. דאָס איז נישט לײַכט. אויב אָבער איך האָב מסכּים געווען דערויף, איז עס נאָר צוליב דער אַקטועלקייט פון יענע געשעענישן. צום באַדויערן איז די סכּנה פאַר אײַער פאָלק נאָך נישט פאַרשוווּנדן. ווי אַ גײַסטלעכער מײַד איך אויס צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. די פראַגע אָבער פון מלחמה און שלום, דער גורל פון אײַער פאָלק גייט אַרויס, לויט מײַן מיינונג, פון דער ספערע צו וועלכער עס האָבן אַ רעכט נאָר פּאָליטיקער. דאָס רירט בלויטיק אָן יעדן מענטש. איך פערזענלעך האָב אַ ביטערע דערפאַרונג פון צוויי וועלט־מלחמות...

דער גלח זאַוואַדזקי נישטערט אין זײַנע דאָקומענטן און נעמט אַרויס אַ גרויס בוך מיט שוואַרצע טאָוולען און ווײַזט מיר. דאָס איז די כראָניק פון דער פּאַראַפיע. אונטער דער דאַטע פון 8טן סעפּטעמבער 1939 איז פאַרשריבן:

„דאָס איז געווען שבת אָוונט, שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה. איך בין געזעסן אין מײַן צימער אויף דער פּלעבאַניע. פּלוצעם האָבן זיך דערהערט שטאַרקע אויפרײַסן. ס׳איז דערגאַנגען אַן אָפּהילך פון אַ שיסערײַ. פון אַלע זײַטן האָט מען געזען פײַערצונגען, אַלץ אַרום איז געשטאַנען אין פלאַמען. אַן איבערגעשראָקענע איז אַרײַן מײַן באַלעבאָסטע מיט אַן אויסגעשריי: „מײַן גאָט! די שיל ברענט! מען הרגעט ייִדן!"

און דער גלח גיט איבער פּרטים:

— ווען איך בין אַרויס פאַר דער טיר, האָב איך גלײַך זיך געמוזט וואַרפן אויף דער ערד. פון אַלע זײַטן איז געפאַלן אַ האָגל פון קוילן. דאָס געיאָמער און וויי־געשריי פון די געטריבענע, צעשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע מענטשן, באַזונדערש פון פרויען און קינדער, האָט זיך אויסגעמישט מיטן שרעקלעכן ווויען פון הינט און ווילדע אויסגעשרייען פון דײַטשישע זעלנער: „ראוס! יודען ראוס!". די געשרייען האָט באַגלייט אַ שיסערײַ. דאָס איז געווען אַן אַפּאָקאַליפּטיש בילד פון עפּעס אַ שרעקלעכן יום־הדין. אין פלאַמען זענען געשטאַנען די הײַזער אויף דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, אַרום דער שיל, ביזן סוף פון אַלטן מאַרק, דאָ הינטער דעם קאַשטשאָל. די ברע־נענדיקע הײַזער האָבן אַרומגערינגלט דײַטשישע זעלנער מיט אויטאָמאַטן אין די הענט און געשאָסן צו די מענטשן, וואָס האָבן געפּרוווט לויפן פון די ברענענדיקע שטיבער. הרוגים און פאַרוווּנדיקטע האָבן אין בלוט זיך גע־וואַלגערט אויף די גאַסן. אַ סך האָט מען לעבעדיקע געשלײַדערט אין די פלאַמען. דער איינציקער וועג וועלכן די געטריבענע ייִדן האָבן געהאַט פאַר זיך, איז געווען דאָס געסל וואָס צווישן דער פּלעבאַניע און דעם קאַש־טשאָל. פון דער צווייטער זײַט איז עס געווען פאַרמאַכט מיט אַ הויכן פּאַרקן. יעדערער ווער ס'האָט נאָר באַוויזן, איז געלאָפן אין דער דאָזיקער ריכטונג. געהאַפּט זיך דאָ צו ראַטעווען.

כ'האָב זיך פשוט פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. פון דער פאַרלוירנקייט האָבן מיך אַרויסגעפירט די קינדערלעך, וואָס זענען געלאָפן און געשריִען מיט יאָמערלעכע קולות. אינסטינקטיוו האָב איך זיי געפּרוּווט פאַרהאַלטן. צוויי פון זיי זענען געבליבן שטיין. דאָס קלענסטע האָב איך גענומען אויף די הענט. קוים באַוויזן זיך צו אָריענטירן וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט אויף דעם פּלאַץ הונדערטער מענטשן, מענער און פרויען, קינדער און זקנים. די שרעק האָט צוגענומען בײַ די מענטשן דעם שכל־הישר. די גוואַלדן האָבן געגרייכט ביז צום הימל. ס'איז נישט געווען קיין צײַט צו פאַרטראַכטן זיך. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב די דײַטשן וועלן דערהערן די גוואַלדן, קומען זיי צו לויפן און קוילענען אויס אַלעמען, ביז צום לעצטן. כ'האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איך טאָר נישט פאַרלירן

קיין מינוט. בין איך אַרייַן אין המון און גענומען באַרויִקן די מענטשן, אויסרופנדיק: „איך בין מיט אייַך!" שפּעטער האָב איך זיך איבערצייַגט, אַז דאָס האָט זיי געקאָנט ווייניק העלפֿן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט עס געהאַט אַ השפּעה. די מענטשן האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט. האָב איך געעפֿנט דעם טויער, וואָס פֿירט צום באַרג, און דורך אים האָבן אַלע באַוויזן צו אַנטלויפֿן במשך פֿון געציילטע מינוטן. פֿון יענער זייַט זענען נישט געווען קיין דייַטשן און אַזוי אַרום האָבן די ייִדן אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר שפּעטער נאָך געזעסן אין הויף. דאָס פֿייַער האָט זיך אַלץ מער אויסגעברייטערט און דערגאַנגען שוין צו דער געבייַדע פֿון דער פֿאַראַפֿיע און צום קאָשטשאָל. אַזוי האָבן מיר אויסגעדויערט אין שרעק ביזן פֿאַרטאָג. מייַנע מענטשן אַרום מיר זענען געווען איבערגעשראָקן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די דייַטשן וועלן מיר נישט מוחל זייַן און פֿאַרן ראַטעווען ייִדן וועל איך טייַער באַצאָלן. כ'האָב זיך באמת נישט צו טראַכטן וועגן דעם. אויסערלעך בין איך געווען רויִק, כאָטש געזען האָב איך דעם טויט פֿאַר די אויגן.

צו מאָרגנס, זונטיק גאַנץ פֿרי זענען געקומען צו מיר צוויי דייַטשישע אָפֿיצירן. איך בין געווען איבערצייַגט, אַז מען קומט מיך נעמען פֿאַרן „חטא", וועלכן איך בין באַגאַנגען אין דער נאַכט. זייער איבערזעצער האָט מיר אָבער אויפֿגעקלערט, אַז דאָס פֿאָדערט מען מיך אויסטיילן אַ פּלאַץ אויפֿן צווינטער צו באַגראָבן עטלעכע און פֿערציק מענטשן. מען האָט מיר אויך צו וויסן געטאָן, אַז נאָך הייַנט דאַרף איך זיך מעלדן בייַם קאָמענדאַנט פֿון שטאָט.

איך בין געווען איבערצייַגט, אַז מייַן גורל איז געחתמעט. כ'האָב זיך מתוודה געווען ווי פֿאַרן טויט און בין אַוועק צום קאָמענדאַנט, וועמענס פֿאַמיליע נאָמען איז געווען — אַ, איראָניע פֿון גורל — הייַנע. איך האָב געמוזט מיט אַן אויפֿגעצוווּנגענער רויִקייט אויסהערן זייַנע פֿערפֿידע רייד, ווען ער האָט מיר געזאָגט: „מיר דייַטשן קעמפֿן נישט מיט דער ציווילער באַפֿעלקערונג. די שיסערייַ וואָס איז פֿאָרגעקומען די נאַכט, איז געווען אין רעזולטאַט פֿון אַן איבערפֿאַל מצד אָפּטיילונגען פֿון פּוילישן מיליטער, וואָס איז פֿאַרבליבן אין שטאָט און נישט געוואָלט זיך פֿרייַוויליק אונטערגעבן". ווייַטער האָט ער געזאָגט, אַז דאָס קבר, פֿאַר וועלכן זיי האָבן געפֿאָדערט

אַ פּלאַץ אויפן צווינטער, איז פאַר די דיוועוּרסאַנטן. זיי זענען אין דער נאַכט דערשאָסן געוואָרן פאַר אונטערצינדן די סינאַגאָגע...

דערוויַילע האָט מען מיך אינפאָרמירט, אַז בעת דאָס דײַטשישע מיליטער האָט אונטערגעצונדן די שיל און די אַרומיקע הײַזער צוזאַמען מיט די ייִדישע אײַנוווינער און געשאָסן אויף די וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען, האָבן זיי אין אַ צווייטן טייל שטאָט אַרויסגעצויגן פון די בעטן 42 מענטשן, צווישן זיי זקנים און קינדער, און אָפּגעפירט זיי אין דער קאָמענדאַנטור. דאָרטן האָט מען פאַרשריבן זייערע פאַמיליע־נעמען און געפאָדערט פון זיי אונטערצושרײַבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז דאָס האָבן זיי אונטערגעצונדן די שיל און די אַרומיקע הײַזער, ווי אַ נקמה קעגן דער דײַטשישער מיליטערישער מאַכט. ווען די ייִדן האָבן געפּרוּווט פּראָטעסטירן, האָט מען זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס איז נאָר אַ פאָרמעלער אַקט און דערפאַר וועט זיי קיין האָר נישט געקרימט ווערן. פאַרקערט, ווי נאָר זיי וועלן אונטערשרײַבן, ווערן זיי באַפרײַט. אָבער אַנשטאָט צו באַפרײַען האָט מען זיי אַלע אויסגעשטעלט בײַ דער וואַנט און דערשאָסן. די דערשאָסענע זענען געווען כמעט אויסשליסלעך ייִדן.*

צוויי טעג שפּעטער זענען געקומען צו מיר עטלעכע ייִדישע פרויען און געבעטן, איך זאָל זיי דערלויבן צו עפענען דאָס קבר, אפשר וועלן זיי דערקענען צווישן די דערמאָרדעטע זייערע מענער און איבערפירן זיי אויפן ייִדישן בית־עלמין. און ווידער אַ מאָל די צביעות פון נאַציס. אין דער קאָמענדאַנטור האָט מען די פרויען פאַרזיכערט, אַז זייערע מענער זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד, ווו מען לאָזט זיי פירן געשעפטן... בקרוב וועלן די פרויען באַקומען זייערע אַדרעסן און אַפילו קאָנען זיך פאַראייניקן מיט זיי.

פאַרשטייט זיך, אַז עפענען דאָס קבר איז אין יענע באַדינגונגען געווען נישט מעגלעך. אַגב, וואָס וואָלט דאָס געגעבן אויסער נײַע קרבנות ?...

— מיט צוויי וואָכן שפּעטער בין איך ווידער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן נסיון, — דערציילט ווײַטער דער גלח זאַוואַדזקי אַן אויפגעציר־

---

* דער מאַסן־קבר זייערער געפינט זיך אויפן קאַטוילישן צווינטער אין בענדין און איז אַגב ביז הײַנט פאַרבליבן אַן אַ דענקמאָל.

טערטער. — אין אַ שבת נאָך מיטאָג לאָזן זיך צו מיר אַראָפּ עטלעכע דײַ־טשישע אָפּיצירן, אין שפּיץ מיט אַ גענעראַל, וואָס האָט זיך פֿאַרגעשטעלט מיטן נאָמען לאַסאָטאַ, אָדער לאַסאַלאַ, כ׳געדענק שוין נישט גענוי. די אָפּי־צירן זענען געקומען מיר איבערגעבן, אַז אַלס שטראָף פֿאַרן באַרויבן די קאַזאַרמעס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל חרוב צו מאַכן די גאַנצע שטאָט. דאָס אויספֿירן דעם באַפֿעל קאָן מען אָפּהאַלטן נאָר מיט איין באַדינג, אַז איך, דער גלח, וועל גאַראַנטירן מיט מײַן לעבן, אַז דאָס וועט זיך שוין מער נישט איבערחזרן.

פֿאַר מײַנע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פֿון דער שטאָט קאַליש בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר איז קלאָר געווען, אַז די דײַטשן זענען פֿעיִק אויף אַלץ. קאָן זײַן, אַז דאָס האָט מיטגעווירקט כ׳זאָל זיך נישט פֿאַרטראַכטן און דערקלערן: „איר האָט מײַן לעבן ווי אַ גאַראַנטיע". צו מאָרגנס, זונטיק בעת דער מעסע האָב איך געמוזט די וואָרענונג איבערחזרן פֿאַרן פֿאַרזאַמלטן עולם אין קאָשטשאָל. די דײַטשן זענען געקומען קאָנטראָ־לירן, צי כ׳פֿיל אויס זייערע באַפֿעלן.

די הינטערקוליסן פֿון דער פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט באַצוועקט אָנצו־וואַרפֿן אַ פּחד אויף דער באַפֿעלקערונג, איז געווען אַזאַ: אין זעלבן טאָג, גאַנץ פֿרי האָט דאָס דײַטשישע מיליטער פֿאַרלאָזט די קאַזאַרמעס אין בענדין. עטלעכע סאָלדאָטן, וואָס האָבן באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון כּלומרשטע פֿרײַנד, האָבן אונטערגעהעצט די מענטשן אויף דער גאַס: „גייט אין די פֿאַרלאָזטע קאַזאַרמעס, דאָרטן איז געבליבן פּראָ־וויאַנט, מלבושים. נעמט דאָס צו, דאָס איז דאָך אײַערס!"

קיין אַוואַנטוריסטן און סתם נאַיִווע מענטשן פֿעלן קיין מאָל נישט. און זיי האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער פּראָוואָקאַציע, זענען אַוועק אין די קאַזאַרמעס און גענומען שלעפּן אַלץ, וואָס ס׳איז געקומען אונטער דער האַנט. די דײַטשן האָבן אויף דעם געוואַרט און גלײַך געעפֿנט אַ שיסערײַ. עס זענען געווען קרבנות, און דאָס האָט געדינט ווי אַ פּרעטעקסט אַרויסצו־געבן דעם אויבן דערמאָנטן באַפֿעל.

דער גלח מיעטשיסלאַוו זאַוואַדזקי פֿאַרמאַכט זײַן שווערן בוך, אין וועלכן עס זענען פֿאַרשריבן די געשעענישן פֿון יענע גרויליקע טעג. אין צימער

הערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט, ווי מיר וואָלטן געשטאַנען איבערן אָפענעם קבר פון אַ נאָענטן פרײַנד.

איך פּרוּוו ווײַטער פאָרזעצן אונדזער שמועס, וויל זיך דערוויסן פּרטים וועגן אַ ייִדישער משפּחה, וואָס ער האָט שפּעטער אויסבאַהאַלטן און געהאָלפן זיך ראַטעווען.

— אָ, — ענטפערט דער גלח, — דאָס איז אַ קלײנער פראַגמענט, וואָס ווערט פאַרלוירן אין דער גרויסער טראַגעדיע. בכלל, מוז איך פעסטשטעלן, האָבן מיר אין דעם שטח ווייניק געטאָן...

בענדין, אָקטאָבער 1960

יאָהאַן בריש איז נישט צוריקגעקומען

— איך בין נאָך דעמאָלט געווען כמעט אַ קינד, איינס פון די פינף קינדער פונעם אײַנבינדער ירחמיאל יורקאָווסקי אין אָשוויענטשים, וואָס די ייִדן האָבן גערופן אָשפּעצין. נישט געווען קיין צײַט צו געניסן פון די קינדעריאָרן און אַוודאי נישט צו פּראָווען קיין געבוירן־טעג, — זאָגט ראָזע מאַרגולעס. — אָבער מײַן זעכצנטער געבוירן־טאָג האָט זיך מיר גוט אײַנגעקריצט אין זכרון. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז גראָד אין דעם טאָג וועט מײַן שטאָט אַרײַן אין דער געשיכטע מיט דעם געענדערטן נאָמען „אוישוויץ”, ווי דער סינאָנים פון פעלקערמאָרד.

געווען איז עס אין פעברואַר 1941. הימלער איז געקומען קיין אָשוויענטשים אויף זייער „יום־טוב”, די דערעפענונג פון טויטלאַגער. קיינער פון די אײַנוווינער, סײַ ייִדן און סײַ פּאָליאַקן, האָבן נישט געטאָרט זיך באַווײַזן אויף די גאַסן, וואָס זענען געווען פול מיט עס־עס־לײַט און געסטאַפּאָוצעס. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר איבערגעלעבט די ערשטע אויסזידלונג, דאָס מאָל קיין סאָסנאָוויץ, און פון דאָרטן — אין געטאָ־שראָדולע. ווער האָט געקאָנט פאָרויסזען, אַז אונדז דערוואַרטן נאָך שווערע נסיעות, צווישן וועלכע די שווערסטע וועט זײַן — דער וועג צוריק קיין אוישוויץ...

— דעם ערשטן פּרווו אַרויסצורײַסן זיך פון געטאָ האָב איך געמאַכט, — דערציילט די שוועסטער אַדעלע זאַוואַדזקי. — דאָס איז געווען אין יולי 1943, ערב דער לעצטער און גרעסטער אויסזידלונג. מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. די גאַנצע געטאָ איז געווען פול מיט בונקערס, געבויט אין גרעסטן טייל אויף אַ פּרימיטיוון און אָפט אַפילו, נאַיִוון אופן, ווײַל די דײַטשן האָבן געוווּסט וועגן זייער עקזיסטענץ. מײַן מאַן איז שוין פון לאַנג געווען פאַרשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער אין דײַטשלאַנד. מיר האָבן געשטרעבט צו ראַטעווען זיך מיטן קינד פאַר יעדן פּרײַז. אונדזער אָנשפּאַר איז געווען דער אַרישער אויסזען און דער ווילן צום לעבן.

אָן געלט, אָן דאָקומענטן האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, באַגלייט מיט דער ברכה און טרערן פון טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז מיר גרייטן זיך אויף אייביק. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אין די בעסקידן־בערג, אין דאָרף בויאַקאָו. פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה זענען מיר דאָרטן געווען אויף דאַטשע, און געקענט עטלעכע פון די אָרטיקע פויערים. געהאָפט, אַז זיי וועלן אונדז אַרײַננעמען צו זיך. צום גליק האָבן מיר קיין טעות נישט געהאַט.

*

בויאַקאָו, איינס פון די פאַרוואָרפנסטע דערפער צווישן די מאַלערישע בערג פון די בעסקידן, אויפן וועג צווישן ביעלסק—ביאַלאַ און זשיוויעץ, איז אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ באַזע פון פאַר־טיזאַנער. נישט די פּילצאַליקע פּאַציפיקאַציעס, נישט די אָפטע היטלעריס־טישע איבערפאַלן און רעוויזיעס אין די דאָרפישע הײַזער, זענען נישט געווען בכוח דאָס אָפּצושטעלן. די בײַ טאָג כּלומרשטע שטילע, געהאָרכיקע פויערים האָבן אין די נעכט זיך פאַרוואַנדלט אין דרייסטע קעמפער. זיי האָבן דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן, אויפגעריסן בריקן און באַן־רעלסן, באַ־פאַלן מאַגאַזינען און פּאָסטנס פון דער פּאָליציי און מיליטער. דאָ האָט אויך געפונען שוץ אַ גרופּע ייִדן, אַנטלאָפענע פון געטאָ־סאָסנאָוויץ. דער שטיצ־פּונקט פון די דאָזיקע ייִדן איז געווען דאָס הויז, וואָס געפינט זיך אויפן באַרג, האַרט לעבן וואַלד און איז באַצייכנט מיטן נומער 47. דאָס דאָזיקע הויז האָט געהערט צו די זיבנט דורות פאַראַנקערטע דאָ משפּחה באַרג־פויערים, האַנקוס. בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָבן אין דאָזיקן הויז געוווינט דרײַ שוועסטער פון דער משפּחה — יוזעפאַ האַנקוס, קריסטינאַ וואָוואַק מיט איר מאַן איגנאַצי און ראָזאַליאַ פאַרעמבסקאַ מיט אירע צוויי זין, דעם דרײַצן־יאָריקן עדוואַרד און עלף־יאָריקן וולאַדיסלאַוו.

מיר לאָזן זיך אויף די שפּורן פון יענע טעג. עטלעכע מעטער פונעם הויז געפינט זיך די שטאַל און דער שײַער.

ס׳דערציילט קריסטינאַ וואָוואַק:

— אָט דאָ, איר זעט, אונטערן שײַער זענען נאָך פאַראַן שפּורן פון בונקער, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן קרוב צוויי יאָר. די

שטיינער האָב איך געשלעפּט ביי נאַכט, קיינער האָט נישט געטאָרט באַ־מערקן, אַז מיר בויען עפּעס. דאָס עסן וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן פאַר די מענטשן, האָבן מיר מאַסקירט מיט היי און שאָלעכץ, עס זאָל אויסזען אַז מיר טראָגן קאָרמע פאַר די בהמות. מיר האָבן צונויפגעזאַמלט איבערבעטן, קאָלדרעס, אַלטע מאַנטלען כּדי די מענטשן זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן.

— ווי אַזוי דאָס איז געווען מיט אַדעלע זאַוואַדזקאַ? — חזרט איבער מיין פראַגע ראַזאַליאַ פאַרעמבסקאַ. — מיר האָבן זי גערופן מאַרישאַ. זי איז מיט אַ קליין יינגעלע געקומען אַהער סוף זומער 1943 און אויפגעהאַלטן זיך ביי עטלעכע פּויערים, לסוף — ביים וואַלדוועכטער וולאַדיסלאַוו פּאַ־טשאַרעק. זי איז געקומען עלעהיי אויף דאַטשע, אָבער פּאַטשאַרעק האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ער ווייסט נישט, אַז זי איז אַ יידישע און באַהאַלט זיך דאָ אויס. צו אים פלעגן אָפט קומען דייטשן, האָט ער זיך דערשראָקן. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער. אין איינעם אַ פאַרנאַכט בין איך געגאַנגען איבערן דאָרף און צופעליק באַגעגנט מאַרישען מיטן קינד. איך האָב זי ווייניק געקענט, אָבער פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ יידישע. זי איז געווען פאַרוויינט און ממש פאַרצווייפלט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט נישט וווהין צו גיין. האָב איך זי גענומען פאַר דער האַנט, און אַזוי, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, אַריינגעפירט אין שטוב. מיר זענען שוין סיי ווי געווען אַנגאַזשירט. ס'האָט זיך ביי אונדז אויסבאַהאַלטן אַ שוועסטערס אַ זון, וואָס איז אַנטלאָפן פון צוואַנגאַרבעט אין דייטשלאַנד. ער איז אויך געווען פאַר־בונדן מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. צוליב אים פלעגן צו אונדז קומען אויך פּאַרטיזאַנער. אגב, אַדעלע און איר קינד זענען נישט געווען די איינ־ציקע יידן, וואָס האָבן זיך ביי אונדז אויסבאַהאַלטן...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איר שוועסטער רוזשקע און דערציילט, אַז איר ברודער, משה יורקאָווסקי, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַן־אַרבעטער אין טאַרנאָווסקע־גורי, האָט געמוזט פון דאָרטן אַוועק. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אויך ער קאָן קומען צו אונדז.

✱

אין אונדזער שמועס שליסט זיך אָן ראָזע (רוזשקע) מאַרגוליס:

— כ'מוז אייך דערציילן וועגן דעם מענטש, וואָס האָט באַצאָלט מיטן

לעבן פּאָר ראַטעווען ייִדן. באַקעטע און באַרוועסע זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַדעלע בלייבט דאָ מיטן קינד און איך וועל פאָרן קיין סאָסנאָוויץ ברענגען אַ ביסל מלבושים. אָנגעקומען אַהין, האָב איך דערזען דעם גרויסן חורבן. ס׳איז שוין געווען נאָך דער לעצטער אויסזידלונג פון אויגוסט 1943, און פאַרבליבן זענען נאָר געציילטע ייִדן אין דער בריגאַדע אויף אָפּצורייניקן די געטאָ. צווישן זיי איז אויך געווען מײַן ברודער. כ׳האָב באַוויזן מיט אים זיך צונויפצורעדן און מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיך דערווײַלע אויסבאַהאַלטן בײַ דער וועכטערין פון הויז אויף דער מאָדזשעווער־גאַס אין סאָסנאָוויץ, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער דײַטשישער שאָפּ, אין וועלכן דער ברודער האָט געאַרבעט ביז צו דער אויסזידלונג. בלײַבן דאָרטן אַ לענגערע צײַט האָט מען נישט געקאָנט זיך דערוועגן. און דאָ קום איך צו דעם מענטש, וועלכן איך האָב פריִער דערמאָנט. דאָס איז געווען יאָהאַן בריש, אַ באַן־אַרבעטער אין טאַרנאָווסקע־גורי, אין אייבער־שלעזיע, עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון סאָסנאָוויץ. דורך מײַן קוזין, בונעם ווײַנגאַרטן, האָב איך אַ צײַט פריִער זיך געהאַט מיט אים באַקענט. שטעלט אײַך פאָר, אַז גראָד אין יענע טעג באַגעגן איך אים אויף איינער פון די גאַסן אין סאָסנאָוויץ. לכתחילה האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער דערקענט מיך נישט און געפרוווט מיך אײַנרעדן, אַז איך האָב אַ טעות, נעם אים אָן פאַר אַן אַנדערן. ווײַזט אויס, אַז ער האָט מורא געהאַט זיך צו דעקאָנספּירירן. זעענדיק, אַז איך טרעט נישט אָפּ, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז געקומען מיטן ציל אַרויסצופירן עטלעכע ייִדן פון געטאָ, צווישן זיי אויך מײַן קוזין. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

יאָהאַן בריש איז געווען אַ מאַשיניסט פון אַ לאָקאָמאָטיוו און געפירט פראַכטצוגן מיט קוילן פון אייבער־שלעזיע קיין אונגאַרן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ פּוילישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, אַ פאַרבונדענע מיט פּוילישע פּליטים אין אונגאַרן. אויסנוצנדיק זײַן פּאָסטן, האָט ער, לויט דער אָנווײַזונג פון דער אָרגאַניזאַציע, אַרויסגעפירט קיין אונגאַרן מענטשן, איבערגעטאָנענע ווי הייצערס. אַזוי האָט ער אויך געזאָלט אַרויספירן ייִדן. ער האָט מיר געגעבן זײַן אַדרעס און צוגעזאָגט מיר צו העלפן מיט וואָס ער וועט קאָנען.

אויפן צווייטן טאָג בין איך געפאָרן קיין טאַרנאָוסקע־גורי. בריש האָט מיר געגעבן אַ מונדיר פון אַ באַן־אַרבעטער און זײַן דאָקומענט. אויף אַזאַ אופן איז מײַן ברודער געקומען צו אים אין שטוב. ס'איז געווען באַשטימט, אַז ער וועט אים אַרויספירן קיין אונגאַרן מיט איינער פון זײַנע נסיעות. צום באַדויערן איז דאָס נישט געראָטן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן מיר, מיט דער הילף פוןברישן, אַריבערגעפירט מײַן ברודער קיין בויאַקאָוו, ווו מען האָט באַוויזן אויסצובויען אַ בונקער. כ'האָב פאַר דער צײַט באַוויזן צו באַקומען אַן „אַרישן" דאָקומענט, לויט וועלכן איך בין געווען אַ „פאָלקס־דײַטשקע" פון אייבער־שלעזיע. דאָס האָט מיר צוגעגעבן דרייסטקייט פרײַער זיך צו באַוועגן. זייער אָפט פלעג איך זיך פאַרהאַלטן אַ לענגערע צײַט בײַ ברישן, ווו איך האָב געהאָלפן דער משפחה אין דערווירטשאַפט. איך בין שוין דאָרטן געווען באַקאַנט צווישן די שכנים ווי אַ קרובה פון די באַלעבאַטים. אַ דאַנק דעם האָב איך געקאָנט שאַפן אַ ביסל שפײַז פאַר די אויסבאַהאַלטענע אין בונקער. און די געזעלשאַפט איז דאָרטן כסדר געוואַקסן. האָבנדיק אַזעלכע מעגלעכקייטן האָב איך גענומען טראַכטן וועגן ראַטעווען מײַנע נאָענטע. איינער פון זיי איז געווען עליע יאַקובאָוויטש פון סאָסנאָוויץ, וואָס איז געווען פאַרשיקט אין אַרבעט־לאַגער, בלעכהאַמער, בשכנות פון גליוויץ. כ'האָב זיך אַן עצה געהאַלטן מיט ברישן, און ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין בלעכהאַמער. דאָרטן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז יאַקובאָוויטש געפינט זיך אין אַ בריגאַדע, וואָס ווערט יעדן טאָג געפירט צו דער אַרבעט אויף אַ בויונג, מיט וועלכער עס פירט אַן אַ פוילישער מײַסטער פון סאָסנאָוויץ. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם אַ מײַסטער האָבן מיר איבערגעשיקט יאַקובאָוויטשן אַ בריוול מיט דער ידיעה, ווען ער דאַרף פאַרשווינדן פון דער אַרבעט און קומען אויף דער אַרטיקער באַנסטאַציע, ווו איך וועל אויף אים שוין וואַרטן.

ס'איז געווען אַ קילער האַרבסטיקער טאָג. די באַנסטאַציע פון קליינעם, פאַרוואָרפענעם יישוב איז געווען כמעט פוסט. ס'האָט מיך באַהערשט אַ שרעק. געהאַט האָב איך מיט זיך אַ מונדיר פון אַ באַן־אַרבעטער מיטן דאָקומענט פון יאַהאַן בריש. ווען איך טראַכט הײַנט דערפון, זע איך, אַז אויך בריש האָט געהאַט אַ קליינעם נסיון אין קאָנספּיראַציע. מיר האָבן געהאַנדלט

נאָריש און שפּעטער דערפֿאַר טײַער באַצאָלט. דערוויַילע האָט אונדז דאָס מזל צוגעשפּילט. יאַקובאָוויטש איז געקומען צו דער באַשטימטער שעה. ער איז אַרײַן אין טואַלעט, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך דעם מונדיר און מיטן ערשטן צוג זענען מיר געפֿאָרן קיין בוּיאַקאָוו.

דער אַפּעטיט, ווי באַוווּסט, קומט מיטן עסן. דאָס מאָל איז דער איניציאַטאָר געווען מײַן ברודער. בײַ דער וועכטערין פֿון הויז אויף מאַנדזשעווער גאַס אין סאָסנאָוויץ איז צוזאַמען מיט אים געווען אויסבאַהאַלטן אַ ייִדיש פֿאַרפֿאַלק. בײַם געזעגענען זיך האָט ער זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיִען אויך זיי צו ראַטעווען. דאָס געוויסן האָט אים נישט געלאָזט רוען, בין איך ווידער אַוועק קיין טאַרנאָווסקע־גורי צו ברישן, און ער האָט מסכּים געווען איבערצוחזרן דעם אויסגעפּרוּווטן מעטאָד. דעם זעלבן מונדיר און דעם זעלבן דאָקומענט האָב איך אַריבערגעפֿירט צו דער דערמאָנטער הויזוועכטערין, און מיר האָבן באַשטימט, אַז די מענטשן וועלן קומען צו ברישן, ווו איך וועל אויף זיי וואַרטן. פֿון דאָרטן וועט מען זיי פֿירן ווײַטער. אַנשטאָט זיי, איז אָבער געקומען געסטאַפּאָ.

בריש איז גראָד נישט געווען אין שטוב. זײַן פֿרוי האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זי זעט מיך צום ערשטן מאָל, אַז איך בין צופֿעליק געקומען צו זיי בעטן אַרבעט. איך האָב זיך אויך געהאַלטן בײַ דער זעלבער ווערסיע. נישט פֿאַרויסזעענדיק די סכּנה איז גראָד אָנגעקומען בריש. מען האָט אונדז אָפּגעפֿירט אין דער געסטאַפּאָ פֿון ביטאָם. נאָך 7 טעג מאַטערנדיקע אויספֿאַרשונגען, בעת וועלכע מיר האָבן זיך אין קיין זאַך נישט מודה געווען, האָט מען אונדז ביידע אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ. און אַזוי בין איך צוריקגעקומען אין מײַן געבוירן־שטאָט.

מ׳האָט מיך נישט געשיקט אינעם צענטראַלן לאַגער נאָר אין בירקענאָו, ווו עס זענען געווען די קרעמאַטאָריעס און די גאַזקאַמערן. אָבער אויך דאָ האָב איך געהאַט מזל. כ׳בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַרבעט־קאָמאַנדע, אין דער אַזוי גערופֿענער „קאַנאַדע״. דאָ האָט מען צונויפֿגעזאַמלט און סאָרטירט די מלבושים, און אַלץ, וואָס איז אַוועקגענומען געוואָרן בײַ די קרבנות. פֿון דאַנען האָט מען דאָס אַלץ אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד. דער נאָמען „קאַנאַדע״ איז אויפֿגעקומען ווי אַן אויסדרוק פֿון רײַכקייט און פֿאַרמעגן.

די אָרעסטאַנטן איז דאָ געווען לײַכטער. זיי האָבן געקאָנט עפּעס צולקחנען און אויסבײַטן עס אויף אַ שטיקל ברויט. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז דאָ האָב איך באַגעגנט ברישן! ער איז געווען אַנגעשלאָסן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פֿון די לאַגער־אָרעסטאַנטן, און פֿון צײַט צו צײַט מיר אַנגעטרויט געוויסע אויפֿגאַבעס. אַזוי האָב איך אויסגעהאַלטן ביז דער עוואַקואַציע פֿון לאַגער אין יאַנואַר 1945. דעמאָלט האָט זיך פֿאַר מיר אַנגעהויבן אַ נײַער וועג פֿון יסורים און סכּנות — אַ נײַער קאַמף פֿאַרן לעבן.

*

און דאָס האָט דערציילט קריסטינאַ וואַחאַק:

— ווען רוזשע איז נישט צוריקגעקומען, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען אַז עפּעס איז מיט איר געשען. אין די ערשטע טעג נאָך איר פֿאַרשווינדן זענען מיר געווען אומרויִק. מיר האָבן געוווּסט, אַז מען פּײַניקט בעת די אויספֿאַרשונגען און אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש... נאָך עטלעכע וואָכן, אַז אַלץ איז פֿאַרבײַ בשלום האָבן מיר זיך באַרויִקט. אָבער וואָס איז געשען מיט רוזשקען?

רוזשע פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט ברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן. איצט איז אונדזער לאַגע געוואָרן שווערער. די צאָל ייִדן אין בונקער האָט זיך פֿאַרגרעסערט און מען האָט געמוזט זאָרגן פֿאַר שפּײַז. אַפֿילו ווען מיר וואָלטן געהאַט גענוג געלט, וואָלטן מיר אויך נישט געקאָנט קויפֿן אַזאַ סך פּראָדוקטן אויפֿן אָרט. דאָס וואָלט אַרויסגערופֿן חשדים. עטלעכע מאָל האָבן מיר געבראַכט תּבֿואה פֿון שכנותדיקע דערפֿער, אַליין זי געטריקנט און געמאָלן מיט דער האַנט.

אונדזערע ייִנגלעך, עדוואַרד און וולאַדיסלאַוו, זענען געווען אַרײַנגעצויגן אין סוד. עטלעכע מאָל, ווי נאָר זיי פֿלעגן אין שול זיך דערוויסן, אַז פּאָליציי איז אין דאָרף, פֿלעגן זיי קומען צו לויפֿן אונדז וואָרענען. זיי פֿלעגן אויך טראָגן בײַ נאַכט דאָס עסן אין בונקער. איין מאָל איז וולאָדעק אַרײַן מיטן עסן אין בונקער און זיך דאָרטן פֿאַרהאַלטן. די ייִדן האָבן שטאַרק געבאָרט נאָך אַ מענטש פֿון דרויסן, געבאָרט הערן עפּעס נײַעס. פּלוצעם האָבן מיר דערזען בײַם שײַער צוויי זשאַנדאַרן. מיר האָבן אַפֿילו נישט באַמערקט, פֿון וואַנען זיי זענען געקומען. איך בין געבליבן פֿאַרשטיינערט

פון שרעק, ווײַל זייער אָפּט פלעגן די אויסבאַהאַלטענע אין דער אַ צײַט אַרויסגיין פון בונקער, כּדי צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. צום גליק זענען די זשאַנדאַרן אַוועק אַזוי אומגעריכט, ווי זיי זענען געקומען.

די מענער אין בונקער האָבן נישט געוואָלט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז אונדזער שוועסטערס זון, באַלעסלאַוו בלאַכוראַ, איז אַ מיטגליד אין דער פאָלקס־אַרמיי („אַרמיאַ־לודאָוואַ״), זענען זיי נישט אָפּגעטראָטן ביז ער האָט זיי נישט דערמעגלעכט אַנצושליסן זיך אין זייערע רייען.

*

באַלעסלאַוו בלאַכוראַ געדענקט נישט ווען די ייִדן זענען אַרויס אין ערשטן קאַמף. מסתּמא איז דאָס געווען קורץ נאָך דעם, ווי זיי זענען דאָ געקומען. לכתּחילה איז זיי געווען שווער. זיי זענען נישט געווען מיליטעריש אויסגעשולט דערצו — פיזיש אָפּגעשוואַכט. אָבער גאָר גיך האָבן זיי זיך אַרײַנגעפּאַסט אין די נײַע באַדינגונגען און זענען געווען דרייסטע קעמפער. ספּעציעל האָבן זיך אויסגעצייכנט מאָניעק יורקאָווסקי און עלעק יאַקובאָוויטש. זיי האָבן גערעדט אַ גוטן דײַטש און דאָס האָט געבראַכט אַ סך נוצן. זיי פלעגן אָנטאָן דײַטשישע מונדירן און גיין אין אויסשפּיר. דאָס האָט די פאַרטיזאַנער געהאָלפן אויספירן גאָר וויכטיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן און עטלעכע מאָל האָט דאָס זיי געראַטעוועט פון פּאַסטקעס, וואָס די דײַטשן האָבן צוגעגרייט. אויך די פרויען האָט מען אויסגענוצט פאַר דער פאַרטיזאַנישער טעטיקייט. די אָנפירונג האָט זיך אײַנגעשאַפט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט אויף באַטעריעס און אַ שרײַבמאַשין. דאָס האָט דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן אַ מיניאַטור־בולעטין מיט ידיעות וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אויף די פראָנטן. דעם בולעטין האָבן זיי פאַרשפּרייט אין דער אַרומיקער געגנט.

דאָס ערגסטע געפיל איז געווען דווקא אין די לעצטע טעג. געציילטע שעהען ערב דער באַפרײַונג זענען זיי געשטאַנען אויפן ראַנד פון טויט. זיי האָבן גערעכנט, אַז אָט, אָט קומען די סאָוועטן. די פאַרטיזאַנער האָבן זיך שוין געפילט ממש פרײַ און נישט אָפּגעהיט די כּללים פון קאָנספּיראַציע. דעם טאָג זענען אין שטוב געווען אַלע ייִדן פון בונקער און אויך עטלעכע פאַרטיזאַנער. ס׳איז גראָד געלונגען אויפצוכאַפּן אַ סאָוועטישע ראַדיאָ־

סטאַציע און אַלע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם אַפּאַראַט. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי אין טיר און אַ געשריי אין דײַטש: „עפע־נען!" דער באַלעבאָס, איגנאַצי, האָט געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז דער שלאָס האָט זיך פאַרהאַקט און אויף אַזאַ אופן אָפּגעהאַלטן זיך צו עפענען די טיר. דערווײַלע האָבן אַלע באַוויזן אַרויסצולויפן דורך דער הינטערטיר אין וואַלד אַרײַן. נאָר דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אַלאַיז האַנזוליק, אַ זייער דרייסטער מענטש, און דווקא ער האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. קאָן זײַן, אַז ער האָט געפילט די אַחריות פאַר די מענטשן און דערפאַר געוואַרט ביז אַלע וועלן פאַרשווינדן. צום סוף איז ער אַרײַן אין שטאַל און דאָרטן זיך פאַרשטעקט אינעם שטרוי. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַרן פאַרלאָזן דאָס דאָרף האָבן די דײַטשן באַשלאָסן צו נעמען מיט זיך די בהמות. זיי זענען דאָס געקומען נעמען זייער קו און גלײַך אַוועק אין שטאַל. געפונען דאָרטן האַנזוליקן, וואָס האָט געהאַט מיט זיך אַ רעוואָלווער.

קריסטינעס שוועסטער דערציילט:

— כ'ווייס נישט ווי אַזוי ס'איז מיר געקומען דער גליקלעכער אײַנפאַל צו בעטן די דײַטשן, זיי זאָלן וועגן דעם געפונענעם נישט רעדן אין בײַזײַן פון מײַנע קינדער. „דאָס איז מײַן געליבטער, — האָב איך געזאָגט. — ער האָט זיך דאָ באַהאַלטן מורא האָבנדיק זײַן פרוי זאָל זיך נישט דערוויסן". דאָס איז ווײַזט אויס זייער געפעלן געוואָרן די דײַטשן. זיי האָבן זיך צעלאַכט און אַלס שטראָף מיטגענומען אים מיט זיך, ער זאָל זיי טרײַבן די צוגענומענע בהמות בײַ די פּויערים אין דאָרף. ווי נאָר זיי זענען אַרויף אויפן וועג איז האַנזוליק נעלם געוואָרן. ער האָט נאָך באַוויזן אויפצובינדן עטלעכע בהמות, וואָס זענען אַליין צוריקגעקומען אין דאָרף צו זייערע באַלעבאַטים.

אַ צווייטן, זייער גרויסן שרעק האָבן מיר איבערגעלעבט אין טאָג פון דער באַפרײַונג. ס'איז געווען פאַר טאָג. אין הויז האָבן זיך געפונען עטלעכע פאַרטיזאַנער. איינער פון זיי, אַנגעטאָן אין אַ שינעל, איז אַרויס פאַר דער טיר. פון ווײַטן האָבן עס באַמערקט די דײַטשן, וואָס האָבן אָבסערווירט דאָס דאָרף מיט בינאָקלען. זיי זענען אַנגעלאָפן און געפאָדערט, מיר זאָלן ווײַזן ווו ס'זענען דאָ אויסבאַהאַלטן סאָוועטישע אויסשפּירער. מײַן מאַן האָבן זיי צוגעשטעלט צו דער וואַנט און געדראָט אים צו דערשיסן. צום

גליק האָט זיך דערהערט אַ זייער נאָענטע קאַנאָנאַדע. ס'איז געוואָרן אַ טומל, בעת וועלכן מײַן מאַן האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער געפערלעכער סיטו־אַציע. עטלעכע שעה שפּעטער זענען טאַקע אָנגעקומען די ערשטע זעלנער פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

✶

אַדעלע איז געווען באַפרײַט. איר שוועסטער, רוזשקע האָט געהאַט פאַר זיך נאָך אַ לאַנגן וועג פון יסורים און פּײַן. אָן עסן, אָן טרינקען האָט מען געשלעפּט די קוים זשיפּענדיקע אַרעסטאַנטן איבער די צעשטערטע וועגן פון דײַטשלאַנד. די באַפרײַונג איז געווען שוין אַזוי נאָענט און צו גלײַך אַזוי ווײַט. ביז דער לעצטער מינוט האָבן די נאַציס נישט רעזיגנירט פון זייער מאָרד־מלאכה. רוזשקען האָט כסדר געמאַטערט די פראַגע: „רבונו של עולם, צי דערויף האָב איך געפירט אין משך פון די אַלע יאָרן אַ פאַר־מעסט מיטן טויט, כדי איצט, ווען די פרײַהייט איז אַזוי נאָענט, זיך אונטער־צוגעבן ?"

זי דערציילט:

— די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. ווי אין חלום איז דערגאַנגען דער אָפּהילך פון די קוילנוואַרפער און דאָס קלאַפּן פון די באַנרעדער, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערווײַטערט. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין געלעגן אַ צוגעטוליעטע צו דער פאַרפרוירענער ערד. אויפגעוועקט האָב איך זיך אָן אויסגעמאַטערטע פון שרעק, הונגער און קעלט. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. כ'האָב זיך געפונען נישט ווײַט פון אַ יישוב. פון די וועגצייכנס האָב איך זיך אָריענטירט, אַז דאָס איז בערך 100 קילאָמעטער פון בערלין. צו מײַן גליק בין איך געווען אָנגעטאָן ציוויל, און אַגב נישט שלעכט. זײַענדיק אין לאַגער באַשעפטיקט אין אַ מאַגאַזין, האָב איך פאַרן אַרויסטרײַבן אונדז אויף דעם טרויעריק באַרימטן טויטן־מאַרש, באַוויזן אָנצוטאָן גוטע און וואַרעמע מלבושים.

נאָך דעם ווי איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך געלאָזט אין יישוב און אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער שטובטיר. כ'האָב צוגעטראַכט אַ מעשה, אַז איך בין אַ „פאָלקס־דײַטשקע" פון אייבער־שלעזיע, בין אַרויס פון וואַ־גאָן אויף אַ רגע כדי צו נעמען אַ ביסל וואַסער און דערווײַלע איז אַוועק

די באַן, ווו עס געפינט זיך מײַן משפּחה מיט מײַנע זאַכן און אַלע דאָקומענטן. ס׳האָט זיך איבער מיר דערבאַרעמט אַ היטלעריסטישע פּרויען־אָרגאַניזאַציע פון דאָרף. מען האָט מיר געגעבן עסן און געלט אויף אַ בילעט קיין בערלין, וווהין מען האָט מיר געראָטן צו פאָרן, היות דאָרטן געפינט זיך די מערהייט עוואַקויִרטע און דאָרטן האָב איך שאַנסן צו געפינען מײַן משפּחה. „זייט פאָרזיכטיק, — האָבן זיי מיך געוואָרנט — אויף די וועגן שלעפּן זיך איצט אַרום יידן און אַנדערע שונאים פון רײַך, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די לאַגערן...״

אַזוי אַרום האָב איך זיך אײַנגעפונען אין בערלין, וואָס איז געווען באַהערשט פון בהלה, איבערפולט מיט אַנגעלאָפענע פון פאַרשידענע שטעט. מײַן צוגעטראַכטע מעשׂה האָט נישט געוועקט קיין חשד. כ׳בין אַוועק אין פּאָליצײַ און באַקומען אַן עוואַקואַציע־צעטל אויף אַ צוגעטראַכטן נאָמען, גערטרודאַ האַנזליק, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין אייבער־שלעזיע. איך האָב אַפילו פאַרלאַנגט, מען זאָל מיך באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. די דײַטשן פון דעם אַמט האָבן געבעטן כ׳זאָל זיי מוחל זיין, הלמאי זיי קאָנען מיר נישט העלפן און געעצהט זוכן „אויף אייגענער האַנט״.

כ׳האָב באַשלאָסן צו זײַן וואָס ווײַטער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן האָגל פון באָמבאַרדירונגען. אין איינער פון די פאָרשטעט האָב איך באַמערקט אַ קלויסטער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אונטער דען גוטען הירטען״. איך בין אַרײַן, איבערגעחזרט מײַן געשיכטע און געבעטן, מען זאָל מיר דערלויבן דאָ בלײַבן, ביז איך וועל געפינען מײַן משפּחה. מען האָט מיר צוגעטיילט אַ קאַמער מיט נאָך איינער אַ קלויסטער־שוועסטער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע צרה. בײַם אויפשטאַן זיך צום שלאָפן האָב איך מורא געהאַט, אַז מײַן שכנטע אין קאַמער וועט באַמערקן דעם לאַגער־נומער, וואָס איז אויסגעטאַטויִרט אויף מײַן האַנט. דעמאָלט איז ווידער אַלץ פאַרלוירן. כ׳האָב זיך געדרייט און פאַרדעקט דעם אָרעם ווי נאָר כ׳האָב געקאָנט. אָבער ווײַזט אויס, אַז זי האָט פאָרט עס באַמערקט. נאָך אַ געוויסער צײַט האָט מיך אַרויסגערופן די מאַנאַסטיר־מוטער, די אָנפירערין פון קלויסטער. איך בין געווען זיכער, אַז אַלץ איז פאַרשפּילט.

זי האָט מיך געבעטן זיך זעצן און געזאָגט: „מײַן קינד. איך זע אַז דו

האָסט איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע. זאָג דעם אמת, ווען מיר צוזאַמען טראַכטן ווי דיר צו העלפן. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, האָט זי צוגעגעבן, אַז ביי אונדז זאָלן געמאַכט ווערן רעוויזיעס און דעמאָלט וועט זיין ערגער".

כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט. אַלץ איז שוין געווען קלאָר. קיין אַנדער אויסוועג ווי מודה זיין זיך איז ניט געווען. די קלויסטער־מוטער האָט מיך איבערגעטאָן אין אַ האַביט און מיט יעדן טאָג האָב איך זיך באַמיט אַלץ מער צו לערנען די תפילות און צופאַסן זיך צום לעבן פון אַ קלויסטער־שוועסטער.

אַזוי האָב איך דערלעבט דעם טאָג פון באַפרייונג אין דער סאַמע נאָרע פון דער היטלעריסטישער חיה. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיין שוועסטער אַדעלע אין ביעלסק...

מיר זענען געפאָרן מיט אַ וויזיט אויף אונדזער אַלטן אַדרעס אין טאַרנאָווסקע־גורי. דעם אַדרעסאַנט האָבן מיר אָבער נישט באַגעגנט. יאַהאָן בריש איז נישט צוריקגעקומען — — —

ווארשע, 1965

פון אונטער דער תליה

אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע האָב איך בשעתו זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דאָקומענט, אין וועלכן ס׳איז געשריבן, אַז אירענע סאַנדלער איז געווען איינע פון די אַקטיווסטע פּרויען ביים העלפן די גע־רודפטע יידן בעת דער נאַציִשער אָקופּאַציע, בעיקר ביים ראַטעווען יידישע קינדער. פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט איז זי אין האַרבסט 1943 אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט...

און אָט זיצט זי פאַר מיר — אַ דראָבנע, תמימותדיקע פרוי, וואָס דער־מאָנט אויסערלעך גיכער אַ צאַרטע מוטער איידער אַ העלדישע קעמפערין. זי דערציילט וועגן די טראַגישע און העראָישע געשעענישן פון יענע טעג.

— אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן צופעליק. גלייך נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט אַ ברייטער קרייז פון מיינע יידישע פריינד זיך פלוצעם גע־פונען אין אַ באַזונדערש שווערער לאַגע. די מערהייט פון זיי איז געווען אָן אַרבעט און אָן מיטלען צום לעבן. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער שוץ ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון וואַרשע. דאָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט, כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס צו העלפן מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער נויט. מיר האָבן געהאַט אין דער הויפּטשטאָט קיכן, ווו מען פלעגט געבן מיטאָגן פאַר זקנים, יתומים און סתם אָרעמע־לייט. די אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער שוץ האָט אויפגעשטעלט אין וואַרשע אַ ברייטע נעץ פון פונקטן אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון שטאָט. אין צען פון די דאָזיקע פונקטן איז מיר געראָטן צו ווערבירן וויניקסטנס צו איין פאַרטרויטן מענטש, וועלכן מען האָט געקאָנט אַריינציִען אין די סודות פון מיין טעטיקייט. איך מוז זאָגן, אַז איך בין געווען איינע פון די גרעסטע פעלשערינס אין דער אָקופּירטער וואַרשע. מיר האָבן נאָכגעמאַכט אונטערשריפטן, אויסגעשטעלט הונדערטער פאַלשע דאָקומענטן, בכדי יידן זאָלן קאָנען געניסן פון סאָציאַלער הילף.

מיר האָבן געהאַט די אַפּוטרופּסות איבער אַן ערך דרייַ טויזנט ייִדן, פון וועלכע 99 פּראָצענט האָבן גלייַך נאָכן שליסן די געטאָ זיך געפונען הינטער אירע מויערן. דאָס האָט צעשטערט דעם גאַנצן סיסטעם פון אונדזער הילף־טעטיקייט, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט מיט אַזוי פיל מי. ס׳איז פאַרלוירן געגאַנגען די פאַרבינדונג מיט עטלעכע צענדליק מענטשן, וועגן וועלכע מיר האָבן זיך געזאָרגט.

מען האָט געדאַרפט זוכן אַן אויסוועג. צוזאַמען מיט מייַן נאָענטסטער מיטאַרבעטערין, אירענע שולץ, האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אונדזערער אַ שול־חברטע, עווע רעכטמאַן, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין „צענטאָס" — אַ וווילטעטיקע אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. ס׳איז פאַר אונדז אויפגעקומען די פראַגע פון געפינען אַ וועג דורכצוגיין לעגאַל דורך די טויערן פון געטאָ.

אין דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג איז געווען אַ סאַניטאַרע אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיטן באַקעמפן אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. פאַר עפּידעמיעס האָבן די דייַטשן מורא געהאַט ווי פאַר פייַער, דעריבער האָבן זיי מסכים געווען, אַז פּאָליאַקן זאָלן זיך דערמיט פאַרנעמען. מיט דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָבן אָנגעפירט די דאָקטוירים מיקאָלאַי לענצקי און יוליאַן מאַיקאָווסקי. איך האָב אויסגעפּרוווט דעם מזל און געבעטן זיי סטאַבילע לעגיטימאַציעס, ווי מיטאַרבעטערינס אין זייער אינסטיטוציע, פאַר מיר און אירענע שולץ. מיר האָבן די לעגיטימאַציעס באַקומען, און דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אויף אַן אומבאַגרענעצטן אופן אַרייַנצוגיין און אַרויסצוגיין פון געטאָ. די קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען האָבן געפאָדערט מאַקסימאַלע אָפּגעהיטנקייט, דערפאַר האָב איך זיי נישט געזאָגט דעם פולן אמת, נאָר אַז מיר ווילן באַזוכן אין געטאָ אונדזערע פרייַנד. קענטיק, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס מיר זענען אויסן, און אפשר טאַקע דערפאַר האָבן זיי אונדזער בקשה באַפרידיקט.

מיט דער הילף פון אַ גרופּע פרויען, וואָס עווע רעכטמאַן האָט אָרגאַניזירט, האָבן מיר אויפגעשטעלט די אַלטע קאָנטאַקטן און אויך זיך פאַרבונדן מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין אונדזער הילף. צוזאַמען מיט אירענע שולץ האָבן מיר געטראָגן אין געטאָ אַרייַן לעבנס־מיטל, מלבושים,

רפואות און געלט, וואָס מיר האָבן אויפֿן סמך פֿון פֿאַלשע דאָקומענטן אַרויס־באַקומען פֿון דער סאָציאַלער שוץ אין וואַרשע.

מיט דער צײַט זענען אויפֿגעקומען נײַע שוועריקייטן. די דײַטשן האָבן געשאַפֿן אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט צו קאָנטראָלירן די אָנגעגעבענע אַדרעסן, בכדי פֿעסטצושטעלן צי די הילף דערגייט צו די מענטשן, וואָס זענען פֿאַר־שריבן אין די רשימות. האָבן מיר ווידער געמוזט געפֿינען אַן אויסוועג. מיר האָבן זיך באַמיט צוצוקומען צו אַדמיניסטראַטאָרן און וועכטער פֿון הײַזער, צו וועלכע מען האָט געקאָנט האָבן צוטרוי און וואָס האָבן מסכּים געווען אײַנצומעלדן אויף אַ געוויסער צײַט אונדזערע מענטשן. קיין סך אַזעלכע אַדמיניסטראַטאָרן האָבן מיר, צום באַדויערן, נישט געפֿונען. דערי־בער איז וויכטיקער געוואָרן אַ צווייטער מעטאָד. מיר האָבן זיך באַמיט אין די פּראָטאָקאָלן וועגן דער לאַגע פֿון דער משפּחה וואָס האָט זיך געניי־טיקט אין הילף, אַרײַנצוברענגען אויפֿשווידערנדיקע שילדערונגען וועגן שמוץ, טובערקולאָז און אַנדערע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, וואָס הערשן מכּלומרשט דאָרטן. דאָס האָט געגעבן אַ שטיקל האָפֿענונג, אַז אַזעלכע אַד־רעסן וועט דער דײַטשישער קאָנטראָלירער זיך באַמיִען אויסצומיידן.

אין 1942, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אויסזידלונגען פֿון ייִדן און ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז אַלע אײַנוווינער פֿון געטאָ זענען פֿאַרמישפּט אויף אומקום, זענען אויפֿגעקומען נײַע, מער קאָמפּליצירטע אויפֿגאַבעס — אַרויסצופֿירן וואָס מער ייִדן, בעיקר קינדער, מחוץ די געטאָ־מויערן. אונדזע־רע מאַטעריעלע מיטלען זענען געוואָרן אַלץ מער באַשרענקט. מיר וואָלטן זיכער נישט געווען בכּוח ממשיך צו זײַן אונדזער טעטיקייט, אַפֿילו אין אַ באַגרענעצטן פֿאַרנעם, ווען עס וואָלט אונדז נישט געראָטן זיך צו פֿאַרבינדן מיטן „ראָט צו העלפֿן ייִדן", באַקאַנט אונטערן נאָמען „זשעגאָטאָ".

אויסטערלישע פֿאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן האָבן מיך אין אַ געוויסן טאָג פֿון נאָוועמבער 1942 דערפֿירט צו דער טיר פֿון אַ וווינונג בײַ דער זשוראַוויע־גאַס 24, אין וואַרשע. אויפֿן אָפּגערעדטן סיגנאַל האָט מיר גע־עפֿנט אַ פֿרוי מיט אַ גוטן און וואַרעמען בליק אין די אויגן, און מיך פֿאַר־בעטן אין צימער צו איר מאַן. דאָס איז געווען יאַן גראַבעלני — „טראַיאַן", דער פּרעזעס פֿון „זשעגאָטאָ", אַ מענטש מיט אַן איידל האַרץ, וואָס ער האָט

זיך מקריב געווען פאר מענטשן, אויף וועלכע ס׳האט פון יעדן ווינקל גע־לויערט דער טויט.

אויף דער דאזיקער אייגנארטיקער קאנפערענץ, בעת וועלכער איך האב געהאט דעם כבוד צו רעפרעזענטירן די גרופע מיטארבעטער פון דער אפטיילונג פאר סאציאלער שוץ ביי דער ווארשעווער שטאט־פארוואלטונג, זענען באשטימט געווארן די אופנים פון אונטעראַרדענען אונדזער טעטיקייט דער אנפירונג פון „זשעגאטא״. דאס אנשליסן זיך אין דער דאזיקער ראט האט געגעבן א מער ארגאניזירטן כאראקטער אונדזערע ווייטערדיקע אקטי־וויטעטן. מען דארף געדענקען, אז מיר האבן געפירט אונדזער ארבעט נישט אין נאמען פון א וועלכער נישט איז פאליטישער גרופירונג, כאטש א גרויסער טייל פון אונדז איז יא געווען פאליטיש אנגאזשירט. אונדזערע באמיונגען צו העלפן יידן זענען אויפגעקומען ספאנטאן, שוין כמעט אין די ערשטע טעג פון דער היטלער־אקופאציע, לויט אן אימפעראטיוו פון אונדזער געוויסן. די אנגאזשירטע מענטשן זענען באוועגט געווען פון פשוטע, מענטש־לעכע געפילן, וואס האבן דיקטירט נישט צו בלייבן גלייכגילטיק צום גרויסן אומגליק פון זייערע יידישע מיטבירגער.

די „זשעגאטא״ האט זיך דעמאלט געפונען אין דער סטאדיע פון ארגא־ניזירן זיך, און האט אין אונדז באקומען א וויכטיקע גרופע קרבנותפולע און אויסגעפרוווטע מענטשן, מיט ברייט־פארצווייגטע פארבינדונגען אזוי אין געטא, ווי אויף דער „ארישער״ זייט. מיר האבן אין ווארשע געהאט א נעץ פון אדרעסן, ווו די ארויסגעפירטע יידן פון געטא, בעיקר יידישע קינדער, האבן זיך געקאנט צייטווייליק אויפהאלטן, ביז מיר האבן באקומען פאר זיי „ארישע״ פאפירן און געקאנט דעצידירן וועגן זייער ווייטערדיקן גורל. אזעלכע פונקטן, וואס מיר האבן אנגערופן „גיכע הילף״, האבן מיר געהאט זעקס פאר דערוואקסענע (פיר אין ווארשע און צוויי אויף דער אטוואצקער ליניע) און פופצן פאר קינדער.

מיטן דאזיקן „פארמעגן״ האבן מיר זיך אנגעשלאסן אין „זשעגאטא״. איך בין באשטימט געווארן פאר א פארבינדלערין פון איר פרעזידיום מיט דער גרופע פארקאנספירירטע מיטארבעטער אין דער הויפטשטאטישער אפטיילונג פאר סאציאלער שוץ.

נישט געקוקט דערויף וואָס איך האָב געהאַט „גוטע פּאַפּירן‟, האָבן נישט געפעלט קיין פאַלן ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ איז פאַר־לוירן. איין מאָל האָבן מיך די זשאַנדאַרן פאַרהאַלטן בײַם טויער פון געטאָ. דאָס וואָלט אפשר נישט געהאַט קיין ספּעציעלע פאָלגן ווען נישט דער פאַקט, וואָס איך האָב גראָד געהאַט בײַ זיך אַ גרעסערע סומע געלט. איך האָב זיך פאַרטיידיקט, אַז דאָס האָט מײַן אַמט מיר געגעבן אויף סאַניטאַרע הוצאות. די דײַטשן האָבן טעלעפאָניש זיך פאַרבונדן מיט דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָ־לאָגישער סטאַציע. גרויס איז געווען מײַן פרייד ווען כ׳האָב זיך איבער־צײַגט, אַז ד״ר מאַיקאָווסקי איז אַ מענטש מיט גרויס מוט. כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם גאַנצן ענין, האָט ער זיך גלײַך אָריענטירט און באַשטעטיקט מײַנע דערקלערונגען. אַ צווייט מאָל בין איך אַרײַנגעפאַלן דערפאַר, ווײַל איך האָב פּשוט פאַרלוירן דעם קאָפּ: כ׳האָב געמאַכט אַ טאָפּעלן פעלער, בין צוריקגעגאַנגען צום צווייטן מאָל דורכן זעלבן טויער און דערצו נאָך פאַרגעסן אַראָפּצונעמען פון האַנט דעם אָרעמבאַנד מיט דער געלער לאַטע, וואָס איך האָב אָנגעטאָן, ווען כ׳בין אַרײַן אין געטאָ. (דאָרטן האָט מען געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ ייִדישקע.)

די בילדער פון דער געטאָ וועלן מיך שוין אוודאי פאַרפאָלגן ביזן סוף פון לעבן. נאָך דער מלחמה האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן אַ פּרעכטיקע דירה בײַ דער פּאַוויע־גאַס. כ׳האָב זיך אָפּגעזאָגט. נישט געקאָנט וואָלט איך וווינען אין דעם ראַיאָן פון דער געוועזענער געטאָ, כאָטש ס׳זענען שוין פאַרבײַ פון יענער צײַט אַ סך יאָרן. טאַקע אויף דער פּאַוויע־גאַס האָב איך איבער־געלעבט אַ ביז גאָר דערהויבענעם מאָמענט — בײַגעווען אויף אַן אָוונט (איך געדענק שוין נישט צוליב וואָס ער איז אָרגאַניזירט געוואָרן). פּריצײַטיק אַלט געוואָרענע קינדער, וואָס האָבן יעדן טאָג, יעדע שעה געקוקט דעם טויט אין די אויגן, האָבן מיט פּאַטאָס דעקלאַמירט לידער פון בראָניעווסקין, טווים און אייגענע שאַפונגען וועגן געטאָ און וועגן דעם גורל פון די פאַרשפּאַרטע אין איר מענטשן.

די גרעסטע אויפטרייסלונג האָב איך איבערגעלעבט אין איינעם פון די טעג, ווען די נאַצישע רוצחים האָבן געטריבן מאַסן ייִדן צום אומשלאַגפּלאַץ. איך בין דעמאָלט געווען אַן עדות פון דעם שוידערלעכן מאַרש פון קאָר־

טשאַקן מיט זייַנע קינדער. אַ צעבראָכענע האָב איך זיך מיט די לעצטע כּוחות דערשלעפּט אַהיים.

ווי כ'האָב שוין פריִער דערמאָנט, איז אין 1942 געוואָרן דרינגענדיק דאָס אַרויספירן יידן אויף דער "אַרישער" זייַט. וואָס שייַך דערוואַקסענע איז די זאַך געווען פּשוטער: מיר האָבן אויסגענוצט זייער אַרויסגיין טאָג־טעגלעך פון געטאָ צו דער אַרבעט, און מיר האָבן איבערגעקויפט די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געציילט די גרופּעס בייַם דורכגיין דעם געטאָ־טויער. ערגער איז געווען מיט קינדער. אין דעם האָט זיך ספּעציאַליזירט אירענע שולץ. די קינדער האָט מען אַרויסגעפירט דורך די אונטערערדישע קאָרידאָרן אין די געביידעס פון די געריכטן אויף דער לעשנאָ־גאַס אָדער דורך דער טראַמווייַ־רעמיזיע אויף מוראַנאָוו און אַוועקגעפירט אויף באַ־שטימטע צו דעם צוועק דירות, ווי מיר האָבן זיי גערופן — "גיכע הילף". אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, זענען די קינדער שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן צו פאַרשיידענע משפּחות, וואָס האָבן, נישט געקוקט אויף דער גרויסער סכּנה, צוגעטוליעט זיי. די דאָזיקע מענטשן האָבן בדרך כּלל אַליין געלעבט אין נויט, אין ענגע דירות מיט אייגענע קינדער, פון דעסטוועגן האָבן זיי מיט דער גרעסטער מסירות־נפש געזאָרגט פאַר די, וואָס דער גורל האָט זיי באַשטימט איבערצולעבן אַ גיהנום, נאָך איידער זיי זענען רייַף געוואָרן צו באַנעמען דעם אונטערשייד צווישן מצוות און עבירות.

אין פאַל, ווען צוליב דער ענגשאַפט און נויטיקייט אויסצוהיטן זיך פון אַ "בייז אויג", באַזונדערש, ווען די קינדער האָבן אויסגעזען שטאַרק סעמי־טיש, האָט מען זיי געמוזט פאַרשטעקן אין באַהעלטענישן — אין אַ שאַנק, צי אַפילו אין אַ קוילן־קאַסטן. ערשט דער נאַכט־חושך האָט באַפרייַט די קליינע עופעלעך פון זייערע תּפיסות. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, גורם געווען קראַנקייטן בייַ די קינדער, האָבן מיר געמוזט אָרגאַניזירן אַ קעמערל פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן.

עס דאַרפן דערמאָנט ווערן צום גרעסטן לויב פּראָפ. אַ. טראַיאַנאָווסקי און פּראָפ. מיכאַלאָוויטש, וועמענס שטיבער ס'זענען שטענדיק געווען אָפן פאַר די געדרודפטע. ס'האָט פּאַסירט, אַז מען האָט געמוזט אַרייַנברענגען קראַנקע קינדער אין שפּיטאָלן. אין דעם האָט אונדז געהאָלפן די קראַנקן־

שוועסטער העלענאַ שעשקאָ — „סאָניע“, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו אַ דאַנק אירע ברייטע קאָנספּיראַטיווע פאַרבינדונגען.

ווען אין משפּחות וואָס האָבן צוגעטוליעט יידישע קינדער, זענען פאָרגעקומען אַרעסטן, רעוויזיעס, אָדער זיי זענען אַרונטערגעפאַלן דעם שאַנטאַזש פון „שמאַלצאָווניקעס“ און ס'האָבן אויסגעפעלט מיטלען זיך אויסצוקויפן, האָט מען געמוזט די אומלעגאַלע קינדער איינאָרדענען אַנדערשוו, בעיקר אין יתומים־הייזער.

ווי אַזוי מיר האָבן דאָס אַלץ באַוויזן?

אין דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער שוץ איז געווען אַ רעפעראַט פאַר אויפזיכט איבער קינדער. אונטער זיין השגחה האָבן זיך געפונען די פּוילישע קינדער־הייזער. מיטן דאָזיקן רעפעראַט האָט אָנגעפירט דער באַקאַנטער קאַטוילישער שרייבער יאַן דאָבראַטשינסקי, וואָס האָט צו אונדזער טעטיקייט אַרויסגעוויזן אַ האַרציקע באַציִונג. ער איז אויך דרייסט געווען. מיט זיין אונטערשריפט אויף אָפיציעלע בלאַנקעטן און מיטן שטעמפּל פון דער סאָציאַלער שוץ זענען די קינדער איינגעאָרדנט געוואָרן אין פּוילישע יתומים־הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער השגחה פון קלויסטערס. אין דער דאָזיקער טעטיקייט איז אויך געווען זייער אַקטיוו די „רעכטע האַנט“ פון דאָבראַטשינסקין אין דער סאָציאַלער שוץ, פרוי יאַדוויגאַ פּיאָטראָווסקאַ. מען דאַרף דאָ מיט דער גרעסטער אָנערקענונג דערמאָנען די קלויסטערס „ראַדזשינאַ מאַריִי“ און „שאַסטרי סלוזשעבניטשקי“, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן יתומים־הויז אין כאָטאָמאָוו און אַנדערע. אין דעם יתומים־הויז אין טורקאָוויץ, אויף דער סאַמע גרענעץ פון לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, האָבן מיר געהאַט די מיטאַרבעט פון דער קלויסטער־שוועסטער וויטאַלדאַ, מיט וועלכער מיר האָבן באַשטימט אַ ספּעציעל־שיפרירטן צייכן פאַר דעפּעשן. אויף אונדזערער אַ דעפּעשע מיטן דאָזיקן צייכן איז זי תּמיד געקומען קיין וואַרשע און גענומען מיט זיך די באַשטימטע קינדער, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט באַזונדערע שוועריקייטן צוליב זייער סעמיטישן אויסזען, בעיקר געמלטע ייִנגלעך. דאָס האָט זי געפירט די קינדער קיין טורקאָוויץ איבער דעם ריזיקאַלישן מלחמה־שליאַך דורך לובלין, כעלעם, ביז דער גרענעץ. לויט די דערציילונגען פון די קינדער גופא זענען די קלויסטער־שוועסטער

פון טורקאָוויץ געווען פאַר זיי אמתע מוטערס, און געהאָלפן זיי איבערצולעבן דעם היטלער־קאָשמאַר. צוויי פון די דאָזיקע אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינ־דער זענען היינט באַקאַנטע פובליציסטן, איינער אַ באַוווּסטער געלערנטער אין געביט פון כעמיע.

אַ ביסל אַנדערש האָט אויסגעזען די פּראָצעדור ביים „איינאָרדענען" דערוואַקסענע. ס'רוב זענען עס געווען יונגע מענטשן, אַנטרונענע פון געטאָ. די „זשעגאָטאַ" האָט איבערגעגעבן דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַד־רעסן פון דירות — „גיכע הילף", אין וועלכע ס'זענען געקומען די, וואָס האָבן זיך דעצידירט צו אַנטלויפן פון הינטער די צוימען אָדער זענען באַשטימט געוואָרן דורך די קעמפּערס צו פאַרלאָזן די געטאָ. אין משך פון עטלעכע טעג האָבן מיר זיך באַמיט צו באַזאָרגן זיי מיט „אַרישע" דאָקו־מענטן, און ס'איז באַשטימט געוואָרן דער ווייטערדיקער גורל פון די מענטשן. ביי דער „זשעגאָטאָ" איז געווען טעטיק אַ ספּעציעל קעמערל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַבריצירן פאַלשע דאָקומענטן, און אַרויסגעגעבן אַזאַ „פּראָ־דוקציע", אַז שפּעטער האָבן מיר שוין אַליין נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן אַן אָריגינעלן און אַ געפעלשטן דאָקומענט. נישט געקוקט דערויף האָבן זיך מיט די דאָזיקע דאָקומענטן באַנוצט בלויז די, וואָס האָבן באַשלאָסן צו גיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער אָדער זענען געפאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. פאַר די געבליבענע אין וואַרשע זענען די דאָזיקע פּאַפּיר־לעך נישט געווען גענוג זיכער. דעריבער האָבן מיר געמוזט טראַכטן אויך וועגן אויטענטישע דאָקומענטן. מיר האָבן זיי באַקומען אַ דאַנק דער הילף פון באַאַמטע אין דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט אונדז. איינער פון זיי, לעאָן שעשקאָ, איז געגאַנגען אויף די אַנגעוויזענע דורך אונדז אַדרעסן און גענומען די פינגער־אָפּדרוקן פון די מענטשן, נייטיקע צום אויסשטעלן לעגיטימאַציעס, די אַ"ג „קענ־קאַרטעס". ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן — די דייטשן האָבן אים דערשאָסן.

גאָר שווער איז געווען צו געפינען דירות פאַר יידן, אַפילו מיט „אַרישע" פּאַפּירן. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס פּראָבלעם פון העלפן יידן איז געווען ביז גאָר קאָמפּליצירט. אויף יעדן שריט און טריט זענען די ווענט געווען

באַהאַנגען מיט וואָרענונגען, אַז פֿאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייִד צי אַ ייִדיש קינד, דראָט טויטשטראָף. זייער אָפֿט זענען דערפֿאַר טאַקע אומגעבראַכט געוואָרן גאַנצע משפּחות. ס'האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין מוסרים, דעגענעראַטן, „שמאַלצאָווניקעס", וואָס האָבן געזוכט זיך צו באַרייַכערן אויף יענעמס אומגליק. פֿון דעסטוועגן האָבן זיך געפֿונען נאָבעלע און דרייסטע מענטשן, אמתע העלדן. בלויז יחידים האָב איך אויבן דערמאָנט. אַ סך נעמען און אַדרעסן זענען שוין פֿאַרווישט אין זכּרון. איך אַליין האָב געהאַט אונטער מייַן השגחה 8 ביז 10 אַדרעסן, וווּ ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן. אין שליחות פֿון „זשעגאָטאַ" האָב איך זיי סיסטעמאַטיש באַזאָרגט מיט געלט און מיטלען צום עקסיסטירן אינעם אויסבאַהאַלט. איך האָב זיך אַפֿילו אויסגעלערנט שערן, ווייַל אַ טייל פֿון זיי האָבן, מחמת זייער בולט סעמיטישן אויסזען, נישט געטאָרט זיך באַווייַזן אין גאַס.

צוליב קאָנספּיראַציע האָבן מיר אייַנגעשטעלט אַ פּרינציפּ, אַז די וואָס זענען געווען אַנגאַזשירט בייַם ראַטעווען ייִדן, און באַזונדערש איבער זייער דירה האָט געדינט צו די דאָזיקע צוועקן, זאָלן אייגנצייַטיק זיך נישט באַטייליקן אין אַ צווייטער אונטערערדישער אַרבעט. אין די מערסטע פֿאַלן איז דאָס נישט געווען מעגלעך צו רעאַליזירן. אַזוי, צום בייַשפּיל, האָבן מיר געהאַט אַ קאָנספּיראַטיווע דירה אויף וואָליע, לודוויקי־גאַס 1. אין איר האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ ייִדיש קינד, און אין דער זעלבער דירה האָט אַ ייִדישער אינזשעניר זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַבריצירן אויף אַ היימישן אופֿן געווער פֿאַר דער „אַ.ל." — „אַרמיאַ לודאָוואַ" (פּראָ־קאָמוניסטישע פֿאָלקס־אַרמיי), ווי אויך איז דאָרטן געווען אַ געווער־מאַגאַזין פֿון דער „אַ.ל.", דערצו נאָך — דער אַרכיוו פֿון „זשעגאָטאַ" מיט פֿאַרשיפֿרירטע אַדרעסן פֿון ייִדישע קינ־דער. דאָ האָט זיך אויך אויסבאַהאַלטן דער באַוווּסטער קאָמוניסטישער טוער יעזשי קאַלאַקאָווסקי, דער פֿאָטער פֿון באַקאַנטן פֿילאָסאָף לעשעק קאָלאָ־קאָווסקי, וועלכן די געסטאַפּאָ האָט געזוכט. כּדי דאָס אַלץ צו מאַסקירן האָט מען אין דער שטוב אויך געטריבן „בימבער".

דאָס הויז האָט געגרענעצט מיט אַ טעקסטיל־פֿאַבריק. שטעלט אייַך פֿאָר אַזאַ סצענע: אין אַ געוויסן טאָג, האַרבסט 1942, אין די מיטאָג־שעהען, איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה אין דער פֿאַבריק. מיר האָבן אַפֿילו נישט באַוויזן

זיך צו פאַרטראַכטן וואָס צו טאָן, און דער טויער פון הויז איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. דער הויף איז געווען פול מיט דײַטשישע זשאַנדאַרן.

מיר האָבן געשטעקט אין אַ בוידעמשטוב אויפן דריטן שטאָק, אַן וועלכע עס איז שאַנסן צו אַנטלויפן אָדער זיך צו פאַרטיידיקן. ווען מיר דערציילן וועגן דעם הײַנט, זעט דאָס אויס פשוט נישט צו גלייבן. די רעאַקציע פון דעם אינזשעניר האָט מיך ממש איבערראַשט: ער האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש „בימבער" און חברה האָט געמאַכט אַ כּוסה. דאָס האָט געהאָלפן פאַרגעסן ווו מען האַלט אין דער וועלט. איך בין געווען אַלערגיש צו אַלקאָהאָל און ניט געטאָרט אים נעמען צו די ליפּן. כ'בין געווען וואַך. שטעלט אײַך פאָר, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, בעת די זשאַנדאַרן האָבן געווילדעוועט איבער די טרעפּ, געקלאַפּט אין די טירן פון שכנים און יעדע מינוט, וואָס האָט געדויערט אַן אייביקייט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט קלאַפּן זיי שוין בײַ אונדז. איך ווייס באמת נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אויפן בוידעם איז פאַראַן נאָך אַ וווינונג. יעדנפאַלס, ווי איר זעט, זיי זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען...

ס'האָבן אויך פּאַסירט אַזעלכע פאַלן, וואָס נישט געקוקט אויפן טראַגיזם פון דער סיטואַציע, קלינגען זיי ווי אַנעקדאָטן. איינע פון די בעסטע פאָרמען אויסצובאַהאַלטן יונגע מיידלעך און פרויען איז געווען אײַנצואָרדענען זיי ווי דינסטן אָדער אויפזעעריננס פון קינדער אין „בעסערע" היימען. די דאָזיקע פרויען האָבן מיר באַזאָרגט מיט אויטענטישע דאָקומענטן און אויך מיט קאַטוילישע געבעט־ביכלעך און הייליקע מעדאַליאָנען. מען האָט זיי אויסגעלערנט ווי אַזוי זיך נוהג צו זײַן אין קאָשטשאָל. איינע פון זיי, פרוי מ. (הײַנט, אַ באַדײַטנדיקע וויסנשאַפטלערין) האָבן מיר אײַנגעאָרדנט ווי אַ דינסט אין הויז פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט אין אָטוואָצק. זי איז געווען בלאָנד, אַ טיפּ פון אַ „ריינער אַריערין", און באַהערשט נישט נאָר די קונסט פון גוט קאָכן, נאָר אויך געוווּסט אַלע רעליגיעזע פירעכצן. זי האָט אויסגענוצט יעדע פרײַע מינוט צו גיין אין קאָשטשאָל. בכדי צו וויסן, צי עס דראָט איר נישט קיין געפאַר, האָבן מיר דורך אונדזערע קאַנאַלן זיך באַמיט צו דערגיין, וואָס איז די מיינונג פון דער „מאַדאַם" וועגן איר „דינסט". דער ענטפער

איז געווען פאַר אונדז איבעראַשנדיק. די באַלעבאָסטע האָט דערקלערט, „אַז איר נייַע דינסט איז אַ גוטע מויד, קאָכט נישט שלעכט, גנבעט נישט, לויפט נישט אַרום מיט קיין יינגלעך, נאָר האָט אַ חסרון — גייט צו אָפט אין קאָשטשאָל". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „מאַדאַם" געהערט צו דער יהוה־סעקטע און עס איז איר נישט געווען צום האַרץ די קאַטוילישע פרומקייט פון איר „דינסט".

בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ זענען געקומען גאָר שווערע מאָמענטן. מען האָט מיך אַרויסגערופן צום פּרעזעס פונעם פּרעזידיום פון „זשעגאָטאַ", יאַן גראַבעלני — „טראַיאַן". ער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג אָבער אַ באַהערשטער. אונדזער צוזאַמענטרעף איז אויסגעפאַלן אין אַ פּרעכטיקן פרילינגטאָג — זון, וואַרעמקייט פון דער „וויעלקאַנאָץ"־חגא. דער אָפּהילך פון די קירכן־גלאָקן האָט זיך אויסגעמישט מיט דער דעטאָנאַציע פון אויפרייַסן, וואָס זענען דערגאַנגען פון הינטער די געטאָ־מויערן און פאַרדעקט דעם הימל מיט שוואַרצע רויכוואָלקנס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט טויט און אומקום פאַר אַ גאַנצער עדה מענטשן. אונדזער צוזאַמענטרעף האָט געטראָגן אַ ביז גאָר קאָנקרעט־זאַכלעכן כאַראַקטער, אָן וועלכן עס איז איבערגעטריבענעם פּאַטאָס.

„די מענטשן פון געטאָ האָבן זיך גענומען צום געווער — האָט דערקלערט „טראַיאַן" — מיר מוזן זיי העלפן. גיט מיר אַדרעסן, ווו מיר קאָנען שיקן די מענטשן, וואָס וועלן זיך דורך דער קאַנאַליזאַציע אָדער אַנדערע וועגן אַרויסבאַקומען אויף דער „אַרישער" זייַט."

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן „הייסע טעג" פאַר אונדזערע קאָנספּיראַטאָרן פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער שוץ.

מיט אַ געוויסער צייַט שפּעטער, זומער 1943, איז געשען אַן אומגליק. מיר האָבן געמוזט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כּדי צו ראַטעווען גראַבעלנין גופא פון אַ זיכערן טויט. אין צעגלאָוו, ביי מינסק־מאַזאָוויעצק, איז ער אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ געוועזענער טוער פון דער פּ.פּ.ס. וועגן זייַן טעטיקייט אינעם ראַט צו העלפן יידן, „זשעגאָטאַ", האָבן די דייַטשן, קענטיק, נישט געוווּסט. זייַן פרוי האָט אונדז צו וויסן געטאָן, אַז ער געפינט זיך אין דער תפיסה פון מינסק־מאַזאָוויעצק. אונדזער קעמערל פון מעדיצי־

נישער הילף האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַן אַרטיקן דאָקטער, און ער האָט מיט אַן אײַנשפּריצונג אַרויסגערופן בײַם אַרעסטירטן הויכע טעמפּעראַטור. דאָס האָט געדינט ווי אַ פּרעטעקסט פעסטצושטעלן, אַז ער איז כּלומרשט קראַנק אויף טיפוס. פאַר דער אַ קרענק האָבן די דײַטשן מורא געהאַט ווי פאַר פײַער, דעריבער האָבן זיי מסכּים געווען אָפּצושיקן דעם קראַנקן אין שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, אין וואַרשע אויף וואָלסקע־גאַס. דאָרטן האָבן מיר געהאַט אונדזערע פאַרטרויטע דאָקטוירים. אין דער ראָלע פון אַ קראַנקן־שוועסטער בין איך מיטגעפאָרן מיט דער קאַרעטקע פון דער אמתער „גיכער הילף", כּדי גראַבעלני זאָל זיך אָריענטירן וואָס דאָ קומט פאָר. אונדזערע מענטשן אין שפּיטאָל האָבן אַדורכגעפירט אין דער דאָקומענטאַציע, אַז ער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום „געשטאָרבן". אַרויס פון שפּיטאָל איז גראַבעלני, פאַרשטייט זיך, אונטער אַ צווייטן נאָמען.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיט עטלעכע חדשים שפּעטער זאָל אים אויסקומען מיך צו ראַטעווען פון אַ סך אַ שווערערער און קאָמפּליצירטערער לאַגע.

דאָס איז געווען דעם 20סטן אָקטאָבער 1943. איך געדענק גענוי די דאַטע, ווײַל דאָס איז מײַן נאָמענטאָג. מײַן מאַמע האָט געליטן פון אַ שווערער האַרצקראַנקייט און שוין אַ לענגערע צײַט געלעגן צוגעשמידט צום בעט. ס׳זענען געווען בײַ אונדז צו גאַסט אַ מומע און מײַן נאָענטסטע חברטע יאַנינאַ גראַבאָווסקאַ. מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט, אַזוי אַז זיי זענען געווען געצוווּנגען בלײַבן נעכטיקן בײַ אונדז. אין שטוב איז געווען ענג, האָבן מיר אויפגעשטעלט פּראָוויזאָרישע געלעגערס און שוין באַוויזן צו פאַרזינקען אין אַ טיפן שלאָף, פון וועלכן עס האָט אונדז אַרויסגעריסן אַ העזהדיק קלאַפּן אין טיר: „געסטאַפּאָ! עפענען!!!"

אויפן טיש האָב איך געהאַט ליגן אַ טייל פונעם „זשעגאָטאַ"־אַרכיוו. דאָס זענען געווען שיפרירטע אַדרעסן, פאַרשריבענע אויף שמאָלע לענטעס דין פאַפּיראָסן־פּאַפּיר. איך האָב עס געהאַלטן אונטער דער האַנט, מיט דער אויסרעכענונג, אַז אין פאַל פון אַ רעוויזיע וועל איך באַוויזן דאָס אַרויסצוואַרפן דורכן פענצטער אין די קוסטעס פון גערטנדל. פאַרשטייט זיך, אין אַנבליק פון דער ביטערער פּראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז

אַזוי טראַכטן איז געווען נאַיוו. ווען איך בין צו צום פענצטער, האָב איך באַמערקט באַוואָפנטע געסטאַפּאָוצעס — דאָס גאַנצע הויז איז געווען באַ־שטעלט. מײַן חברטע יאַנינאַ האָט זיך שנעל אָריענטירט, געכאַפּט דאָס פּעקעלע, און פאַרשטעקט אין אַ גאָר אינטים אָרט. דערווײַלע האָבן די געסטאַפּאָוצעס גענומען ברעכן די טיר. איך האָב געעפנט און דערבײַ פאַרגעסן, אַז אונטערן פּראָוויזאָרישן געלעגער האָב איך באַהאַלטן אַ בײַטל מיט אַ היפּשער סומע געלט, דערין אויך אַ שפּאָר ביסל דאָלאַרן, וואָס איך האָב באַקומען פון דער „זשעגאָטאַ". איך האָב געזאָלט אויף צו מאָרגנס דאָס געלט צעטראָגן לויט פאַרשיידענע אַדרעסן, ווו ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן. די רעוויזיע האָט געדויערט דרײַ שעה און... זיי האָבן גאָרנישט געפונען. בשעתן טומל און פּלאָנטער זענען די פּראָוויזאָרישע געלעגערס אײַנגעפאַלן, פאַרדעקנדיק אונטער זיך דעם בײַטל מיטן געלט. קאָן זײַן, אַז דערפאַר וואָס זיי האָבן אין שטוב נישט געטראָפן קיין מענער, און אפשר דערפאַר, וואָס מײַן מאַמע איז געלעגן אין אַ צושטאַנד פון גסיסה, האָבן זיי אַלעמען איבערגעלאָזט, מיטנעמענדיק בלויז מיך.

בעת דער אויספאָרשונג האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַרײַנגעפאַלן איינס פון אונדזערע „קעסטלעך", ווי מיר האָבן באַצייכנט די טרעפפונקטן. איינער פון זיי האָט זיך געפונען אין אַ וועשערײַ און ס'איז אַרעסטירט געוואָרן די באַלעבאָסטע. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעגעבן מײַן נאָמען. מען האָט מיך אָפּגעפירט אין פּאַוויאַק.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך געעפנט די קאַמער. אין באַגלייטונג פון וועכטער איז געקומען די סאַניטאַרע עקיפּע פון תּפיסה, צווישן וועלכער איך האָב דערקענט מײַנע אַ שול־חברטע, יאַדוויגאַ יענדזשעיאָווסקאַ. זי טאַקע האָט אַרויסגעלייענט מײַן נאָמען און דערקלערט, אַז איך זאָל זיך שטעלן אויף מעדיצינישער אונטערזוכונג. איך האָב זיך נישט אָריענטירט און געווען איבערצײַגט, אַז דאָס זענען אַזעלכע פאַרשריפטן. ערשט דערנאָך, ווען מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דענטיסטישן פאָטעל, האָט זיך אַלץ אויפגעקלערט. איבער מיר איז געשטאַנען ד"ר אַנאַ שעפּאָוויטש, וועלכע האָט גראַבלענדיק אין מײַנע ציין דערקלערט, אַז זי האָט מיר אַרײַנגעלייגט אַ פּאַפּירל, אויף וועלכן איך זאָל שרײַבן צו וועמען איך דאַרף און וואָס

מען וואַרפט מיר פאָר. דעם „גריפּס" האָב איך איבערגעגעבן דער זעלבער יענדזשעיאָווסקאַ. זייער שנעל האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז עס ווערט געטאָן אַלץ כּדי מיך אַרויסצורייסן פון קלעם.

דאָס איז געווען אַ צייט פון מאַסן־עקזעקוציעס אויפן פּאַוויאַק. יעדן טאָג, פינף באַגינען, פלעגן זיך עפענען די תּפיסה־קאַמערן. עס זענען אַרויסגערופן געוואָרן מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין קיין מאָל נישט אומ־געקערט. צווישן די אַרויסגערופענע האָב איך איין מאָל דערהערט אויך מיַין נאָמען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מיַין לעצטער וועג. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין דער געסטאַפּאָ אויף דער שוך־אַלעע. און דאָ איז געשען דאָס אומגלייבלעכע: שוין אין מאָמענט ווען מען האָט אונדז איבער־געלייענט דעם טויט־אורטייל, איז אַרײַנגעקומען אַ געסטאַפּאָוועץ מיט אַ דאָקומענט, לויט וועלכן ער דאַרף מיך נעמען מיט זיך אויף צוגאָבלעכע אויספאָרשונגען. ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דער ריכטונג פון די סיים־געביידעס. ביַים ראָג פון דער וויזוואַלעניע־גאַס האָט ער מיר דערקלערט אויף פויליש: „איר זענט פריַי און טראָגט אײַך שנעל אָפּ פון דאַנען".

איך בין געוואָרן צעחושט און פון גרויס איבעראַשונג געפּאָדערט מיַינע דאָקומענטן. ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי פּעטש און איז אַוועק. איך האָב זיך פאַרגאָסן מיט בלוט.

כ'האָב קוים געשטעלט עטלעכע טריט. וויַיטער אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך נישט געקאָנט גיין. בין איך אַריַין אין אַן אַפּטייק, די באַלעבאַסטע האָט מיך אַריַינגעפירט אין אַ הינטער־צימער, וווּ כ'האָב זיך אַרומגעוואַשן. זי האָט מיר געגעבן אויף אַ טראַמוויַי־בילעט און איך בין געפאָרן אַהיים. כ'האָב נאָך נישט געקאָנט באַגריַיפן, אַז איך בין טאַקע אין דער היים, אין דער זעלבער שטוב פון וואַנען די געסטאַפּאָ האָט מיך אַרויסגעפירט...

אין דער זעלבער נאַכט איז איבער די גאַסן פון וואַרשע פונאַנדערגע־קלעפּט געוואָרן אַ מעלדונג, אַז „פאַר פאַרראַט קעגן דעם דיַיטשישן רײַך זענען אויסגעפירט געוואָרן טויט־אורטיילן דורך שיסן איבער די פּאָליאַקן..." אין דער רשימה פון די דערשאָסענע האָט אויך פיגורירט מיַין נאָמען. וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען ס'איז געקומען צו מיר מיַין חברטע יאַנינאַ גראַכאָווסקאַ. זי האָט מיר

איך אויפגעקלערט, מיט וואָסערע מיטלען מען האָט מיך געראַטעוועט.

דורך קאָנטאַקטן און פאַרמיטלונגען פון אַ פוילישן „מאַכער" האָט גראַ־בעלני פאַר אַ גאַר גרויסער סומע איבערגעקויפט דעם געסטאַפּאָוועץ, וואָס האָט מיך אַרויסגענומען, ווי מען זאָגט, פון אונטער דער תליה „אויף צוגאָב־לעבע אויספאַרשונגען".

אין שטוב האָב איך מער נישט געקאָנט פאַרבלײַבן. קיין נײַע דאָקו־מענטן, אָן וועלכע מען האָט נישט געטאָרט זיך באַווײַזן אין גאַס, האָב איך נאָך נישט געהאַט. איז געבליבן איין אויסוועג: זוכן מזל בײַ די שכנים. איינע פון זיי, איר מאַן איז געווען פאַרשיקט אין לאַגער, האָט מסכּים געווען איך זאָל דערווײַלע בלײַבן בײַ איר.

צוליב דעם שווערן צושטאַנד פון מײַן מאַמען, איבער וועלכער עס האָט צײַטווײַליק געהאַט די אויפזיכט מײַנע אַ קרובה, האָב איך געשטרעבט צו פאַרבלײַבן בײַ דער שכנה, ווײַל דאָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרײַנצוכאַפּן זיך צו דער מאַמען כאָטש אויף אַ ווײַלע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיך, ווײַזט אויס, אין דער געסטאַפּאָ געכאַפּט אויף דעם טעות. בײַ נאַכט, שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה, האָבן מיר דערהערט אויף די טרעפּ דעם באַקאַנטן אָפּהילך פון געסטאַפּאָ־שטיוול. די שכנה, בײַ וועלכער איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, האָט געוווינט מיט אַ שטאָק העכער פון מיר. שטעלט אײַך פאָר אונדזער צושטאַנד ווען מיר האָבן דערהערט, אַז דאָס קלאַפּן זיי בײַ דער טיר פון מײַן וווינונג. צי וועט די מאַמע דאָס אויסהאַלטן? צי וועט די קרובה זיך נישט אײַנברעכן און זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, אַנדייטנדיק ווו איך באַהאַלט זיך? צי וועלן זיי באַלד נישט קלאַפּן אין דער טיר מיט אַ שטאָק העכער?

איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט. יעדע מינוט איז געווען פאַר מיר אַן אייביקייט, ביז מיר האָבן דערהערט, אַז דאָס שטיוול־געקלאַפּ לאָזט זיך צוריק אַראָפּ פון די טרעפּ. מיט עטלעכע שעה שפּעטער, אין מיטן דער נאַכט, האָבן מיר דערהערט אַ לײַכט קלאַפּן אין טיר. דאָס האָט מײַן קרובה מיר געבראַכט אַ ידיעה פון מײַן מאַמען: „זיי זענען ווידער געקומען נאָך דיר! דו טאָרסט אַפילו נישט קומען זיך געזעגענען מיט מיר. אַנטלויף וואָס שנעלער!"

ס'איז געשען, ווי זי האָט פאָרויסגעזען. קורץ נאָך דעם „וויזיט" איז מײַן מאַמע געשטאָרבן, און איך האָב אַפילו נישט געקאָנט קומען אויף איר לוויה. מײַן מאַן איז געווען פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. איך בין פאַרבליבן אַליין און מײַן גאַנצע ענערגיע און צײַט אָפּגעגעבן דער טעטיקייט פון „זשעגאָטאַ".

באַלד נאָך דעם האָב איך באַקומען נײַע דאָקומענטן אויפן נאָמען יאַנינאַ דאָמבראָווסקאַ. כ'בין אַוועק אויף אַ טרעפפּונקט מיט גראַבעלנין, כּדי צו באַהאַנדלען מײַנע ווײַטערדיקע אויפגאַבעס. דאָרטן האָבן געוואַרט אויף מיר נישט נאָר גראַבעלני, נאָר כּמעט אַלע מיטגלידער פונעם פּרעזידיום פון דער „זשעגאָטאַ", צווישן זיי לעאָן פײַנער („מיקאָלאַי"), ד"ר אַדאָלף בערמאַן און אַנדערע. אויפן טיש — ווײַן מיט קיכעלעך. מען האָט „באַגאָסן" מײַן באַפרײַונג. פײַנער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: „אירענע, נאָך דער באַפרײַונג וועלן די ייִדן דיר אויפשטעלן אַ דענקמאָל..."

קיין דענקמאָל, פאַרשטייט זיך, האָב איך נישט דערוואַרט. ס'איז אָבער אײַנגענעם צו פילן, אַז מענטשן פאַרגעסן נישט. וועגן דעם זאָגט עדות דער מעדאַל פון „יד־ושם" פאַר „חסידי־אומות־העולם", וועלכן עס האָט מיר איבערגעגעבן דער ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע. ער האָט דערבײַ געזאָגט, אַז אויף מײַן נאָמען איז אויך פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ בוים אין וואַלד בײַם „יד־ושם" אין ירושלים. דאָס איז רירנדיק. כ'האָב אין יענע פינצטערע טעג נישט געגלייבט, אַז איך וועל אַזוינס דערלעבן.

מאַגיסטער אירענע סאַנדלער האָט אַ רײַכן אַרכיוו מיט בריוו פון צענדליקער געוועזענע מיט־באַטייליקטע אין דער קרבנותפּולער, טיף הומאַ־נישער טעטיקייט פון ראַטעווען ייִדן, ווי אויך האַרציקע בריוו פון די געראַטעוועטע, וואָס געפינען זיך אין פוילן און אין אויסלאַנד — ישׂראל, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אַנדערע לענדער.

וואַרשע, יאַנואַר 1967

דער גוייִשער מוהל פון וואַרשעווער געטאָ

— מײַן אמתער נאָמען איז גוטגיטער, — זאָגט בעת אונדזער ערשטער באַגעגעניש פּראָפעסאָר אַדאָם דראָזדאָוויטש, — די דאָקומענטן מיטן „אַרישן" נאָמען האָט מיר צוגעשיקט דער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, בײַ וועלכן איך האָב געלערנט, קאָזשימיעזש באַסאַלי. דאָס האָט ער מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצורײַסן זיך פון הינטער די געטאָ־מויערן. אָבער בלויז די דאָקומענטן און אַפילו מײַן „אַריש" אויסזען זענען געווען צו ווייניק, בכדי צו קאָנען איבערלעבן אויף דער „אַרישער" זײַט. די גרעסטע סכּנה איז באַשטאַנען אינעם פאַקט פון געמלט זײַן...

מיט דער הילף פון באַשע בערמאַן און יאַנינע בוכהאָלץ פון „זשעגאָטאַ", דעם ראַט צו העלפן יידן, האָב איך באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט אַ דאָקטער, וואָס האָט מסכּים געווען דורכצופירן אַן אָפּעראַציע אויף צו באַזײַטיקן אויך דעם דאָזיקן מכשול.

דער ערשטער אויספּרווו איז געמאַכט געוואָרן אויף מיר און אויף מײַנעם אַ פרײַנד, אינזש. דוד עפּשטיין. איך בין געווען אַסיסטענט אויך בײַ מײַן אייגענער אָפּעראַציע, וואָס האָט צוליב דעם געמוזט געמאַכט ווערן אין אַ זיצנדיקער פּאָזיציע. אין צוויי וואָכן אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מײַן אָפּעראַציע איז געראָטן, דערקעגן עפּשטיינס — נישט. פּאַציענטן זענען געווען אַ סך, אַפילו אין נאָענטן קרײַז פון מײַנע באַקאַנטע. במשך פון עטלעכע וואָכן זענען אַדורכגעפירט געוואָרן בערך פופצן אַזעלכע אָפּעראַציעס, בעת וועלכע איך האָב זיך אויסגעקוואַליפיצירט ווי אַ גוטער אַסיסטענט. איך האָב נישט געקענט דעם נאָמען פון דאָקטער און נישט זײַן אַדרעס. יעדן מאָל האָבן מיר זיך אָפּגערעדט אויף אַ געוויסן פּונקט, פון וואַנען איך האָב אים געפירט צו די פּאַציענטן. אין איינעם אַ טאָג איז דער דאָקטער נישט געקומען אויפן באַשטימטן אָרט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט זײַן נאָמען — ד"ר גראַבולסקי. ער האָט פיגורירט

אויף אַ רשימה פון דערשאָסענע דורך די נאַציס. זײַן אַרעסט איז געווען אַ צופעליקער, בעת אַ „לאַפּאַנקע״, און האָט נישט געהאַט קיין שײַכות צו אונדזער טעטיקייט. עס זענען אָבער פאַרבליבן עטלעכע פּאַציענטן, וועלכע מען האָט געמוזט איבערבינדן און אויך אַרויסנעמען די פעדעם פון דער אָפּעראַציע, אין קעגנפאַל האָט זיי געדראָט אַ בלוט־פאַרגיפטונג. מענטשן האָבן אויך געוואַרט אין דער ריי אָפּערירט צו ווערן... ווו געפינט מען אָבער אַ דאָקטער וואָס זאָל קאָנען און מסכּים זײַן עס צו טאָן, און בעיקר, צו וועלכן מען זאָל האָבן צוטרוי?

אַ נישטער טוענדיק אין מײַן זכּרון, האָב איך זיך דערמאָנט אין דאָקטער פעליקס קאַנאַבוס. כ׳האָב אים געדענקט פון די סטודענטישע יאָרן. בעת די אַנטיסעמיטישע אומרוען אין די וואַרשעווער הויכשולן אין דער צײַט פון פאַר דער מלחמה, איז ער געווען באַקאַנט מיט זײַן מוטיקער האַלטונג לגבי זײַנע יידישע אוניווערסיטעט־קאָלעגן. זײַן בילד איז אַפילו דערשינען אין אַנטיסעמיטישע צײַטונגען מיט דער אונטערשריפט: „יידישער פּאַכאַ־לעק״ (משרת). ווען כ׳בין געקומען צו אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער פאַרנעמט זיך שוין לענגער מיט אַזעלכע אָפּעראַציעס און איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער דאָקטער אין וואַרשע, וואָס האָט געפונען דעם בעסטן מעטאָד פון אויספירן זיי. איך ווייס פון עטלעכע פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט אויסשליסלעך אַ דאַנק דער אָפּעראַציע וואָס ד״ר קאַנאַבוס האָט דורכגעפירט. אין איין פאַל האָט אַפילו אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים זיך נישט געכאַפּט, אַז עס שטייט פאַר זיי אַ ייִד, וואָס איז געהאָלפן געוואָרן דורך אַ דאָקטער... בײַם אָפּערירן האָט אַסיסטירט זײַן פרוי, אויך אַ מעדיצין־דאָקטער, אַ טאָכטער פון באַקאַנטן אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע ליבעראַלן אינטעלעקטואַל, מיטאָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון דער „אָר־בעטער־געזעלשאַפט פרײַנד פון קינדער״ (ר.ט.פּ.ד.), אַלעקסאַנדער לאַנדי.

וויפל אַזעלכע אָפּעראַציעס ד״ר קאַנאַבוס האָט דורכגעפירט, איז שווער צו זאָגן. איך אַליין האָב פאַרמיטלט אין עטלעכע צענדליק. אַחוץ דעם האָט ער געגעבן מעדיצינישע הילף סײַ אין געטאָ, סײַ די אויסבאַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער״ זײַט. ער האָט אויך אַ סך געטאָן בײַם אַרויספירן יידן פון געטאָ, באַזאָרגט זיי מיט דירות און מיט „אַרישע״ דאָקומענטן. דערבײַ

האָט ער געהאַט עפּעס אַ באַזונדערע אינטויציע צו געפינען אַן אויסוועג פון די שווערסטע סיטואַציעס. איך פּערזענלעך האָב איבערגעלעבט מיט אים עטלעכע ביז גאָר דראַמאַטישע מאָמענטן, פון וועלכע מיר זענען על־פּי נס אַרויס לעבעדיקע אויסשליסלעך אַ דאַנק זײַן דרייסטקייט, וואָס האָט צו מאָל געגרענעצט מיט אַוואַנטוריזם.

✶

און אַזוי האָב איך, אַרבעטנדיק איבערן רעפּאָרטאַזש, געטראָפן צו ד״ר פעליקס קאַנאַבוס אין זײַן וווינונג אויף זשאַליבאָזש אין וואַרשע.

— ווילט איר, הייסט עס, איך זאָל אײַך דערציילן, ווי אַזוי איך בין געוואָרן דער „גויִשער מוהל" פון וואַרשעווער געטאָ? — פרעגט אין שפּאַס ד״ר קאַנאַבוס. — איר זעט? — ווײַזט ער מיר עטלעכע דיקע ביכער אין פראַכט־אײַנבונדן. — דאָס איז דער תּנ״ך אין דײַטש, אַן אָנדענק פון מײַן לעצטן באַזוך אין וואַרשעווער געטאָ.

עס שיטן זיך נעמען און פאַקטן פון פאַרשיידענע געשעענישן. אָבער לאָמיר דערציילן לויט אַ סדר וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער פּערזענ־לעכקייט.

ד״ר פעליקס קאַנאַבוס האָט געשטודירט מעדיצין אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט אין די יאָרן 1929—1934. דאָס איז געווען אַ צײַט פון גוואַלדיקער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע אויף די פּוילישע הויכשולן בכלל און אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט בפרט. די אָנפירער פון דער פאַשיס־טישער „נאַראַ" (נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע) האָבן פונאַנדערגע־פלאַקערט אַ קאַמף אַרום דעם פּראָבלעם פון מתים. היות די ייִדישע קהילה אין וואַרשע האָט צוליב רעליגיעזע טעמים אָפּגעזאָגט זיך צוצושטעלן מתים פאַר שולונגצוועקן, האָבן די אַנטיסעמיטן אונטערגענומען אַן אַקציע נישט צוצולאָזן די ייִדישע סטודענטן אויף די לימודים אין פּראָסעקטאָריום בײַם אוניווערסיטעט.

אין איינעם פון יענע טעג, ווען דער יונגער סטודענט פעליקס קאַנאַבוס האָט זיך גראָד געפונען לעבן פּראָסעקטאָריום, איז אָנגעקומען אַ כאָפּטע „נאַראַ"־לײַט, באַוואָפנטע מיט שטעקנס, אין וועלכע ס'איז בײַם שפּיץ געווען אַרײַנגעשטעלט אַ ראַזיר־מעסערל — „זשילעט". (פון דאַנען דער

נאָמען „זשילעטקע־העלדן״, מיט וועלכן מען האָט באַצייכנט די דאָזיקע כוליגאַנעס.) דעמאָלט זענען צופעליק אַנגעקומען עטלעכע ייִדישע סטודענטינס, אויף וועלכע די „נאַראַ״־לײַט האָבן זיך געוואָרפן מיט די דאָזיקע שטעקנס און גענומען זיי אַכזריותדיק שלאָגן. פעליקס קאַנאַבוס האָט זיך געשטעלט פאַרטיידיקן די אַנגעגריפענע קאָלעגינס, און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע סטודענטן איז זיי אַפילו געראָטן צו פאַרטרײַבן די כוליגאַנעס.

— דאָס איז געווען פון מײַן זײַט אַ פּשוטע מענטשלעכע רעאַקציע, — דערציילט ער איצט מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים באַשיידנקייט. — אָבער צו מאָרגנס האָט די אַנטיסעמיטישע ברוק־צײַטונג „דוואַ גראָשע״ געמאַכט פון מיר אַ „העלד״, באַצייכענענדיק מיך ווי אַן „אויסוואָרף און אויסנעמלעכן יחיד צווישן די פּאַטריאָטישע סטודענטן אין פּוילן״.

ווי איר זעט בין איך אין דער תּקופה פון דער אָקופּאַציע אַרײַן שוין מיט אַ געוויסער טראַדיציע, און דער עיקר, מיט אַ סך פרײַנד צווישן מײַנע ייִדישע פאַך־קאָלעגן. שוין אין די ערשטע טעג נאָכן אַרײַנמאַרשירן פון די היטלעריסטן קיין וואַרשע, בין איך געוואָרן דער „פּיקטיוווער אייגנטימער״ פון דעם הייל־אַנשטאַלט פון ד״ר אײַזיק שיפּריס, אויף דער האָזשאַ גאַס, 7. ווי אַ ייִד האָט דער אמתער באַלעבאָס נישט געטאָרט פירן דעם אַנשטאַלט. נאָכן אויפשטעלן די געטאָ איז דער אַנשטאַלט ליקווידירט געוואָרן און איך בין געווען באַשעפטיקט ווי אַ כירורג אין אַ קינדער־שפּיטאָל. ווי אַ דאָקטער האָב איך במשך פון אַ לענגערער צײַט געהאַט אַ דערלויבעניש אַרײַנצוקומען אויפן שטח פון געטאָ. כ׳האָב געקאָנט באַזוכן מײַנע פרײַנד און געבן זיי הילף אין די ראַמען פון מײַנע באַשיידענע מעגלעכקייטן. נאָך פאַרן שליסן די געטאָ האָט מײַן קאָלעגע, ד״ר לודוויק קעניגשטיין, זיך געוואָנדן צו מיר מיט דער בקשה צו מאַכן אים אַן אָפּעראַציע פון באַזײַטיקן די מילה. ער האָט באַטאָנט, אַז ביידע ווייסן מיר נישט ווי אַזוי אָנצוהויבן. וויל ער זײַן דער ערשטער פּאַציענט, וואָס וועט דינען פאַר אַן אויספּרווו־אָביעקט. אויב ס׳וועט נישט געראָטן, איז פאַרפאַלן. ייִדן, האָט ער געזאָגט, האָבן סײַ ווי נישט וואָס צו פאַרלירן, זיי זענען פאַרמישפּט. ס׳האָט זיך אויך געהאַנדלט אין ראַטעווען זײַן זון און אפשר אויך אַנדערע מענטשן.

בין איך געשטאַנען פאַר אַ גרויסן נסיון. מען האָט געדאַרפט דורכפירן

אַן אָפּעראַציע אַן אַ וועלכער עס איז פּריִערדיקער דערפאַרונג. אַן אָפּעראַציע וועגן וועלכער איר וועט נישט געפינען קיין מאַטעריאַל אין דער מעדיציני־שער ליטעראַטור, אַן אָפּעראַציע וואָס האָט נישט געהאַט קיין הײלצוועקן, האָט אָבער דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון פּאַציענט. צום ערשטן מאָל איז דאָס געווען אַ כירורגישע אימפּראָוויזאַציע, צו וועלכער סײַ דער דאָקטער און סײַ דער פּאַציענט זענען צוגעטראָטן מיט פּאַרקריצטע ציין.

עטלעכע טעג האָב איך זיך פאַרטראַכט איבער די מעטאָדן, ווי אַזוי דאָס צו מאַכן און לסוף צו עפּעס זיך דערטראַכט. די אָפּעראַציע איבערן דאָקטער קעניגשטײן האָב איך געמאַכט אין זײַן וווינונג אויף דער אַלטשטאָט. ס'האָט מיר אַסיסטירט מײַן פרוי, וואָס איז גאָר אַ קינדער־דאָקטער, ווי אויך די קראַנקן־שוועסטער האַלינאַ לאַנדי. צו אונדזער פאַרווונדערונג איז דער רעזולטאַט געווען אַ גוטער. מײַן צווייטער פּאַציענט איז געווען אַ קינד, ד״ר קעניגשטײנס זון. און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אין מײַן נײַער „פּראָפעסיע״. צו ערשט — צווישן מײַנע נאָענטסטע פרײַנד. צווישן זיי זענען געווען ד״ר מאַרגולעס, ד״ר טורש און אַנדערע. מיר האָבן אַפילו געפּער־נען אַ באַצייכענונג פאַר דער דאָזיקער פּראַקטיק, אָנרופנדיק זי „אַנטיריטור־עלע אָפּעראַציע פון דער מילה״.

אין אַ געוויסן טאָג, איך געדענק נישט גענוי די דאַטע, אָבער דאָס איז געווען שוין סוף 1942, איז צו מיר אין שפּיטאָל געקומען פּראָפ. אַדאָם דראַזדאָוויטש. אים האָב איך פון די סטודענטישע יאָרן נישט געקענט און בכלל נישט געהערט פון אים. ער האָט מיך אָוועקגערופן אין אַ זײַט און אָפן געזאָגט: „איך ווייס, אַז נאָר איר קאָנט אונדז העלפן. ביז איצט האָבן מיר דורכגעפירט אָפּעראַציעס פון „אַנטי־דישן״ מענער מיט דער הילף פון ד״ר גראַבולסקי, וועלכן די דײַטשן האָבן דערשאָסן״.

לכתחילה האָב איך זיך נישט מודה געווען און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט אַ טעות. ער האָט אָבער נישט רעזיגנירט. סוף־כּל־סוף האָט ער געוווּנען מײַן צוטרוי, איך בין מסכּים געווען. און ס'איז אָוועק אַן אַרבעט... די גרעסטע צאָל אָפּעראַציעס האָבן מיר געמאַכט אין 1943, פאַר און נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. בדרך־כּלל האָב איך נישט געקענט די אָפּערירטע מענטשן. מיטן באַזאָרגן די ערטער ווו דורכצופירן די אָפּע־

ראַציעס, האָט זיך פאַרנומען דראַזדאָוויטש, וואָס האָט מיר אויך אַסיסטירט. פאַר דער גאַנצער צײַט האָבן מיר אויסגעפירט בערך 70 אַזעלכע „אַנטירי־טועלע״ כירורגישע פאַרענדערונגען... ס׳האָט געטראָפן, הגם זייער זעלטן, אויך אַן אומגעלונגענע אָפּעראַציע. כ׳האָב זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי דער מוהל האָט מלה געווען. כ׳בין אויך געקומען צום אויספיר, אַז אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון פוילן איז די ברית־מילה געמאַכט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים. באַזונדערש שווער איז געווען מיט די יידישע מענער פון לובלינער געגנט, בײַ זיי איז די אָפּעראַציע זעלטן געראָטן. אָבער אויך אין די אַ פאַלן האָבן מיר געמוזט געפינען אַן אויסוועג. איר ווייסט דאָך, אַז די נויט איז די מוטער פונעם אײַנפאַל.

ד״ר קאַנאַבוס ווײַזט מיר אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן עלטערן מאַן:

— דאָס איז פּראָפ. זיגמונט ראַדלינסקי, אַ באַקאַנטער אין פאַרמלחמה־דיקן וואַרשע כירורג, וואָס איז געשטאָרבן אין 1940 אָדער 1941. ער איז געווען מײַן פּראָפעסאָר אויף דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע. בשעתו האָט ער מיר געשענקט זײַן בילד מיט אַ דעדיקאַציע. טאָקע די דאָזיקע דעדיקאַציע איז מיר גוט צו ניץ געקומען. אָט איז אַן עקזעמפּלאַר פון אַ בלאַנקעט מיט דער אונטערשריפט פון פּראָפ. ראַדלינסקי, וואָס איך האָב באַוויזן צו פאַרהיטן ביז הײַנט. פאַרשטייט זיך, די אונטערשריפט איז געפעלשט. ווען ס׳איז נישט געווען מעגלעך צו מאַכן די אָפּעראַציע, האָב איך אויף די דאָזיקע בלאַנקעטן אויסגעשטעלט אַ באַשטעטיקונג, אַז דער געגעבענער מענטש האָט אין די קינדעריאָרן געמוזט, צוליב מעדיצינישע סיבות, דורכמאַכן די מילה־אָפּעראַציע. איך האָב נישט געקאָנט אונטערשרײַבן אַזאַ באַשטעטיקונג שוין דערפאַר, וואָס מײַן דיפּלאָם איז ערשט פון יאָר 1937, און די מענטשן מיט אַזעלכע באַשײַניקונגען זענען געווען אַ סך עלטער. האָט דער דאָקומענט געדאַרפט זײַן מיט אַ פריערדיקער דאַטע, כדי נישט צו דעמאַסקירן די פעלשונג, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז בעת אַ דורכפאַל וואָלט איך דעקאָנספּירירט געוואָרן. דעם פּראָפעסאָר ראַדלינסקי האָט דאָס נישט גע־קאָנט ברענגען קיין שאָדן, ער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט.

מען דאַרף זאָגן, אַז די דאָזיקע אָפּעראַציעס זענען געווען נייטיק נישט

אַזוי בכדי זיך אויסצוהיטן פון די דײַטשן ווי פון די „שמאַלצאָווניקעס”. די דײַטשן האָבן זיך נישט שטאַרק אָריענטירט. דערקעגן די „שמאַלצאָוו־ניקעס”, וואָס זייער צאָל איז צו אונדזער שאַנד געווען גענוג גרויס, האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פון שאַנטאַזשירן אויסבאַהאַלטענע ייִדן. אין פאַל ווען זיי זענען אַרויפגעקומען אויף די שפּור פון אַן אויסבאַהאַלטענעם ייִד, איז זייער ערשטער גאַנג געווען אַרײַנצופירן דעם געכאַפּטן אין אַ טויער און אַראָפּלאָזן די הויזן... נאָך דעם האָבן זיי אַזוי לאַנג שאַנטאַזשירט זייער קרבן, ביז זיי האָבן אַרויסגעצויגן פון אים אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און צום סוף אים איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ. פאַר יעדן ייִד האָבן זיי געקראָגן אַ פלאַש בראָנפן אָדער עטלעכע קילאָ צוקער...

*

אונדזער שמועס איז פאָרגעקומען אַ קורצע צײַט נאָך דעם, ווי ד״ר קאַנאַבוס האָט אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין וואַרשע באַקומען די אויס־צייכענונג פון „יד ושם” פאַר חסידי־אומות־העולם.

— איך בין זיך מודה, — זאָגט דער דאָקטער, — אַז איך ווייס אַפילו נישט ווער ס׳האָט אַרויסגערוקט מײַן קאַנדידאַטור צו דער דאָזיקער אויס־צייכענונג, וועלכע איך באַטראַכט ווי אַ גרויסן כּבוד פאַר מיר. אָבער בעיקר איז אײַנגענעם צו פילן, אַז די מענטשן וועלכע מיר האָבן געהאָלפן אין דער נויט, האָבן אין אונדז נישט פאַרגעסן.

און ער זעצט פאָר:

— יאָ, אַז די געהאָלפענע מענטשן האָבן נישט פאַרגעסן אין אונדז, באַווײַזט נישט נאָר די האַרציקע קאָרעספּאָנדענץ און די נאָענטע באַציִונגען מיט אַ סך פון מײַנע ייִדישע פרײַנד פון יענע יאָרן, וואָס לעבן הײַנט אין פאַרשיידענע לענדער, נײַערט אויך דער פאָלגנדיקער פאַקט: אין 1965 בין איך געווען אויף אַ צוזאַמענפאָר פון כירורגן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אַ געוויסן אָוונט, ווען איך בין געזעסן מיט אַ גרופּע דאָקטוירים אין אַ רעסטאָראַן אין ניו־יאָרק, האָט זיך צו מיר געווענדט אַ פרוי וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען באַראַוויק. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך קען נישט אַ פּאַרפּאַלק, דאָקטוירים פון וואַרשע, וואָס האָבן בעת דער אָקו־פּאַציע געהאָלפן איר ברודער און זײַן פרוי, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון געטאָ.

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז געזוכט האָט זי דווקא מיך. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס איז אַ שוועסטער פֿון ד"ר קוריאַטסעפּער. זײַן פֿרוי האָט בעתן אַנטלויפֿן פֿון געטאָ געמפֿלט. צוזאַמען מיט ד"ר רומאַלט, וואָס איז אַ גינעקאָלאָג, האָבן מיר איר געגעבן מעדיצינישע הילף און אויסגעהיילט. נאָך דעם זענען זיי אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, ווו זיי האָבן געקעמפֿט און דערלעבט די באַפֿרײַונג. איצט לעבן זיי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. נו, וואָס פֿאַר אַ האַרציקע באַגעגעניש דאָס איז געווען, איז שווער אויסצו־מאָלן.

אָדער אַ צווייטער פֿאַקט: ערגעץ סוף פֿערציקער יאָרן טעלעפֿאָנירט צו מיר אַ מענטש, שטעלט זיך פֿאָר מיטן נאָמען ערליכסטער און זאָגט, אַז ער איז געקומען פֿון איטאַליע זוכן זײַן קינד. ער דערציילט, אַז בעת דער אָקופּאַציע זאָל איך האָבן געראַטעוועט זײַן קינד, אַ ייִנגל, אָבער ער, דער פֿאָטער, ווייסט נישט ווו זײַן זון געפֿינט זיך. אפֿשר קאָן איך העלפֿן אים אויסגעפֿינען.

יאָ, כ'האָב זיך דערמאָנט די געשיכטע מיטן קינד. אין יוני 1942 האָט מען געבראַכט צו מיר אין שפּיטאָל אויף קאָפּערניק־גאַס אַ ייִנגל, בײַ וועלכן אַ טראַמוויי האָט אָפּגעריסן אַ פֿוס. איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז נישט צופֿעליק האָט מען דעם ייִנגל געבראַכט צו מיר. ער האָט נישט געהאַט קיין שום דאָקומענט און געטענהט, אַז ער ווייס נישט זײַן פֿאַמיליע־נאָמען, ער ווייסט נאָר, אַז מען רופֿט אים לאָלעק. איך האָב גלײַך באַמערקט, אַז דאָס קינד איז גענוג אַנטוויקלט, כּדי צו וויסן זײַן פֿאַמיליע־נאָמען. אַגב, כ'האָב בײַ דער ערשטער אונטערזוכונג דערזען, אַז דאָס ייִנגל איז געמלט. ווען דער דירעקטאָר פֿון שפּיטאָל האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'איז אַ ייִדיש קינד און נאָך דערצו געמלט, האָט ער זיך דערשראָקן און גענומען מיך אונטער־טרײַבן, איך זאָל אים וואָס גיכער אויסשרײַבן פֿון שפּיטאָל.

עס זאָגט זיך, „אויסשרײַבן". אָבער וווּהין? אַרויסוואַרפֿן אויפֿן גאַס? דאָס האָט באַטײַט שיקן דאָס קינד אויף אומקום. עטלעכע מאָל האָט טעלע־פֿאָנירט אַ פֿרוי, אויסגעפֿרעגט אויפֿן געזונט־צושטאַנד פֿון קינד, און צוגע־זאָגט, אַז זי וועט בקרוב אים אָפּנעמען, אָבער קיינער איז נישט געקומען. אין איינעם אַ טאָג ווען איך בין געקומען אין שפּיטאָל, האָב איך באַמערקט,

אַז לאָלעק איז פאַרשווונדן. כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס קינד איז אַרײַנגעפאַלן אין די רוצחישע לאַפּעס פון געסטאַפּאָ. באַמערקנדיק מײַן נערווירן זיך, האָט די אַמטירנדיקע קראַנקן־שוועסטער מיך אָוועקגערופן אין אַ זײַט און געזאָגט, אַז עס זענען געווען געקומען צוויי קלויסטער־שוועסטער, זיך פאַרגעשטעלט ווי אַפּוטרופּסים פון קינד און אים צוגענומען. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן איז געקומען דער טאַטע, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און לעבט אין איטאַליע. מיר זענען אַרומגעפאָרן אין אַלע קלויסטערס, וועגן וועלכע איך האָב געוווּסט אַז בעת דער אָקופּאַציע זענען דאָרטן אויסבאַהאַלטן געוואָרן יידישע קינדער, אָבער אָן רעזולטאַטן. וויפל אַזעלכע קינדער זענען פאַרלוירן געגאַנגען?

איר פרעגט, פון וואַנען דער תנ״ך וועלכן איר האָט באַמערקט בײַ אַרײַנקומען. מיר האָבן זיך אַזוי פאַררעדט, אַז איך האָב וועגן דעם אין גאַנצן פאַרגעסן.

מאַרישע טורש, די פרוי פון מײַנעם אַ פרײַנד, איז בעת דער אָקופּאַציע געווען בײַ אונדז אין שטוב פּלומרשט ווי אַ הויז־אַרבעטערין. די גאַנצע צײַט האָט זי אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט איר מאַן און מײַן חבר, מיעטשיסלאַוו טורש. ער האָט נישט געקאָנט זיך ווײַזן פאַר מענטשן, ווײַל נישט די אָפּעראַציע וואָס איך האָב אים געמאַכט און נישט דער „אַרישער״ דאָקומענט האָבן נישט געקאָנט דעקן זײַן פיזיאָגנאָמיע, וואָס האָט שוין פון ווײַטן דעקלאַרירט, אַז ס׳איז אַ ייִד. אין מאַרץ 1943 האָט מען געזען, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף און ס׳קאָן ווערן צו שפּעט. האָבן מיר באַשלאָסן אים אַרויסצופירן פון געטאָ.

פאַר אַ גאַנץ באַדײַטנדיקער סומע האָט מאַרישע איבערגעקויפט דעם ייִדישן פּאָליציאַנט און דעם דײַטשישן זשאַנדאַר, וואָס האָבן יענעם טאָג געהיט איינעם פון די געטאָ־טויערן. איך בין אַרײַן אין געטאָ מיט אַ צוגעגרייטן פאַר אים „אַרישן״ דאָקומענט אויפן נאָמען פון מיעטשיסלאַוו טורשינסקי. ער איז דעמאָלט געווען באַשעפטיקט בײַם סאָרטירן ביכער, וואָס די נאַציס האָבן קאָנפיסקירט בײַ די ייִדן. ווען איך בין צו אים געקומען, האָט ער גראָד געהאַלטן אין האַנט דעם דאָזיקן תנ״ך. נאָך פון די קינדער־יאָרן האָב איך אַ שוואַכקייט צום דאָזיקן בוך פון אַלע ביכער. אין אַ פרײַער

מינוט צו לייענען אַ קאַפּיטל עמוס אָדער ירמיהו איז אַ גײַסטיקער פאַר־געניגן. איך האָב זיך אַפילו נישט פאַרטראַכט, גענומען דעם תנ״ך און גע־זאָגט: „מיעטעק, מיר גייען!״

ער האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט: גיין און נאָך מיטנעמען דעם תנ״ך, צוליב וועלכן מיר קאָנען אַרײַנפאַלן און באַצאָלן מיטן לעבן?

איך מוז זאָגן, אַז ער איז געווען גערעכט. דאָס איז געווען פון מײַן זײַט אַן אַוואַנטורע. און אפשר איז עס גאָר געווען אַ מין שטאַרקער גלויבן אין נצחון פון מענטש איבער דער נאַצישער בעסטיע? כ׳האָב נישט רעזיגנירט, נישט אָפּגעזאָגט זיך פונעם תנ״ך. מיעטעק האָט זיך נישט געקאָנט באַוויַיזן אין גאַס צוליב זײַן סעמיטישן אויסזען. די גאַנצע צײַט נאָכן אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. דרײַ מאָל האָט ער געביטן דירות, לאַווירט און געבליבן לעבן. און אָט איז דער תנ״ך, אַ זכר פון יענע טעג...

וואַרשע, אַפּריל 1967

די פרוי וואָס האָט פאַר זיך אַ קבר געגראָבן

בושעזשאַני איז אַ קליין שטעטל אין דער געגנט פון טאַרנאָפּאָל. ווי אין אַ סך שטעטלעך פון מערב־אוקראַיִנע, איז אויך דאָ די מערהייט פון די זעכצן טויזנט אײַנוווינער געווען ייִדן. דאָ, ווי איינע פון די צען קינדער פון דעם וואָלדוועכטער שניאַדעצקי איז אויסגעוואַקסן זאָפיע. איר פאָטער, אַן אַנטיילנעמער אין די אויפשטאַנדן פון פוילן, האָט דערצויגן זײַנע קינדער אין גײַסט פון פּאַטריאָטיזם, אָבער אויך מיט טאָלעראַנץ לגבי מענטשן פון אַנדערע פעלקער. די משפחה האָט דעריבער געהאַט גוטע באַציִונגען מיט זייערע ייִדישע און אוקראַיִנישע שכנים.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה איז דער געוועזענער אויפשטענדלער שניאַדעצקי געווען שוין צו אַלט, כּדי ווידער נעמען דאָס געווער אין האַנט. אָבער זאָפיע, די צאַרטסטע צווישן זײַנע קינדער, דווקא זי האָט אויסגעקליבן דעם געפאַרפולן וועג פון קאַמף.

פון פּראָפעסיע איז זאָפיע שניאַדעצקי געווען אַ לערערין. זי האָט גוט באַהערשט די דײַטשישע שפּראַך, געווען אַ ליבהאָבערין פון דער דײַטשי־שער ליטעראַטור. אויף די דײַטשן האָט זי געקוקט ווי אויף הויך קולטורעלע מענטשן. דער פאַשיזם, ראַסיזם און בכלל די פּאָליטיק זענען איר ווייניק אָנגעגאַנגען. ווען אין האַרבסט 1939 זענען צו זיי אין שטעטל געקומען פליטים פון צענטראַל־פּוילן און דערציילט וועגן די גרויל־מעשׂים פון די היטלעריסטן, איז איר פשוט געווען שווער אין דעם צו גלייבן.

אין בושעזשאַני זענען די דײַטשן אַרײַן אין יוני 1941, נאָך זייער אַנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. גלײַך אין ערשטן טאָג האָבן זיי אונטערגעצונדן די שטעטלשע שיל ווי אויך די שכנותדיקע ייִדישע הײַזער. אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי געכאַפּט פופציק ייִדן, צווישן זיי קינדער און זקנים, פאַרטריבן זיי צום טײַך און אַלע דערטרונקען. די פּוילישע און אוקראַיִנישע אײַנוווינער

האָבן זיי געהאַט צוזאַמענגעטריבן צו קוקן אויף דעם בייזן וואונדער. דאָס האָט געדאַרפט זײַן פאַר זיי אַ לעקציע...

צוויי טעג שפּעטער האָבן די דײַטשן צונױפֿגענומען די גאַנצע אינטע־ליגענץ פון שטעטל און דערשאָסן אויף די אויגן פון זייערע משפחות. באַלד נאָך דעם איז געקומען דער באַפעל, אַז ייִדן מוזן טראָגן געלע לאַטעס מיטן מגן־דוד.

— איר ווייסט, — זאָגט פרוי זאָפיע, — עס זענען פאַראַן צופעליקע געשעענישן, וואָס האָבן אַ ווירקונג אויפן כאַראַקטער און אויפן לעבן פון מענטש. ביי מיר איז דאָס געשען אַוודאי אין יענעם טאָג, ווען איך האָב צופעליק באַגעגנט אין גאַס אַ ייִד, מײַנער אַ באַקאַנטער, וויטריאַל. ווי גע־ווײנטלעך האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן און באַגריסט. פלוצעם האָב איך דער־פילט די רער פון אַ ביקס אויף מײַנע פּלייצעס. אַ דײַטשישער זעלנער האָט אויסגעשריִען: „דו פאַרפלוכטע פּאָלין!" און געהאַט צו מיר אַ טענה, הלמאַי איך ווייס נישט, אַז מען טאָר נישט האָבן קיין מגע־ומשא מיט ייִדן. מײַן ייִדישן פרײַנד האָט ער מערדערלעך צעשלאָגן. דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שוידערלעכן אײַנדרוק און געווייס גורם געווען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין מײַן אופן דענקען.

מיט דער צײַט האָט זיך אין שטעטל געשאַפן אַ פּוילישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן מיט דער „אַ.ק." (אַרמיאַ קראַיאָוואַ). זאָפיעס ברודער איז געווען אַ מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע. ער איז אומגעקומען אין היטלעריסטישן לאַגער מאַוטהאַוזען. אויך זאָפיע האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט דער „אַ.ק.".

אין אַ געווייסן פּעריאָד האָט מען פון דער געגנט גענומען אַרויסשיקן מאַסנווײַז פרויען אויף צוואַנגאַרבעט אין דײַטשלאַנד. דאָס גוט קענען דײַטש האָט איר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך פון דער גזירה. זי האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ דײַטשישער אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען שמאַטעס, אײַזנברוך אאַז״וו. די מאַגאַזינען פון דער אונטער־נעמונג האָבן זיך געפונען אויפן געטאָ־שטח, היות די מערהייט סחורה איז געווען דאָס קאָנפיסקירטע ייִדישע פאַרמעגן. דאָס האָט זאָפיען געגעבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ קאָנטאַקט מיט ייִדן, וואָרענען זיי וועגן אויס־

זידלונגען און אויך העלפן זיך אויסצובאַהאַלטן. זי האָט אַפּילו געדונגען אַ דירה נאָענט צו דער געטאָ, וואָס זאָל דינען ווי אַן איבערגאַנג־פּונקט פאַר אַנטרונענע ייִדן פון הינטערן צוים. ס׳זענען אין געטאָ געווען יוגנטלעכע, וואָס האָבן ערנסט געטראַכט וועגן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. עטלעכע מאָל איז זאָפיען געלונגען צו באַזאָרגן געווער פאַר זיי. דאָס געווער פלעגט זי קויפן ביי אַ דייטשישן זעלנער, פאַרשטייט זיך, פאַר גאָר הויכע פּרייזן.

אין מיי 1942 האָט זאָפיע זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן גרייטן אַ גרע־סערע אויסזידלונג פון ייִדן. אירע אַ שול־חברטע, רוזשע פּאָדהאָרצער, האָט זי געבעטן איר העלפן אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ און שאַפן אַן אויס־באַהאַלט אויך פאַר אירער אַ שוועגערין, צוויי קינדער און אַ ברודער, אַ באַקאַנטער אין שטעטל דענטיסט, אַרנשטיין, וואָס אויך ער האָט געהאַט מיט זיך אַ ייִנגל פון זעקס יאָר. פאַר אַרנשטיינען האָט זאָפיע באַקומען „אַרישע״ דאָקומענטן אויפן נאָמען לודוויק אַרנאַטאָווסקי.

— יאָ, איר זענט גערעכט, דאָס איז איצט מיין מאַן. פון דאַנען מיין איצטיקער פאַמיליע־נאָמען, — באַמערקט זאָפיע.

לאָמיר זיך אומקערן צו יענע דראַמאַטישע געשעענישן. זאָפיען האָט זיך איינגעגעבן איינצואָרדענען איר ייִדישע שול־חברטע מיט איר משפחה ביי אַ פּויערטע מיטן נאָמען אַסטראָווסקאַ, וואָס האָט געהאַט אַ כאַטע אויפן סאַמע ראַנד פון וואַלד, עטלעכע קילאָמעטער פון שטעטל. ווי אין יעדער דאָרפישער כאַטע איז דאָרטן געווען אַ קעלער, וועלכן זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַן אויסבאַהאַלט־בונקער. דאָ פלעגן זיי זיצן ביי טאָג. ביי נאַכט פלעגן זיי אַרויסגיין אין וואַלד כאַפּן אַ ביסל לופט. פון געטאָ האָט זאָפיע זיי געהאַט אַרויסגעפירט איינציקווייז.

— עס רעדט זיך, „אַרויסגעפירט״, — באַמערקט מיט אַ ביטערער איראָניע זאָפיע. — מיר האָבן געלעבט אין אַ קליין שטעטל, וווּ יעדערער האָט געקענט איינער דעם צווייטן. ס׳האָבן נישט געפעלט אַזעלכע וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו כאַפּן אַ ייִד. דאָס איז נישט געווען פאַר זיי סתם אַ פאַרוויילונג. זיי האָבן באַקומען פאַר יעדן ייִד 500 זלאָטעס אָדער אַ ליטער בראָנפן... דאָס שווערסטע איז געווען מיט מיין איצטיקן מאַן, כאָטש ער האָט געהאַט אַן „אַרישן״ דאָקומענט. ער האָט אָבער

אויסגעזען שטאַרק סעמיטיש, דערצו, ווי אַ דענטיסט, האָבן אים געקענט כּמעט אַלע אײַנוווינער פון שטעטל. מיר האָבן אים צוגעקלעפּט לאַנגע וואַנצעס און איבערגעטאָן פאַר אַ פּויער.

אין בונקער איז געווען שרעקלעך ענג. עס האָט אויך כּסדר געלאָקערט די געפאַר מצד יעדן שכן. און ווי קאָן מען געבן צו פאַרשטיין אַ זעקס יאָריק קינד, אַז מען טאָר נישט וויינען, נישט לאַכן, נישט באַוועגן זיך, נישט זאָגן אַ הויך וואָרט, נישט אַרויסגיין אויף דער לופט. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז אין דער באַהעלטעניש וועלן בלײַבן די פרויען מיט די צוויי מיידלעך, וועלכע זענען שוין געווען עלטער און האָבן שוין עפּעס וואָס פאַרשטאַנען. דערקעגן אָרנשטיין מיטן ייִנגעלע וועלן דערווײַלע זײַן בײַ זאָפיען אין שטוב, ביז זי וועט געפינען פאַר זיי אַ צווייטן, מער זיכערן אויסבאַהאַלט.

נישט געווען אַזוי לײַכט צו געפינען אַ מקום-מיקלט. צוויי מאָל האָט זאָפיע באַצאָלט גרויסע סומעס פאַר אויסבאַהאַלטן דאָס קינד. אָבער נאָך עטלעכע טעג האָט מען אים צוריקגעבראַכט. אַן אַנדערש מאָל האָט זי זיך דערוועדט מיט מענטשן פון שטעטל קאָזאָוואָ, עטלעכע קילאָמעטער פון בזשעזשאַני. ווען זי האָט געבראַכט דאָס ייִנגל, האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר זײַן סעמיטישן אויסזען און אָפּגעזאָגט זיך אים אָנצונעמען.

— געווען איז סוף נאָוועמבער, — דערציילט סאָפיע. — דער פראָסט האָט געברענט. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. איך בין געבליבן מיטן קינד אין גאַס. זעכצן קילאָמעטער האָב איך עס געטראָגן אויף דער פּלייצע אין טויטשרעק פאַר די דײַטשישע פּאַטרולן און אוקראַיִנישע באַנדיטן, וואָס האָבן געלויערט אויף שריט און טריט. דערבײַ האָט זיך דאָס קינד צוגעקילט און באַקומען היץ. לסוף האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויסצובאַהאַלטן אים בײַ דעם וואַלד־וועכטער לאָרענץ, אין דער געגנט פון קראָסנע. ער און זײַן פרוי זענען געווען זייער אײדעלע און אָנשטענדיקע מענטשן. שטעלט אײַך פאָר אונדזער מזל: ווי נאָר מיר האָבן באַוויזן אַרויסצופירן דאָס ייִנגל, זענען אין זעלבן אָוונט געקומען צו אונדז געסטאַפּאָווצעס און געפרעגט: „וואו איסט דער קלײַנע יודע?"

איר פרעגט וועגן גורל פון קינד? ער האָט שוין הײַנט זײַן אייגענע משפחה, אַ פרוי מיט צוויי קינדער. ער האָט אויסגעקליבן די זעלבע פראַ־

פּעסיע וואָס זײַן פֿאָטער, געענדיקט די מעדיצינישע אַקאַדעמיע און איז אַ זעלבשטענדיקער דענטיסט.

אויב מען רעדט שוין וועגן מזל, דאַרף איך זאָגן, אַז דאָס גאַנצע לעבן פֿון יענער צײַט זעט בײַ מיר אויס ווי עפּעס אַ נס. איר זעט דאָס בעט?

מיר האָבן שוין פֿאַר דער צײַט נישט איין מאָל געביטן דאָס מעבל, אָבער דאָס בעט האָבן מיר איבערגעלאָזט ווי אַן אָנדענק. אָט דאָ, צווישן דעם מאַטראַץ און די ברעטער איז געלעגן אָרנשטיין, בעת די געסטאַפּאָ איז געקומען זוכן דאָס קינד. שטעלט אײַך פֿאָר, זיי האָבן אים נישט אויפֿגעדעקט! די באַלעבאָסטע פֿון שטוב האָט אָבער ווײַזט אויס חושד געווען, ווער עס געפֿינט זיך בײַ מיר אין צימער. זי האָט זיך שרעקלעך דערשראָקן און נישט געוואַרט ביז כ׳וועל פֿאַרלאָזן די דירה, נאָר איז אַליין אַנטלאָפֿן. אויף איר אָרט האָב איך באַקומען נײַע שכנים — דײַטשישע זשאַנדאַרן... אונדז האָט אָפּגעטיילט פֿון זיי אַ דין װענטל און דערצו נאָך איז אין װענטל געווען אַ טיר, וואָס מיר האָבן פֿאַרשטעלט מיט אַ שאַנק. בײַ נאַכט האָט איינער פֿון אונדז שטענדיק געמוזט וואַכן. די דײַטשישע שכנהשאַפֿט האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גליק, ווײַל ס׳האָט אָפּגעצויגן פֿון אונדז דעם חשד.

אַחוץ מײַן אָפֿיציעלער אַרבעט האָב איך געמוזט זוכן אַ וועג צו פֿאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן זעקס מענטשן. יעדן טאָג האָב איך געדאַרפֿט באַזאָרגן מיט עסן די פּרויען אין בונקער. ס׳פֿלעגן אויך קומען אַנדערע יידן בעטן הילף. צום בײַשפּיל, אויפֿן וועג צום בונקער פֿלעג איך אָפֿט טרעפֿן אַן אָפּגעריסענע פּרוי, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַ מיידעלע געפּאַשעט בהמות. ס׳איז מיר קיין מאָל נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז זי איז אַ יידישע. נאָר איין מאָל האָט זי מיך פֿאַרהאַלטן און, ווי זי זאָל וויסן ווער איך בין, דערציילט, אַז זי באַהאַלט זיך דאָ אויס בײַ אַ פּויער, וואָס האָט באַקומען פּחד און וויל זי מער נישט האַלטן. זי האָט שוין מער נישט קיין כּוח. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן זיך צוזאַמען מיטן קינד צו די דײַטשן. זי האָט אָבער נישט דעם מוט אַליין דאָס צו טאָן. בעט זי מיך, איך זאָל דאָס טאָן פֿאַר איר... „זיי וועלן אײַך נאָך באַגיטיקן דערפֿאַר״ — האָט זי צוגעגעבן.

דאָס האָט מיר געגעבן אַ טיאָכקע אין האַרצן. וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן?... כ׳האָב זי באַרויִקט און צו מאָרגנס האָב איך זי אָוועקגעפֿירט צו מײַנער אַ באַקאַנטער פּויערטע, וואַצלאַוויק, אין דאָרף שיבאַלין. דאָרטן זענען זיי פֿאַרבליבן ביז צו דער באַפֿרײַונג. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען די פֿרוי פֿון דעם אַפּטייקער שמייק, פֿון אַ שכנותדיק שטעטל. אויך ער האָט זיך געראַטעוועט. די משפּחה לעבט איצט אין פֿראַנקרײַך. מיר האַלטן אָן אַ סטאַבילע קאָרעספּאָנדענץ.

איך געדענק גענוי, דעם 28סטן מאַרץ 1944, אין אָוונט איז די שוועסטער פֿון מײַן איצטיקן מאַן, רוזשע פֿאָדהאָרצער, אַרויס פֿון בונקער, געקומען צו מיר און געזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז זי דאַרף געבוירן. אין בונקער איז דאָס נישט מעגלעך געווען, נישט נאָר צוליב סאַניטאַרע טעמים, איר באַלעבאָסטע האָט פּשוט מורא געהאַט אַז איר שכן וועט דאָס הערן און מער ווי זיכער, אַז ער וועט באַלד אַלעמען אַרויסגעבן דער געסטאַפּאָ. מײַנע דײַטשישע שכנים האָבן באַמערקט ווען רוזשע איז געקומען. איז געבליבן איין אויסוועג: אַרײַנצי׳ען די דײַטשן אין סוד. מיר איז אײַנגעפֿאַלן צו זאָגן אַז רוזשע איז מײַן שוועסטער. זי האָט פֿאַרשוואַנגערט פֿון אַ דײַטשישן סאָלדאַט און דערפֿאַר האָבן זי די עלטערן אַרויסגעטריבן פֿון שטוב, און איך קום בעטן הילף בײַ זיי, די דײַטשן...

די געבורט איז געווען אַ שווערע. האָט זיך אָנגעהויבן בײַ נאַכט, שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה. איינער פֿון די זשאַנדאַרן איז געגאַנגען מיט מיר רופֿן אַ דאָקטער. דעם צווייטן אַפּריל איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע.

נעמען דאָס קינד אין בונקער איז נישט געווען מעגלעך. דאָס האָט באַטײַט אומברענגען אַלע, אויך אירע צוויי עלטערע קינדער. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דאָס קינד וועט בלײַבן בײַ מיר. בײַ מײַנע דײַטשישע שכנים איז דאָס שוין געווען לעגאַליזירט. דערצו נאָך, ווי אַ קינד פֿון אַ דײַטש... יענע צײַט איז פֿאַר מיר געווען די שווערסטע. כ׳האָב זיך ממש אײַנגעבראָכן פֿיזיש. דאָס קינד האָט גאַנצע נעכט געוויינט, ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל עס זייגן. כ׳האָב געפֿילט, אַז לאַנג וועל איך נישט אויסהאַלטן. דערצו איז צוגעקומען אַ נײַע, נאָך גרעסערע צרה, וואָס קיינער האָט אין ערגסטן חלום נישט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן.

די מאַמע פון קינד איז אַראָפּ פון זינען! אומבאַמערקט איז זי אַרויס פון בונקער און אין מיטן אַ העלן יוני־טאָג, שוין אַזוי נאָענט צו דער באַפרײַונג איז זי געלאָפן איבערן דאָרף און געשריִען, אַז בײַ דער אַסטראָוו־סקאַ אין קעלער באַהאַלטן זיך ייִדן...

אויף דעם האָט ווי געוואָרט דער שכן, דער באַנדיט גײַעווסקי. ער האָט גלײַך אַראָפּגעבראַכט די געסטאַפּאָ. אַרום צוויי אַזייגער בײַ טאָג האָבן מיר דערזען דורכן פענצטער, ווי פּאָליציי פירט אַוועק די אַסטראָווסקאַ צוזאַמען מיט די אויסבאַהאַלטענע ייִדן...

זיי האָב איך שוין נישט געקאָנט העלפן. מען האָט אָבער געמוזט באַ־שליסן ווי מיר אַליין זאָלן זיך ראַטעווען. נישט ווײַט פון מיר האָט געוווינט מײַן ברודער, בײַ וועלכן ס'האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַן אָפיציר פון „אַ.ק.". איך בין צו אים אַוועק און געזאָגט, אַז אַרנשטיין איז אַ פּוילישער אָפיציר, וועלכן מען מוז אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג. (אַן „אַרישן" דאָקומענט האָט ער געהאַט.)

מײַן ברודער האָט אים גענומען צו זיך און ער איז דאָ פאַרבליבן צוזאַמען מיטן פּוילישן אָפיציר ביזן אָנקומען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. איך בין אַנטלאָפן מיטן קינד צו אַ באַקאַנטער, וואָס האָט געוווינט עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט. בײַ טאָג פלעג איך זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ סטויג היי אויפן פעלד, בײַ נאַכט — אין אַ שײַער. אַזוי האָב איך זיך אָנגע־מאַטערט אַ וואָך צײַט און מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. כ'האָב זיך אײַנ־געבראָכן. אַ גלײַכגילטיקע צו אַלעם בין איך צוריק אַוועק צו זיך אין שטוב, כאָטש איך האָב אָפּגעשאַצט דאָס, וואָס עס קאָן מיך דערוואַרטן.

טאַקע גלײַך צו מאָרגנס זענען געסטאַפּאָוצעס באַפאַלן מײַן וווינונג. ווי נאָר זיי זענען אַרײַן האָבן זיי מיך גענומען מערדערלעך שלאָגן. האָבן מיר צעבראָכן דעם שאַרבן, פון וואָס איך לײַד ביזן הײַנטיקן טאָג. קודם־כּל האָבן זיי געפאָדערט, איך זאָל זיי אָפּגעבן דאָס גאָלד וואָס די ייִדן האָבן מיר באַצאָלט פאַרן אויסבאַהאַלטן זיי... מען האָט מיך גענומען אין געסטאַפּאָ און כסדר געפאָרשט, ווו איז דער ייִד, וואָס איז געווען בײַ מיר אין שטוב. די אויספאָרשונג און די פּײַניקונגען האָבן געדויערט עטלעכע טעג. כ'האָב זיך צו גאָר נישט מודה געווען.

אין אַ זוניקן פרימאָרגן האָט מען מיך אַרויסגעפירט אויפן ייִדישן בית־עלמין. באַפוילן, איך זאָל אַליין גראָבן פאַר זיך אַ קבר. איינער פון די שיינע לײַט האָט געזאָגט: „עס וועט דיר געוויס ליב זײַן צו בלײַבן דאָ מיט די ייִדן, וועלכע דו האָסט אַזוי ליב געהאַט"... פריִער האָט אַ צווייטער מיר איבערגעלייענט דעם אָפיציעלן אורטייל, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז „פאַר ביז גאָר שווערע פאַרברעכנס קעגן דער זיכערקייט פון דײַטשישן רײַך ווער איך פאַרמישפּט צום טויט דורך שיסן".

ווען כ'האָב געגראָבן די גרוב האָט זיך פּלוצעם דערהערט פון הינטער דער מויער אַן אויסגעשריי: „די סאָוועטן גייען!" דאָס קלינגט איצט אפשר אומגלייבלעך, אָבער מײַן גאַנץ לעבן הער איך געװיי דעם קלאַנג פון אָט דעם אויסגעשריי. איך געדענק אַפילו נישט ווי די דײַטשן זענען אַנטלאָפן. כ'בין ווײַטער געשטאַנען מיט דער לאָפּעטע אין האַנט, ווען ס'איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן מײַן ברודער. ער האָט מיך אַנגענומען פאַר אַ האַנט און געשלעפּט נאָך זיך. מיר זענען געלאָפן און איך האָב נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז געשען. ווײַזט זיך אַרויס, אַז מײַן ברודער האָט אָבסערווירט מײַן וועג צום טויט און ער איז געפאַלן אויף דער דאָזיקער המצאה. דאָס איז נישט געווען ווײַט פון אמת. קורץ נאָך דעם האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ סאָוועטישער טאַנק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאַניק בײַ די דײַטשן. דעם זעלבן טאָג זענען זיי אַנטלאָפן פון בזשעזשאַני. מיר זענען געווען פרײַ.

וואַרשע, אַפּריל 1964

אין פאַרמעסט מיטן טויט

ד״ר יאַן זשאַבינסקי איז באַקאַנט אין פוילן מיט זײַנע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער און די ראַדיאָ־אוידיציעס פאַר קינדער און יוגנט. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אויך געווען באַקאַנט ווי דער דירעקטאָר פון זאָאָלאָגישן גאָרטן אין וואַרשע און איינער פון די גרעסטע מומחים אין זאָאָלאָגיע בכּלל. ווייניק מענטשן ווייסן אָבער וועגן דער מסירת־נפש וואָס ער און זײַן פרוי, אַנטאָנינאַ, אַ טאַלאַנטפולע שרײַבערין, האָבן אַרויסגעוויזן אין דער חורבן־תּקופה.

ווען איך האָב גערעדט מיט זיי, העכער צוואַנציק יאָר נאָך יענע טראַגישע, פולע מיט טויט־סכּנות געשעענישן, האָט ער געפּרוּווט אָפּפּטרן די העלדישקייט, פון אים און זײַן פרוי, מיט אַ — „ווייס איך וואָס...״ ניין, דאָס איז נישט געווען קיין אָנשטעל פון איבערגעטריבענער באַשיידנקייט. גיכער איז דאָס נאַיוּוקייט פון אַ ליבעראַלן אינטעלעקטואַל, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך פאַרנומען מיט פאָרשן דאָס לעבן פון חיות און נישט באַמערקט די חיה וואָס אין מענטש.

דער זאָאָלאָגישער גאָרטן אין וואַרשע איז אין גרעסטן טייל חרוב געוואָרן בעת די באָמבאַרדירונגען און קאַמפן, אין סעפּטעמבער 1939. דאָס וואָס איז פאַרבליבן האָבן די היטלעריסטן צעראַבעוועט און אַרויסגעפירט קיין דײַטשלאַנד. די קאַמערן און שטײַגן פאַר חיות און פייגל, צעוואַרפענע אויף אַ שטח פון פערציק העקטאַר, זענען צו יענער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מקום־מיקלט פאַר די, וואָס זענען גערודפט געוואָרן ערגער ווי חיות בעת דער יאַגד.

ד״ר זשאַבינסקי איז געווען אַקטיוו אין דער פוילישער ווידערשטאַנדבאַוועגונג און אויפן שטח פון גאָרטן האָט ער אויסבאַהאַלטן אַ מאַגאַזין מיט געווער און אַמוניציע. דאָס איז געווען אַ סוד אַפילו פאַר זײַן פרוי.

— איר פאַרשטייט, — דערקלערט ער ווי וועלנדיק זיך פאַרטיידיקן,

— מיר האָבן דעמאָלט געהאַט צוויי קינדער, אַ ייִנגל פון נײַן יאָר און אַ מיידעלע, וואָס איז נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן. די מאַמע זייערע, ס׳הייסט, מײַן פרוי, האָט קודם־כּל געדאַרפט זאָרגן פאַר די אייגענע קינדער. פון דעסטוועגן...

דורך דער שטוב פון די זשאַבינסקיס זענען אַדורך עטלעכע צענדליק ייִדן. געווען אַזעלכע וואָס זענען געשיקט געוואָרן אַהער דורך דעם „זשע־גאָטאַ״ (ראַט פאַר העלפן ייִדן), און האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן עטלעכע וואָכן, ביז ס׳איז באַשטימט געוואָרן זייער ווײַטערדיקער גורל. די ייִדן האָט מען, בדרך־כּלל, אויסבאַהאַלטן אין די ליידיקע שטײַגן. געווען אַזעלכע, וואָס ד״ר זשאַבינסקי האָט פּערזענלעך אַרויסגעפירט פון געטאָ אָדער וואָס זענען געקומען צו אים פון אייגענער איניציאַטיוו. די אַ ייִדן האָבן די זשאַ־בינסקיס אויסבאַהאַלטן אין זייער שטוב, לעגאַליזירנדיק עטלעכע פון זיי אַלס „אַריער״. געווען זענען עס צום גרעסטן טייל מענטשן פונעם קרײַז פון זייערע פאַרמלחמהדיקע פרײַנד, ווי די משפּחה פון באַקאַנטן זאָאַלאָג, שמעון טענענבאַום, דער אַדוואָקאַט קראַמשטיק, אַ זון פון באַוווּסטן ייִדיש־פּוילישן פיזיקער, אַ. קראַמשטיק, די אַסיסטענטין פון פּראָפ. לודוויק הירש־פעלד — ראָזע אַמזעל, די סקולפּטאָרין מאַגדאַלענאַ גראָס און אַנדערע. אָבער אַנטאָנינאַ זשאַבינסקאַ האָט מיר דערציילט דווקא די געשיכטע פון אַ פּשוטער פרוי, רעגינע קעניגסוויין, אַ טאָכטער פון דעם גרינצײַג־סוחר שמואל סאָבאָל, וואָס איז במשך פון יאָרן געווען דער צושטעלער פון גרינס און פּרוכטן פאַר די חיות אין גאָרטן. און אָט ווי זי האָט געשילדערט די אויסטערלישע באַגעגעניש מיט רעגינען אין יענע טעג:

— דאָס איז געווען אין אָוונט, נאָענט צו דער פּאָליציי־שעה. דאָס וועטער איז געווען ווי דאָס געמיט. ס׳איז געפאַלן אַ שניי, געמישט מיט רעגן און באַגלייט פון אַ שטאַרקן ווינט. כ׳בין געזעסן אין עסצימער און פלוצעם דערהערט ווי יאַן רופט פון קיך: „אַנטאָשיאַ, אַנטאָשיאַ, קום, זע וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן! סאָבאָלס טאָכטער!״

מיר האָבן שטענדיק באַוווּנדערט איר פאָטער. דער דאָזיקער פּשוטער, אַרבעטזאַמער מענטש האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גוטסקייט, אײַנגעבוי־רענער אינטעליגענץ און חכמה. אונדז האָט ער באַשאָנקען מיט ספּעציעלער

פריַינדשאַפט. אויף פסח האָט ער קיין מאָל נישט פאַרגעסן צו ברענגען אַ מתּנה, די טראַדיציאָנעלע מצות. ווען ער האָט אויסגעגעבן זײַן טאָכטער, רעגינען, זענען מיר געווען צווישן די געסט אויף דער חתונה. די כּלה האָט אונדז דעמאָלט באַצויבערט מיט איר שיינקייט.

איצט איז זי געשטאַנען פאַר מיר, די אַ מאָל שיינע רעגינע, געענדערט אויף נישט צו דערקענען. בעיקר האָט אויף מיר געווירקט דער אויסדרוק פון אירע אויגן. מיר האָבן אין דער ליטעראַטור אַן אַ שיעור באַשרײַבונגען פון מענטשלעכע אויגן: גוטע, שלעכטע, מיאוסע, גליקלעכע, פאַרצווייפלטע... ווער ס'האָט אָבער געקוקט אין די אויגן פון דער פאַרמישפּטער יונגער מאַמע, דער ווייסט, אַז דאָס קאָן מען נישט באַשרײַבן און מען קאָן עס נישט פאַרגעסן ביזן סוף פון לעבן.

די פּנימלעך פון די צוויי עופעלעך וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, האָבן אויסגעדריקט שרעק און טרויער. דאָס ייִנגעלע וואָס איז געווען עלטער, האָט געקוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן. ער האָט געזאָגט צו רעגינען: „ווײַן נישט מאַמע, דאָ וועט מען מסתּמא קאָנען בלײַבן". ס'האָט מיך באַהערשט אַ געפיל פון חרפּה פאַר מײַן אומבאַהאָלפנקייט, פאַר דער רגע פון פּחד...

און אַט זיצט זי פאַר מיר אין איר וווינונג אין עכּו, די זעלבע רעגינע, אויף וועלכער ס'זענען נאָך פאַרבליבן סימנים פון שיינקייט, נישט געקוקט אויף די פיר צענדליק יאָר וואָס טיילן אונדז אָפּ פון יענע טעג. זי דערציילט איר ווערסיע פון דער באַגעגעניש מיט די זשאַבינסקיס אין יענעם האַרבסט־אָונט פון 1943.

— איר גלייבט אין אַ חלום? — פרעגט זי פּלוצעם.

רעגינע קעניגסווײַן־צאַודער מאַכט נישט דעם אײַנדרוק פון אַ פרוי וואָס גלייבט אין חלומות, און דאָך האָט אויך דאָס געקאָנט ווערן אַ סטימול פאַר מעשׂים אין יענער צײַט פון פאַרצווייפלטן געראַנגל און ייִאוש. די טעג פון דעם חלום, וועגן וועלכן זי דערציילט, זענען געווען פאַר איר פון די שווערסטע אין יענער ביטערער צײַט. זי האָט זיך דעמאָלט אויסבאַהאַלטן בײַ אַ פּאָלקע, וואָס האָט זי געטריבן פון זיך, נאָכן אַרויסציִען פון איר כּמעט אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט. זי איז געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע

כּדי צו זײַן גרייט אַרײַנצולויפן אין דער באַהעלטעניש, אויב עמעצער האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר. אין יענעם חלום האָט זי געהערט קלאַפּן אין טיר, די באַלעבאָסטע האָט זיך צעשריִען: „זשיד! זשיד!" אין שטוב איז אַרײַן אַ ייִד אין אַ טלית. ווען ער האָט זיך דערנענטערט האָט זי דערזען, אַז דאָס איז איר שווער וועלכן מ'האָט גערופן איטשע־מאיר חסיד. ביז דער מלחמה איז ער געווען אַ באַמן אין שעכטהויז אויף פּראַגע, אין וואַרשע. פון וואַנען האָט ער זיך דאָ גענומען? ער איז דאָך שוין לאַנג אַוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס אין טרעבלינקע. רעגינע האָט גענומען וויינען און בעטן בײַ אים: „שווער, גיט מיר אַן עצה, ווי אַזוי ראַטעווען די קינדער?" און ער האָט איר געענטפערט: „גיי קיין פּראַגע". „צו וועמען אין פּראַגע?" — האָט זי גענומען פרעגן, און ווײַזט אויס, אַזוי הויך, אַז זי האָט דערזען פאַר זיך די באַלעבאָסטע. שוין נישט אין חלום נאָר אויף דער וואָר. די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען איבער איר, געשלעפּט פאַר אַ האַנט און געזידלט: „ווען וועסטו זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען, פאַרשאָלטענע? מיט דײַנע ווילדע געשרייען פון שלאָף וועסטו ברענגען אַן אומגליק אויף מיר!"

רעגינע איז געלעגן באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. דער חלום איז פאַר־שווונדן. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַרויִקן, געוואָלט אים פּותר זײַן. דערמאָנט זי זיך: אויב אויף פּראַגע, זענען עס די זשאַבינסקיס!

די באַלעבאָסטע, וואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן, האָט מסכּים געווען צוריק־צוגעבן רעגינען אַ פוטער־מאַנטל, אַבי פּטור צו ווערן פון איר. ווען ס'איז געוואָרן טונקל האָט רעגינע אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אַ הוט מיט אַ וואַלקע אויפן פּנים, אַזוי ווי מען טראָגט אין פּוילן אין צײַט פון טרויער, גענומען די קינדער און אַרויס. דער מענטש וואָס האָט זיך געזאָרגט וועגן איר, זיגמונט פּיאָנטעק, האָט געדונגען אַ דראָזשקע און פריִער נאָך געבראַכט דעם מאַן און זיי זענען געפאָרן צום זאָאָלאָגישן גאָרטן.

רעגינע האָט געקענט די זשאַבינסקיס ווי איידעלע מענטשן און גרויסע פרײַנד פון איר משפּחה. מען קאָן אָבער קיין מאָל נישט וויסן, ווי אַזוי די מענטשן וועלן האַנדלען איצט, ווען איר וויזיט ברענגט מיט זיך אַ טויט־סכּנה פאַר זיי.

רעגינע דערמאָנט:

די טיר האָט געעפנט ד״ר זשאַבינסקי און געקוקט מיט חידוש אויף זײַן גאַסט.

„כ׳ווייס נישט וואָס פאַר אַ באַציִונג איר האָט צו ייִדן, — האָט רעגינע געזאָגט אָן אַן אַרײַנפיר. — איך בין געקומען אײַך זאָגן, אַז דער טאַכטער פון סאָבאָל האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן פון געטאָ. זי געפינט זיך בײַ פּאָליאַקן, וואָס ווילן זי מער נישט האַלטן. האָט זי מיך געשיקט פרעגן, צי איר זענט מסכים איר צו העלפן.״

„רעגינע, די טאָכטער פון סאָבאָל, ווו איז זי ?״ — האָט ער אויסגערופן. איך האָב אויפגעהויבן די וואָלקע. ער איז אויפגעשפרונגען פון איבער־ראַשונג. אַרומגענומען מיך, ווי אַ טאַטע נעמט אַרום אַ באַליבט קינד.

„דאָס ביסטו, רעגינע! — האָט ער געשעפּטשעט און גערופן זײַן פרוי:

— אַנטאָשיאַ, אַנטאָשיאַ, קום, זע וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן!״

בינו־לבינו איז אַרײַן מײַן מאַן מיט די קינדער. איך האָב באַמערקט, אַז די זשאַבינסקיס האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. מײַן מאַן האָט געהאַט אַ ביז גאַר סעמיטישן אויסזען און גערעדט מיט אַ שטאַרק ייִדישן אַקצענט. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער הויז־דינערין, וואָס האָט נישט געוווּסט פון זייערע סודות. איך האָב אויך נישט געוווּסט, אַז זיי באַהאַלטן עטלעכע ייִדן און אַז דאָס הויז דינט ווי אַ דורכגאַנגפּונקט פאַר דער „זשעגאָטאַ״. ס׳פלעגט אַהער קומען אין פאַרשיידענע ענינים יאַנינאַ בוכהאָלץ, אַ פּאָלקע, אַן אויסערגעוויינטלעכע געשטאַלט, וואָס איז געווען די נשמה פון דעם ראַט צו העלפן ייִדן; אויך פלעגן אַהער קומען די שרײַבערין רחל אויערבאַך, אַדאָלף בערמאַן און אַנדערע ייִדישע און פּוילישע אָנפירנדיקע טוערס פון „זשעגאָטאַ״. כ׳האָב געהאַט גרויס צער הלמאַי איך האָב די זשאַבינסקיס, די דאָזיקע איידעלע מענטשן געשטעלט אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. אַנטאָ־נינאַ האָט אונדז קודם־כל אַרײַנגעפירט אין אַ זײַטיק צימער. די קינדער האָט זי אָפּגעוואַשן, געגעבן עסן און געלייגט שלאָפן. איך מיטן מאַן זענען אַוועק נעכטיקן אין אַ שטײַג פאַר וועלף אויפן שטח פון גאָרטן.

רישעק, זשאַבינסקיס זון, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען קוים צען אָדער עלף יאָר, איז געווען אַרײַנגעצויגן אין די סודות פון זײַנע עלטערן. ער איז

געגאַנגען פאַר אונדז מיט אַ טאַשן־לעמפּל און געוויזן דעם וועג. מיר זענען אַרײַן אין שטײַג און רישעק האָט אונדז פאַרשלאָסן פון דרויסן. ס׳איז געווען שרעקלעך קאַלט. ס׳האָט מיך באַהערשט אַ געמישט געפיל: רו און רעזיגנאַציע. איך האָב געזאָגט מײַן מאַן, אַז איצט קאָנען מיר שטאַרבן מיט אַ ריין געוויסן, ווײַל די קינדער האָבן שאַנסן געראַטעוועט צו ווערן.

שפעט אין דער נאַכט האָבן מיר דערהערט טריט. עמעצער האָט אַראָפּ־גענומען דעם שלאָס פון דער טיר. דאָס איז געווען ד״ר זשאַבינסקי אַליין. ער האָט געוואַרט עטלעכע שעה און ווען ער איז שוין געווען זיכער אַז קיינער האָט אונדז נישט נאָכגעשפירט, האָט ער אונדז אַרויסגענומען פון דער שטײַג און אַרײַנגעפירט אין אַ קעלער פונעם הויז, ווו עס זענען געווען די קעסלען און רערן פון צענטראַל־הייצונג. ס׳האָט אונדז אַרומגענומען אַ זיסע וואַרעמקייט. ד״ר זשאַבינסקי האָט זיך געווענדט צו מיר: „רעגינע, דו מיט די קינדער וועסט בלײַבן בײַ אונדז״. צו מײַן מאַן האָט ער געזאָגט: „אײַך, צום באַדויערן, וועלן מיר נישט קאָנען דאָ איבערלאָזן. אײַער אויסזען און אויסשפראַך... מירן אײַך אײַנאָרדענען אויף אַ צווייטן פלאַץ״.

נאָך עטלעכע טעג איז געקומען אינזשעניר פעליקס ציווינסקי און אַוועקגעפירט מײַן מאַן אויף סאַפיעזשינסקי־גאַס, ווו ער האָט אויסבאַהאַלטן נאָך יידן. איך האָב זיך געבעטן: „הער דאָקטער, אפשר קאָנען מיר דאָך בלײַבן צוזאַמען, ס׳איז שווער די צעשיידונג״.

ד״ר יאַן זשאַבינסקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ווי אַן אָפיציר פון דער פוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט ער אויך צו אונדז גערעדט מיט דער שפראַך פון באַפעלן: „עמעצער פון דער משפחה סאַבאָל מוז בלײַבן לעבן, דערפאַר קאָנט איר נישט זײַן צוזאַמען״.

די דיסקוסיע איז דערמיט געווען פאַרענדיקט. ציווינסקי איז אַוועק מיט מײַן מאַן. איך מיט די קינדער זענען געבליבן בײַ די זשאַבינסקיס, אויסגעבאַהאַלטן אינעם קעלער. די הויז־דינערין האָט זיך שטאַרק געוווּנ־דערט, הלמאַי אירע באַלעבאָטים האָבן אַלע פלוצעם באַקומען אַזאַ שטאַרקן אַפּעטיט. בעת יעדן מאָלצײַט זענען זיי געקומען בעטן צוגאָב־פּאַרציעס. באַזונדערש האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן „אַפּעטיט״ דער האַריציקער רישעק, וואָס האָט די „צוגאָב־פּאַרציעס״ געטראָגן בסוד צו אונדז אין קעלער.

די צײַט בײַ די זשאַבינסקיס איז, אין יענע באַדינגונגען, געווען פאַר מיר און די קינדער ממש אַ סאַנאַטאָריע. אין די אונטן, ווען די הויז־דינערין פלעגט אַוועק און אויבן קיין פרעמדע זענען נישט געווען, פלעגט אַנטאָנינאַ אונדז נעמען צו זיך אין שטוב. כ׳האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט אַ לעבעדיקן מענטש. זי האָט מיך געטרייסט, געלינדערט די איינזאַמקייט און די לײַדן. דאָס גליק האָט אָבער געדויערט נישט קיין פולע דרײַ חדשים. איין מאָל איז מײַן קליינע סטעפּטשע אומבאַמערקט אַרויס פון באַהעלטעניש און די הויז־דינערין האָט זי דערזען. דעם זעלבן אָונט האָב איך, מיט גרויס ווייטיק נישט נאָר פאַר מיר נאָר אויך פאַר די האַרציקע זשאַבינסקיס, געמוזט פאַרלאָזן זייער הויז.

ווידער איז געקומען אונדזער „מלאך־הגואל", פעליקס ציווינסקי. מיך מיט משהלען האָט ער גענומען אין דער דירה אויף סאַפּיעזשינסקי־גאַס, ווו ס׳איז געווען אויסבאַהאַלטן מײַן מאַן. אונדזער מיידעלע האָט ער אײַנגעאָרדנט בײַ אַ פּוילישער פרוי פאַר אַן אָפּצאָל פון צוויי טויזנט זלאָטעס אַ חודש. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע פּרשה אין מײַן לעבן.

*

רעגינע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ באַלעבאַטישער משפחה. זי האָט יונג חתונה געהאַט מיט שמואל קעניגסווײַן, וואָס האָט געצויגן זײַן יחוס פון דורות חסידים. אַליין געווען אַ שטיקל למדן, וואָס איז אַוועק פון שורש און געוואָרן אַ באַקאַנטער באָקסער אין וואַרשעווער ספּאָרט־קלוב פון די לינקע פּועלי־ציון, „שטערן". אויך אין ביזנעס האָט ער מצליח געווען, געהאַט אַ פּראָספּערירנדיקן מעבל־וואַרשטאַט. רעגינע וואָלט געווען פאַרבליבן אַ באַשיידענע פרוי, געפירט די באַלעבאַטישקייט, געבוירן קינדער. שמואל וואָלט מסתמא זיך אַרויפגעאַרבעט, געוואָרן אַ מעבל־פאַבריקאַנט, ווען נישט די געשעענישן, וואָס האָבן געענדערט נישט נאָר דאָס לעבן פון די מענטשן, נאָר גאַנץ אָפט אויך זייער כאַראַקטער. און אפשר נישט געענדערט דעם כאַראַקטער, נײַערט אַנטפּלעקט דאָס פאַרבאָרגענע אין אים...

בעת מען האָט זיי אין 1940 אַרײַנגעטריבן אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן זיי געבראַכט מיט זיך אַ ביסל געלט, ווערטזאַכן און צוויי קינדער אין עלטער פון דרײַ און איין יאָר. שמואל קעניגסווײַן, וואָס האָט זיך נישט

געשראָקן צו שטיין אויף דער אַרענע קעגן די שטאַרקסטע באַקסערס, איז געווען מאָביליזירט אויפן פּראָנט פונעם ערשטן טאָג מלחמה, באַוויזן אַפילו צו אַנטלויפן פון דײַטשישער געפאַנגענשאַפט, בקיצור, געווען, ווי מען האָט עס גערופן אין וואַרשע, אַן „אויפטוער". דער זעלבער שמואל קעניגסווײַן האָט פון ערשטן טאָג נאָכן פאַרשפּאַרן אים הינטער די מויערן פון געטאָ זיך צוזאַמענגעבראָכן. אמת, ווי אַ בעל־מלאכה האָט ער געהאַט גאָלדענע הענט און אַפילו אײַנפאַלערישקייט, וואָס איז שפּעטער, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונגען, צו ניץ געקומען בײַם בויען באַהעלטענישן און בונקערס. ער האָט אָבער נישט געהאַט אין זיך דעם כּוח אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם ביטערן גורל. רעגינע, דערקעגן, האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן און גענומען די איניציאַטיוו אין אירע הענט.

זי איז געווען יונג (אַכט און צוואַנציק יאָר), שיין, ענערגיש און, ווי זי זאָגט, — געהאַט אַ ביסל מזל. אָנגעהויבן האָט זי פון שמוגל. דער טראַמ־ווײַ אויף פּראָגע איז דעמאָלט געגאַנגען דורכן שטח פון געטאָ. איין מאָל האָט זי באַמערקט, אַז אויפן וועג וואַרפט עמעצער אַרויס פּעקלעך. האָט זי זיך אויך גענומען צו דער מלאכה. זי האָט אויפגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט אַ פּוילישן טראַמווײַ־קאָנדוקטאָר, וואָס איז ביז דער מלחמה געווען אַ ספּאָרט־חבר פון איר מאַן. ער האָט זי אַרויסגעפירט פון געטאָ אויף דער „אַרישער" זײַט, ווו זי האָט די אויפגעקויפטע אין געטאָ זאַכן אויסגעביטן אויף פּראָ־דוקטן. צוויי חדשים איז דאָס „געשעפט" געגאַנגען כּמעט אומגעשטערט. איין מאָל, ווען זי איז געשטאַנען בײַם גדאַנסקער וואָקזאַל און געוואַרט אויף „איר" קאָנדוקטאָר, ער זאָל זי צוריקנעמען אין געטאָ אַרײַן, זענען אָנגעקומען אַזש פינף יונגע „שמאַלצאָווניקעס" און גענומען זיך טשעפּען צו איר: „זשידוויצאַ, ווו האָסטו דעם אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד?"

רעגינע האָט זיך נישט פאַרלוירן און אויסגערופן אויפן הויכן קול: „אין אײַער מאַמען, אין דער הור! ווי דערוועגט איר זיך צו באַליידיקן אַ פּויליש מיידל? אויב איר וועט זיך נישט אָפּטראָגן ביז מײַן חתן וועט קומען, וועט איר שוין נישט אָוועק קיין לעבעדיקע!"

ס'איז אַן אַלטער כּלל: אין נישט קיין נאָרמאַלע צײַטן איז די מחיצה צווישן געפאַלנקייט און העלדישקייט אַ גאָר קליינע און אין גורלדיקן

מאָמענט, ווען דער מענטש האָט אַפילו נישט די מעגלעכקייט און די צײַט זיך צו פֿאַרטראַכטן, דעצידירט די אינסטינקטיווע רעאַקציע, אויף וועלכער זײַט פֿון דער מחיצה ער שטעלט זיך. די געשיכטע פֿון רעגינען איז אַ בולטע באַשטעטיקונג פֿון אָט דעם אמת.

די אויבן דערמאָנטע רעאַקציע פֿון רעגינען האָט צעטומלט די יונגע, קענטיק, נאָך נישט קיין דערפֿאַרענע „שמאַלצאָווניקעס". זיי האָבן זיך באמת דערשראָקן. איינער פֿון זיי האָט געזאָגט: „חברה, נישט געטראָפֿן, קומט נעמען אַ כּוסה". די איבעריקע האָבן נישט מסכּים געווען און געמאָלדן, אַז זיי גייען זוכן ייִדן, און זענען אַוועק.

דער איינער וואָס איז געבליבן, האָט זיך דערנענטערט צו רעגינען און שטיל איר געזאָגט: „דו האָסט עס געמאַכט אויסגעצייכנט! איך פֿאַר־שטיי, ביסט אַ ייִדישע, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן". כּדי צו געווינען איר צוטרוי, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט מיטן נאָמען, זיג־מונט פּיאָנטעק, און צוגעגעבן: „איך בין מיט זיי געגאַנגען, און בײַ מיר איז עס צום ערשטן מאָל, אָבער דו האָסט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק, אַז איך בין גרייט דיר צו העלפֿן".

רעגינע האָט נאָך אַלץ געלייקנט, געטענהט, אַז זי איז אַ פּאָלקע וואָס האַנדלט מיט ייִדן אין געטאָ און אויב ער וויל, קאָן זי אים אַנגאַזשירן אַלס שותּף. קוים באַוויזן צו באַשטימען דאָס אָרט, וווּ זיי זאָלן זיך טרעפֿן צו מאָרגנס, איז אָנגעקומען דער טראַמוויַ. זי איז פֿאַרשוווּנדן אַ גליקלעכע, וואָס זי איז אַרויס מיטן לעבן פֿון דער אַוואַנטורע.

רעגינע האָט באַשלאָסן אויסצופּרוּוון דעם דאָזיקן נײַעם באַקאַנטן. זי האָט צוזאַמענגענומען אַ ביסל געלט בײַ די שכנים, געמאַכט אַ רשימה פֿון פּראָדוקטן, וואָס זי בעט קויפֿן פֿאַרן געלט און בײַגעלייגט אַ צעטל אין וועלכן זי האָט געשריבן: „איך בין טאַקע אַ ייִדישע. אויב דו ביסט אַן אָנשטענדיקער מענטש, ווי דו האָסט זיך פֿאָרגעשטעלט, וועסטו דאָס געלט נישט צונעמען נאָר אײַנקויפֿן די פּראָדוקטן לויט דער רשימה און זיי אַריבערוואַרפֿן איבער דער מויער". רעגינע האָט אָנגעגעבן דאָס אָרט און די צײַט ווען ער דאַרף דאָס ברענגען, און געוואָרט מיט אומגעדולד.

פּיאָנטעק האָט געהאַלטן וואָרט. מיט דער צײַט האָט ער אויפֿן דאָזיקן

אופן אַריבערגעבראַכט נישט נאָר פּראָדוקטן, נאָר אויך געווער און אַמו־ניציע. ווען רעגינע האָט זיך נעענטער מיט אים באַקענט האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער איז אַ זון פון אַן אָרעמער משפחה, וואָס וווינט אין אַ קעלער שטוב.

אין 1942, בעת די מאַסן־אויסזידלונגען איז דער מצב אין געטאָ געוואָרן אומדערטרעגלעך. שמואל קעניגסווײַן איז געווען באַשעפטיקט אין שאָפּ „האַלמאַן" ווי אַ הויך קוואַליפיצירטער בעל־מלאכה. האָט אים דערווײַלע נישט געדראָט די געפאַר „אויסגעזידלט" צו ווערן. פרויען און קינדער זענען אָבער געווען הפקר. כמעט יעדן טאָג זענען פאָרגעקומען „לאַפּאַנקעס". דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ צרה — רעגינע האָט געשוואַנגערט. זײַענדיק אין די הויכע חדשים האָט זי זיך נישט געקאָנט אַרײַנשטופּן אין דער שמאָלער באַהעלטעניש זייערער. האָבן זיי געפונען אַ קעלער אין אַ הויז אויף נאַוואָליפּקי־גאַס, פון וואַנען מ'האָט שוין געהאַט אַרויסגעפירט אַלע ייִדן. דעם קעלער האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ בונקער. דאָרטן האָט רעגינע אין אָקטאָבער 1942 געבוירן דאָס דריטע קינד, אַ ייִנגעלע. צום גליק איז אין דעם בונקער געווען אויסבאַהאַלטן דער לאָדזשער דאָקטער לעווענפּיש. ער האָט אָנגענומען דאָס קינד און די געבורט איז אַדורך נאָרמאַל. דער דאָקטער האָט דורכגעפירט די ברית־מילה, מען האָט געטרונקען וואַסער אויף לחיים און דעם קינד אַ נאָמען געגעבן — שלום. דעמאָלט אָבער איז רעגינע געשטעלט געוואָרן פאַרן שווערסטן נסיון אין איר לעבן.

זי דערציילט:

— אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָב איך נישט געהאַט צו געבן זויגן. דאָס הונגעריקע קינד האָט געצויגן פון די ליידיקע בריסט, און איך האָב דערפון באַקומען געשווירן. פון הונגער האָט דאָס קינד טאָג און נאַכט געוויינט. אין בונקער זענען געווען קרוב דרײַסיק מענטשן און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס געוויין וועט זיי אַרויסגעבן. האָבן זיי באַשלאָסן אומ־צוברענגען דאָס קינד. מײַן מאַן האָט משלים געווען מיטן גורל, געפונען אַפילו אַ הלכה, אַז מען איז מחויב מקריב צו זײַן אַ יחיד פאַר רבים.

איך בין שיִער נישט אַראָפּ פון זינען. כ'האָב געדראָט, אַז אויב זיי וועלן טויטן דאָס קינד, וועל איך אַרויס און אַרויסגעבן אַלעמען. מען האָט מסכים

געווען צו וואַרטן, נאָך דעם ווי איך האָב צוגעזאָגט אַרויסצוגיין צוזאַמען מיט מײַנע קינדער.

איך האָב געהאַט מזל. כ'האָב שטאַרק נושא־חן געווען בײַ פּיאַנטעק. ער פֿלעגט קומען צו דער באַשטימטער צײַט הינטער די מויערן פֿון געטאָ און אויסגעפֿילט אַלע מײַנע באַשטעלונגען. האָב איך אים דערציילט וועגן מײַנע צרות, און מיר האָבן באַשטימט, איך זאָל אָפּוואַרטן ביז ער וועט געפֿינען אַ מקום־מיקלט פֿאַר מיר מיט די קינדער.

די לאַגע איז געוואָרן ערגער. די דײַטשן זענען ווילד אַרומגעלאָפֿן מיט ספּעציעלע אַפּאַראַטן אויסצוגעפֿינען די אויסבאַהאַלטענע ייִדן. יעדן טאָג האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון די באַהעלטענישן און בונקערס אַלץ נײַע קרבנות. בײַ מײַנע שכנים איז דער פּחד געוואַקסן. צום סוף האָבן זיי מיר קאַטעגאָריש דערקלערט: „האָסט צוגעזאָגט אַרויסצוגיין, מוזטו גיין!" בײַ נאַכט בין איך אַוועק צו דער מויער, ווי אָפּגערעדט מיט פּיאַנטעק, און אַרויסגעוואָרפֿן אים אַ צעטעלע מיט איין וואָרט: „ראַטעווע!"

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פֿון דעצעמבער 1942. פּיאַנטעק האָט געבראַכט לומינאַל און כ'האָב אײַנגעשלעפֿערט די קינדער. די מענטשן פֿון בונקער האָבן מיר געגעבן שמאַטעס, און איך האָב אין זיי אײַנגעוויקלט די קינדער און ווי פּעקלעך אַריבערגעוואָרפֿן איבער דער מויער און נאָך דעם אַליין געשפּרונגען. פּיאַנטעק האָט אונדז אַוועקגעפֿירט צו זײַן כּלה, וואַנדע, אויף דער קאַראַלקאַוועז־גאַס.

איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פּוטער־מאַנטל, זילבערן לעפֿל־גאָפּל־מעסער און אַנדערע ווערטזאַכן. אָן דעם וואָלט וואַנדע אונדז נישט אַרײַנגענומען. משהלע, דאָס עלטערע ייִנגל, האָט גענומען וויינען, ער וויל צום טאַטן. פּיאַנטעק האָט אים באַרויִקט: „כ'וועל ברענגען דעם טאַטן צו דיר!"

למען האמת, בין איך געווען שטאַרק אין כּעס אויף מײַן מאַן, וואָס ער האָט מיך געלאָזט גיין אַליין מיט די קינדער. אָבער...

פּיאַנטעק האָט אים פֿאַרבונדן ס'פּנים, אַרײַנגעזעצט אין אַ דראָזשקע און געבראַכט צו אונדז. דערזעענדיק זײַן ייִדישן אויסזען, האָט וואַנדע באַקומען אַן אָנפֿאַל פֿון היסטעריע. זי האָט געשריִען צו זיגמונטן: „טראָג זיך אָפּ מיט דײַנע זשידעס! איך וועל זיי אַרויסוואַרפֿן צוזאַמען מיט דיר!"

די לאַגע איז געווען ערנסט. פּיאַנטעק איז דעמאָלט געווען שוין פאַר־בונדן מיט דער „אַ.ל.״* און געדראָט וואַנדען, אַז אויב זי וועט אונדז אַרויסוואַרפן, וועלן זײַנע חברים זי ליקווידירן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געווען בלויז אַ דראָונג, וואָס האָט זי אָפּגעשראָקן אָבער נישט באַרויִקט. צום סוף האָט ער אַוועקגעפירט מײַן מאַן צו זײַנעם אַ חבר, אַ פּוילישער באָקסער, מאַלעצקי, וואָס איז גרייט געווען אים צו האַלטן אַ געוויסע צײַט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט וואַנדע ווידער גענומען מאַכן סקאַנדאַלן. דאָס מאָל האָט זי געפאָדערט צוצונעמען דעם קליינעם שלום, מחמת ער וויינט בײַ טאָג און בײַ נאַכט, און דאָס קאָן אונדז פאַרראַטן. זי האָט שוין געהאַט צוגענומען כמעט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט, און געוואָלט פון מיר פּטור ווערן. פּיאַנטעק איז געווען פול מיט המצאות. ער האָט צוגעטראַכט ווי אַזוי אָפּצוגעבן דאָס קינד אין יתומים־הויז פון גלח באַדוען, וואָס איז געווען אויף נאַוואָגראָדזקע־גאַס. ווידער בין איך געשטאַנען פאַרן שווערן נסיון פון שיידן זיך מיטן קינד, כאָטש דאָס מאָל איז נישט געווען קיין רייד וועגן מאָרד.

ס'איז געווען אַ פראָסט און אַ שניי. מיר האָבן גוט פאַרפּאַקט דאָס קינד. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטל: „דאָס קינד איז געטויפט און טראָגט דעם נאָמען סטאַניסלאַוו יוזעף ווישניעווסקי. דער טאַטע איז פאַרשיקט אויף צוואַנגאַרבעט אין דײַטשלאַנד. איך בין אַן אומבאַהאָלפענע פרוי, כ'בעט רחמים״. מיר האָבן באַצאָלט צוויי טויזנט זלאָטעס אַ פּוילישן פּאָליציאַנט ער זאָל זײַן דערבײַ. איך האָב אַוועקגעלייגט דאָס קינד בײַם טויער, פּיאַנטעק איז צו און געמאַכט אַן אַליאַרם, אַז ער האָט געפונען אַן אונטערגעוואָרפן קינד. באַלד האָט זיך באַוויזן דער פּאָליציאַנט און צוזאַמען מיט פּיאַנטעקן אַרײַן אין הויז און דערציילט די צוגעטראַכטע געשיכטע. אין דעם יתומים־הויז זענען דעמאָלט געווען אַ סך אונטערגעוואָרפענע קינדער, האָט דאָס נישט אַרויסגערופן קיין ספּעציעלן חשד. אַזוי איז שלום דאָ געבליבן.

קיין מנוחה האָב איך נישט געהאַט. ס'האָט מיך געמאַטערט די זאָרג: וואָס וועט געשען מיט מײַן קליינעם שלום, אויב מען וועט באַמערקן, אַז ער

---

* „אַ.ל.״ — אַרמיאַ־לודאָווע (פאָלקס־אַרמיי) — מיליטערישע אונטערגרונט־אָרגאַ־ניזאַציע פאַרבונדן מיט די קאָמוניסטן.

איז געמלט? צי וועט מען אים נישט אַרויסגעבן די דײַטשן? וואַנדע, און איצט אויך איר מוטער, האָבן מיך אָן אויפהער געפּײַניקט און געפּאָדערט, איך זאָל וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן. וואָס אַן אמת, אין יענע טעג זענען די גאַסן פון וואַרשע געווען פאַרקלעפּט מיט מעלדונגען, אין וועלכע ס׳זענען אָנגעגעבן געוואָרן די נעמען פון פּאָליאַקן, דערשאָסענע פאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן. ס׳האָט וואַנדען און איר מוטער באַהערשט אַ שרעקלעכער פּחד. כ׳בין געווען פאַרצווייפלט, ממש אויף דער גרענעץ פון פּסיכישן צוזאַמענבראַך. דעמאָלט טאַקע האָב איך געהאַט דעם חלום, וועגן וועלכן כ׳האָב דערציילט בײַם אָנהייב. און אַזוי בין איך אָנגעקומען צו די זשאַבינסקיס און דורך זייער פאַרמיטלונג — צום אינזשעניר פעליקס ציווינסקי. ער איז געווען אַ צדיק בדורו, וויפל איר זאָלט נישט האָבן געהערט וועגן אים, גיט דאָס נאָך אַלץ נישט קיין פול בילד פון דעם, וואָס ער האָט געטאָן צו ראַטעווען ייִדן.

איצט האָט ציווינסקי אונדז אַוועקגעפירט אין אַ הויז בײַ דער סאַפּיע־זשינסקי־גאַס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט דאָרטן געהאַט צוויי דירות, אין וועלכע ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן העכער אַ צענדליק ייִדן. איך מיטן מאַן און משהלע זענען מיר געווען אין אַ בוידעם־שטוב, צוזאַמען מיט נאָך אַ פרוי, אַ ביסל נישט קיין נאָרמאַלע. די קליינע סטעפּטשע האָט ציווינסקי אָפּגעגעבן צו אַ פּוילישער פרוי אויף כלאָדנע־גאַס, פאַר אַן אָפּצאָל פון צוויי טויזנט זלאָטעס אַ חודש. שפּעטער האָט ער אויך משהלען אײַנ־געאָרדנט בײַ אַ פּוילישער משפּחה. פון וואַנען ער האָט גענומען געלט אויף דעם, האָב איך נישט געוווּסט. ס׳האָט אים געהאָלפן זײַנער אַ חבר, אינזשע־ניר יאַן באַכאַנסקי, וואָס האָט פאַרקויפט זײַנע עטלעכע העקטאַר באָדן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויך ציווינסקי האָט דעמאָלט פאַר־קויפט זײַן פּרויס אַ הויז אין ברווינאָוו. וואָס האָט ער נישט געטאָן פאַר אונדז? אָבער די גרעסטע מאָס פון מוט און מענטשלעכקייט האָט ער אַרויס־געוויזן ווען איך האָב געדאַרפט געבוירן מײַן פערט קינד...

בעת מיר זענען געקומען צו ציווינסקין האָט ער, ווי פאַרויספילנדיק עס, געזאָגט צו מײַן מאַן: „אויב וועסט רעגינען מאַכן אַ קינד, וועל איך דיך אַרויסוואַרפן. דאָס קאָן באַדראָען דאָס לעבן פון די איבעריקע אויסבאַהאַל־טענע ייִדן".

שטעלט אײַך פאָר, אַז איך האָב טאַקע פאַרשוואַנגערט. אין אָנהייב האָב איך עס פאַרזוען. דערנאָך איז שוין געווען צו שפּעט... אין מײַן לאַגע האָב איך מורא געהאַט דאָס אויסצוזאָגן און עס געהאַלטן בסוד. כ׳האָב זיך צונויפֿ־מענגעצויגן מיט אַ פּאַסעק, כּדי מ׳זאָל נישט באַמערקן. צום סוף, ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט די צײַט, איז שוין נישט געווען קיין אויסוועג. האָב איך געזאָגט ציווינסקין: „איך בין די שולדיקע און איך מוז טראָגן די קאָנ־סעקווענצן. כ׳וועל אַוועק פון דאַנען, נאָר טו נישט קיין עוולה מײַן מאַן און ראַטעווע מײַנע קינדער".

ציווינסקי איז געוואָרן אויפגעציטערט. ער האָט אָבער געהאַט אַ גוטע נשמה. זיך באַהערשט, אַרומגענומען מיך שעפּטשענדיק: „קינד מײַנס, פאַר וואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט פריִער?"

ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין דער גרעסערער דירה, וווּ ס׳זענען געווען אויסבאַהאַלטן יעקב פינקלשטיין, זײַנע שוויגער־עלטערן, די רוביני־שטיינס, צוזאַמען — זיבן אָדער אַכט ייִדן. דאָרטן זענען געווען עטלעכע באַהעלטענישן, וועלכע ס׳האָט געמאַכט מײַן מאַן — איינע אונטערן פענצ־טער, אַ צווייטע — אין אַ טאַפּלוואַנט מיט אַן אַרײַנגאַנג דורך אַ שאַנק. ווידער האָב איך איבערגעלעבט די זעלבע צרות וואָס מיט העכער אַ יאָר פריִער אינעם געטאָ־בונקער. די אויסבאַהאַלטענע ייִדן האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַן אַנשיקעניש: „צו וואָס ברענגען אויף דער וועלט נאָך אַ קרבן, ווען דאָס קאָן באַדראָען דאָס לעבן פון אַנדערע". זיי האָבן געטענה׳ט, אַז מ׳דאַרף דאָס קינד דערשטיקן, איידער ס׳וועט געבוירן.

דעמאָלט איז ציווינסקי אַרײַן אין אמתן כּעס: „אויב איר וועט זיך דערוועגן עס צו טאָן, טרײַב איך אײַך אַלע אַרויס. דאָס קינד מוז לעבן!" ער האָט באַשטימט, אַז דאָס נײַ־געבוירענע וועט ער גלײַך אָפּגעבן אין אַ מאָנאַסטיר. מיר האָט ער פאַרזיכערט, אַז אויב מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה וועט ער דאָס קינד צוריקברענגען. צו דער געבורט האָט ער אַפילו באַשטעלט אַ דאָקטער, זײַנעם אַ חבר, ד"ר מאַצקאַלאַ. מען האָט מיך גע־וואָרנט, אַז איך טאָר נישט שרייען...

ציווינסקי האָט אַסיסטירט בײַ דער געבורט. איך געדענק ווי ער האָט אויסגערופן: „אַ פּרעכטיקע מויד!" ווען מ׳האָט מיר געגעבן דאָס קינד צום

זויגן, האָב איך באַמערקט, אַז ס׳איז טויט. ס׳איז געשען, אַ פּנים, דערפֿאַר וואָס בעת דער שוואַנגערשאַפֿט האָב איך שטאַרק צונויפֿגעקוועטשט דעם בויך מען זאָל נישט דערקענען. כ׳האָב נישט געוווסט וואָס זיי האָבן געטאָן מיטן קערפּערל. כ׳בין געווען אין אַזאַ מצב, אַז איך וואָלט געוויס געשטאָרבן, ווען נישט ציווינסקי. פֿון וואַנען האָט ער אין יענע באַדינגונגען גענומען פּוטער, שינקע און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס זענען געווען אויף דער וואָג פֿון גאָלד? ער האָט מיך געשטעלט אויף די פֿיס.

*

אין אויגוסט 1944 האָבן די אויסבאַהאַלטענע געמיינט, אַז זיי זענען שוין פֿרײַע מענטשן. ציווינסקי איז געקומען מיט אַ טראַסק און אַן אויפֿגעהײַטערטער. די ייִדן האָבן זיך דערשראָקן, געטראַכט, אַז ער האָט משמעות גענומען אַן איבעריקן טראָפּן. ער האָט אויסגערופֿן: „חברה, ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען איר קאָנט נקמה נעמען אין די דײַטשן. אין וואַרשע איז אויסגעבראָכן אַן אופֿשטאַנד! ווער פֿון אײַך ס׳וויל קעמפֿן, קאָן גיין מיט מיר!״

די שכנים האָבן געקוקט מיט איבעראַשונג, ווען ציווינסקי האָט אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון הויז. אַזוי פֿיל ייִדן האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן אונטער זייער נאָז... אַלע, מענער און פֿרויען, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם אויפֿשטענדלער־באַטאַליאָן „וויגרי״, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפֿירט פֿעליקס ציווינסקי, וואָס האָט איצט געטראָגן דעם נאָמען „קאַפּיטאַן ריש״.

שמואל קעניגסווײַן איז געווען אַן אויסגעשולטער זעלנער מיט דערפֿאַרונג. איז ער באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ קאַמפּגרופּע. רעגינע איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ פֿעלדשפּיטאָל. ווי ס׳האָט מיר דערנאָך דערציילט אינזשעניר ציווינסקי, האָט קעניגסווײַן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפֿן בעתן אופֿשטאַנד. צווישן אַנדערן האָט ער באַפֿרײַט די אַסירים פֿון דער אַזוי גערופֿענער „גענשוווקע״, דעם לאַגער אויף גענשעגאַס, אין וועלכן ס׳זענען געווען פֿאַרשפּאַרט בערך צוויי הונדערט ייִדן פֿון גריכנלאַנד, פֿראַנקרײַך, בעלגיע, אונגאַרן און פֿון פּוילן גופֿא, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן דורך די דײַטשן אָפּצורייניקן די חורבות פֿון געטאָ. די דאָזיקע ייִדן האָט ציווינסקי אָרגאַניזירט אין אַ זעלבשטענדיקע אָפּטיילונג

פון זײַן באַטאַליאָן, און אונטער דער אָנפירונג פון שמואל קעניגסווײַן האָבן זיי העלדיש געקעמפט ביז דער קאַפּיטולאַציע פון די אויפשטענדלער.

רעגינע דערציילט ווײַטער:

— נאָך דער קאַפּיטולאַציע, ווען ציווינסקי האָט אַליין געמוזט אַנטלויפן, האָט ער אויך נישט פאַרגעסן פריִער אונדז צו באַזאָרגן מיט וואָס ער האָט געקאָנט — געגעבן פון די מיליטערישע מאַגאַזינען פון די אויפשטענדלער אַ זאַק צוקער, מעל, אַ שפּאָר ביסל אַנדערע פּראָדוקטן און אויך מעדיקאַמענטן. מיט דעם פאַרמעגן זענען מיר אַרײַן אין אַ קעלער פון אַ באָמבאַרדירט הויז אויף דער פּרעטאַ־גאַס. דאָרטן האָבן מיר שוין געפונען עטלעכע מענטשן. צוזאַמען זענען מיר געווען צען ייִדן — זיבן מענער און דרײַ פרויען — ווי אויך איין קריסט פון צווישן די אויפשטענדלער.

דער קריסט האָט אָבער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן אין די דאָזיקע באַדינגונגען. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער געמאָלדן, אַז ער וויל אַרויס. מיר האָבן מורא געהאַט, ער זאָל נישט ברענגען צו אונדז דײַטשן, האָבן מיר אים נישט אַרויסגעלאָזט. עטלעכע טעג האָבן געדויערט אונדזערע אונטערהאַנדלונגען. דער פּאָליאַק האָט געשווירן, געגעבן אָן ערנוואָרט, אַז ער וועט אונדז נישט „פאַרשיטן". פאַרקערט, צוגעזאָגט אונדז צו ברענגען עסן און וואַסער. מיר זענען געקומען צום אויספיר, אַז מיר ווען אים סײַ ווי נישט פאַרהאַלטן מיט כּוח, סײַדן — הרגענען. דאָס האָבן מיר נישט געוואָלט און אים אַרויסגעלאָזט. כּדי צו זײַן צוגעגרייט אויף יעדן פאַל, האָבן די מענער אויסגעגראָבן אַ לאָך פון דער צווייטער זײַט קעלער, דורך וועלכער מ'זאָל קאָנען אַנטרינען, אויב מען וועט אונדז אויפדעקן.

דער פּאָליאַק האָט געהאַלטן וואָרט. אונדז געבראַכט פּראָדוקטן אויף באַקומען דערפאַר זאַכן, וואָס מײַן מאַן מיט נאָך איינעם פון די אויסבאַהאַלטענע האָבן אין די נעכט צוזאַמענגעשלעפּט פון די פאַרלאָזטע הײַזער בשכנות פון אונדזער קעלער.

ווײַזט אויס אַז עמעצער פון די „שאַבראַוניקעס"* האָט אונדז באַמערקט. אומגעריכט האָט זיך געעפנט די קליאַפּע פון קעלער. מיר האָבן דערזען אַ לופע פון אַן אויטאָמאַטישער ביקס און דערהערט אַ געשריי: „יודען ראַוס!"

* די וואָס האָבן אויסגערויבט די פאַרלאָזטע שטיבער.

ס׳האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע. די מענער האָבן באַוויזן צו אַנט־לויפן דורך דעם לאָך. מיר האָבן געהאַט בײַ זיך ציאַנקאַלי און די צוויי פּרויען וואָס זענען געווען מיט מיר, האָבן געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. איך האָב מיט כּוח צוגענומען בײַ זיי דעם סם. איינע פון זיי האָט גערעדט פראַנצייזיש, די צווייטע — ענגליש. כ׳האָב זיי געזאָגט, זיי זאָלן מאַכן דעם אָנשטעל פון אויסלענדערינס, וואָס פאַרשטייען נישט קיין פּויליש און נישט קיין דײַטש. איך בין אַרויס די ערשטע.

כ׳האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען נישט קיין דײַטשן נאָר סתּם רויבער, „שמאַלצאָווניקעס״.

„ווו זענען די ייִדן?״ — האָבן זיי גענומען שרייען. „ס׳זענען נישטאָ דאָ קיין ייִדן״ — האָב איך געענטפערט. „די צוויי זענען אויסלענדישע פרויען און איך בין אַ פּאָלקע״. אַגב האָב איך געהאַט בײַ זיך אַן „אַרישן״ דאָקומענט אויפן נאָמען אירענאַ ווישניעווסקאַ, וואָס איך האָב זיך אײַנגע־שאַפט בעתן אויפשטאַנד. צוויי פון די רויבער האָבן גערעדט דײַטש און זענען, קענטיק, געווען „פאָלקס־דויטשן״. זיי זענען געווען גענויגט מיר צו גלייבן. דער פּאָליאַק דווקא האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און געטענהט, אַז ער ווייסט גענוי, אַז איך בין אַ ייִדישע און אַז אין קעלער באַהאַלטן זיך נאָך ייִדן. צום סוף איז ער אַראָפּ מיט מיר אין קעלער און די צוויי פרויען זענען געבליבן פון אויבן מיט די „פאָלקס־דויטשן״.

דערזעענדיק אַז דער קעלער איז ליידיק, איז דער פּאָליאַק געוואָרן ווילד. ער איז געווען איבערצײַט, אַז מיר האָבן גאָלד, ווערטזאַכן און געהאָפט, אַז ער וועט דאָ רײַך ווערן. האָט ער גענומען שרײַען, אַז אויב כ׳וועל אים נישט זאָגן ווו עס באַהאַלטן זיך די ייִדן מיטן גאָלד, וועט ער מיך הרגענען. מיר האָבן זיך גענומען אַמפּערן. צום סוף צוריק אַרויס אין גאַס. ער האָט נאָך אַלץ געשריִען, אַז איך בין אַ ייִדישע. בעת דער קריגערײַ האָט זיך פּלוצעם פאַרהאַלטן לעבן אונדז אַ לימוזין. פון איר איז אַרויס אַ דײַטשישער אָפיציר און געפרעגט, וואָס דאָ קומט פאָר.

איך האָב אַנידערגעקניט, גענומען זיך צלמען און געזאָגט, אַז איך בין אַ קריסטין, די דרײַ זענען רויבער, האָבן זיי אויסגעטראַכט אַ בילבול אַז איך בין אַ ייִדישע. דערבײַ האָב איך אַרויסגעשלעפּט מײַן „אַרישן״ דאָקו־

מענט. כ׳האָב אָפילו נישט באַמערקט, ווי די דריי שאַנטאַזשיסטן זענען פאַרשוווּנדן. דער אָפיציר האָט מיר געהייסן אויפשטיין און צוגיין צו אים. אָבער צווישן אונדז איז געווען אַ קאָלוזשע וואַסער, משמעות, אַ לאָך פון אַ באָמבע. כ׳בין געווען אָפּגעשוואַכט און נישט געקאָנט אַריבער. איך בין געווען שמוציק און דער דייטש האָט זיך געמיאוסט מיר אויסצושטרעקן אַ האַנט. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ לאַנגע האַנטש, זאָרגעוודיק אַרויפגעצויגן אויף זיין האַנט און ערשט דעמאָלט זי אויסגעשטרעקט און געהאָלפן מיר אַריבערשפרינגען. ער האָט מיר געהייסן זיך זעצן אויפן הינטערשטן פּלאַץ פון אויטאָ. די צוויי „אויסלענדעריגנס" האָט ער באַפוילן אָפּשיקן אין אַ לאַגער הינטער וואַרשע, ווו מען האָט געהאַלטן פאַרטריבענע פּאָליאַקן פון דער הויפּטשטאָט. איך בין געווען איבערציינגט, אַז ער פירט מיך אין געסטאַפּאָ אָדער גלייך צום שיסן. צו מיין גרויסער פאַרווונדערונג האָט ער מיך געבראַכט אין דער קיך פון אַ לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות פון דער נאָזשיק־שיל, און געזאָגט צום קוכער: „איך האָב דיר געבראַכט דיינס אַ פּאָלין, זאָל זי זיך אָפּוואַשן און גיב איר עסן".

כ׳בין געווען אויסגעהונגערט און אָפּגעמאָגערט, געווויגן נישט קיין גאַנצע פערציק קילאָ. כ׳האָב קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס און מורא געהאַט צו עסן צו דער זעט. נאָך דעם ווי איך האָב זיך אַרומגעוואַשן האָט דער קוכער מיר געגעבן דאָס עסן און געוואָרנט: „איר זענט אַ יידישע, אַנטלויפט פון דאַנען וואָס גיכער!"

איך האָב ווידער גענומען שפּילן די ראָל פון אַ באַליידיקטער, הלמאַי ער טשעפּעט זיך צו מיר. האָט ער מיך באַרויקט, איבערגעגאַנגען אויף „דו" און געזאָגט: „פאַר מיר דאַרפסטו נישט מאַכן דעם אַנשטעל. איך וואָרן דיך, ס׳געפינען זיך דאָ גענוג אַזעלכע וואָס וועלן דיך מסרן. אויב האָסט אויסגעהאַלטן ביז אַהער, דאַרפסטו איצט אומקומען? אַנטלויף!"

אין אָוונט האָט ער מיך אַרויסגעפירט, געגעבן אַ ביסל שפּייז מיטצונעמען און געוויזן דעם וועג, ווו איך דאַרף גיין אין דער ריכטונג צו פּאָדקאָוואַ־לעשנאַ, ווו עס זענען דאָ אַ סך אַנטלאָפענע פון וואַרשע, און צווישן זיי וועל איך האָבן אַ שאַנס זיך אויסצובאַהאַלטן.

כ׳בין אָנגעקומען קיין פּאָדקאָוואַ־לעשנאַ. עטלעכע קילאָמעטער פון

ווארשע, אַרײַן אין דער קאַטוילישער פּאַראַפּיע. דאָרטן איז באמת געווען אַן אָנגעלויף פון מענטשן, צווישן וועלכע מײַן „אַרישקייט" האָט נישט גע־וועקט קיין ספּעציעלן חשד. אין אַ געוויסן טאָג איז אַהין געקומען אַ נײַער גאַסט, אַ פּאָליאַק, וואָס האָט מיך שטאַרק אָבסערווירט. כ'האָב אַפילו אָנגע־הויבן זיך שרעקן פאַר אים. צום סוף האָט ער מיך אָוועקגערופן אין אַ זײַט און געזאָגט: „כ'בין געקומען אײַך אַרויסנעמען פון דאַנען. איר וועט גיין מיט מיר".

כ'האָב זיך שטאַרק געשראָקן, געטראַכט: נאָר דאָס האָט מיר געפעלט! ווידער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט עפּעס אַ „שמאַלצאָווניק". כ'האָב זיך געוועהרט מיט אַלע אויסגעפּרוּווטע מיטלען. ער איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. צום סוף האָט ער געוווּנען מײַן צוטרוי. דעם אמת געזאָגט, בין איך דעמאָלט געווען אין אַ שטימונג פון רעזיגנאַציע. כ'בין געווען איינזאַם, אַלעמען פאַר־לוירן און שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו קעמפן פאַרן הוילן לעבן. האָב איך מסכים געווען. ערשט דעמאָלט האָט ער מיר געזאָגט זײַן נאָמען. דאָס איז געווען פּאָסניטשעק, אַ מיטאַרבעטער פון „זשעגאָטאַ" וואָס האָט טאַקע געהאַט די אויפגאַבע אַרויסצופירן פון לאַגער אויסבאַהאַלטענע ייִדן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פרײַנד פון ציווינסקין.

ער האָט מיך אָוועקגעפירט קיין וולאָכי און אײַנגעאָרדנט אויפן סמך פון מײַן „אַרישן" דאָקומענט אַלס אירענאַווישניעווסקאַ בײַ אַ געוויסער וולאָדאַרסקאַ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל אויפן שוואַרצן מאַרק. איך בין געווען בײַ איר אַ דינסט.

כ'וויס נישט און ס'איז מיר שווער צו באַשטימען, וועלכער פּעריאָד איז געווען פאַר מיר דער שווערסטער. אָבער יענע קורצע צײַט אין וולאָכי, דווקא שוין נאָענט צום סוף, האָט מיר אויסגעזעצן צו ווערן מײַן סוף. קאָן זײַן, אַז ס'האָט אויף מיר געווירקט די איינזאַמקייט, די זאָרג פאַרן גורל פון די קינדער און פון מאַן. אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען פון דער קעלט האָט מײַן פּנים צוגעפרוירן צום נאָסן פון טרערן קישן, האָב איך געטראַכט, צי ס'איז כּדאַי ווײַטער זיך צו ראַנגלען. כ'האָב פאַרלוירן די ענערגיע, וואָס האָט מיך געהאַלטן במשך פון אַלע שווערע ביז איצטיקע נסיונות.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג. דאָס איז געווען דעם

17טן יאַנואַר 1945. כ׳בין גראַד געשטאַנען בײַ אַ באַליע וועש. מײַן באַלע־באָסטע איז אַרײַן און אויסגערופן: „אירענאַ, מיר זענען באַפרײַט, די סאָוועטן זענען געקומען!״

פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע פּרשה, צו וועלכער מ׳האָט גע־דאַרפט נײַע כּוחות, נײַע ענערגיע. דער איינציקער באַגער איז געווען, גע־פינען מײַן משפּחה. איבער דער פאַרפרוירענער ווײַסל בין איך געלאָפן קיין וואַרשע, געטריבן פון אינסטינקט, אַז איך מוז עמעצן פון זיי געפינען. מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט, אַז ווער ס׳וועט בלײַבן לעבן זאָל קומען צום טויבנשלאַק אינעם הויז, וווּ פיאַנטעק האָט געוווינט. איך בין געקומען די ערשטע. פון טויבנשלאַק איז קיין זכר נישט געבליבן. אויף אַ שטיקל וואַנט פון דער חורבה האָב איך אויפגעקלעפּט אַ צעטל: „רעגינע באַקסער געפינט זיך אין וולאָכי״. דאָס איז געווען דער באַשטימטער סימן.

אויף פּראַגע, בײַ דער טאַרגאָווע־גאַס איז שוין געווען טעטיק אַ ייִדישער קאָמיטעט. דאָרטן האָבן זיך געזאַמלט די רעשטלעך לעבנגעבליבענע, וואָס האָבן געזוכט זייערע נאָענטע. איך בין געווען איינע פון זיי. כ׳האָב זיך אָבער אָלץ געהאַלטן בײַם חרובן טויבנשלאַק. יעדן טאָג בין איך דאָרטן געזעסן און געוואַרט האָפנדיק, אַז אפשר וועט דאָך עמעצער קומען.

זיצנדיק אַזוי איין מאָל אַ פאַרווײַנטע, האָט זיך לעבן מיר פאַרהאַלטן אַ פּאָליאַק, פאַרפירט אַ שמועס און געפרעגט, צי איך וואַרט אויף עמעצן. נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער געפרעגט: „איר זענט אפשר די דאָזיקע רעגינע באַקסער וואָס האָט דאָ אויפגעקלעפּט דאָס צעטל?״

איך בין געוואָרן צעטומלט, נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער אויסגערופן: „אײַער מאַן לעבט, ער געפינט זיך אין וולאָכי, קומט, איך וועל אײַך פירן צו אים״.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכן איבערפאַל פון די שאַנטאַזשיסטן איז מײַן מאַן ווײַטער פאַרבליבן עטלעכע וואָכן אין קעלער. ער האָט נישט געהאַט קיין עסן, איז קראַנק געוואָרן און וואָלט אומגעקומען, ווען נישט אַ צופאַל. טאַקע דער קריסט וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר, האָט זיך פאַר־נומען מיט צוזאַמענקלײַבן דאָס וואָס איז געבליבן אין די אויסגעליידיקטע שטובן צווישן די חורבות פון וואַרשע. צופעליק האָט ער אינעם קעלער

געפונען מײַן מאַן, אַ געשוואָלענעם פון הונגער און קעלט, און האָט אים גענומען צו זיך.

שווער איבערצוגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט בעת דער באַגעג־געניש מיטן מאַן. מײַן גאָט! ווען איך טרעף אים אין גאַס, וואָלט איך אים נישט דערקענט. דאָס איז געווען אַ שאָרבן פון אַ מענטש.

איצט האָבן מיר ערשט גענומען טראַכטן וועגן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. אונדזער דירה אויף פּראַגע איז געווען פאַרנומען דורך אַ פּוילישער משפּחה. אין זעלבן הויז איז געשטאַנען ליידיק אַ דירה, וואָס די דײַטשן האָבן געהאַט פאַרלאָזט. זענען מיר אַרײַן אין איר. די דײַטשן זענען אַנטלאָפן אין גרויס פּאַניק, און מיר האָבן דאָרטן געפונען פון כל־טוב, אַפילו פּראָ־דוקטן. צו ביסלעך זענען מיר געקומען צו זיך. האָבן זיך אויסגעזוכט אַ פּרנסה — געמאַכט פּאַסטע צו שיך. אין יענע טעג איז אַלץ געווען אַ גוט געשעפט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל — זוכן די קינדער.

וואָס שייך דעם מיידעלע סטעפטשע, האָב איך געהאַט דעם אַדרעס פון דער פרוי אויף דער כלאָדנע, צו וועלכער ציווינסקי האָט זי אָפּגעגעבן. קומענדיק אַהין האָב איך דערזען דעם בראַך: פון הויז איז קיין זכר נישט געבליבן. ווו זוכט מען?

אין יענע טעג איז וואַרשע געווען באַקלעפּט מיט צעטלעך פון מענטשן, וואָס האָבן געזוכט זייערע פאַרלוירענע משפּחות, קרובים און פרײַנד. בין איך געגאַנגען איבער די חרובע גאַסן און נישט דורכגעלאָזט קיין איין אַזאַ צעטעלע. אויף איינעם האָב איך טאַקע געפונען דעם נאָמען און אַדרעס פון דער פרוי. ווען איך האָב שוין צו איר געטראָפן, האָט מיך דערוואַרט אַ שווערע אַנטוישונג. זי האָט געזאָגט, אַז בעתן אַנטלויפן פון וואַרשע האָט זי דאָס קינד אָפּגעגעבן צו אַ משפּחה אָן קינדער אין וולאָכי און אָנגעוויזן מיר דעם אַדרעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קריסטין וואָס האָט גע־דאַרפט זײַן די אַדאָפּטיר־מאַמע פון מײַן סטעפטשען, איז אַ פאַרביסענע אַנטיסעמיטקע. ווען כ'האָב געזאָגט, אַז איך בין די מוטער פון קינד און דערצו אַ ייִדישע, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט באַקומען אַ שגעון־אַנפאַל. ניין, זי האָט גאָר נישט אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט וואָס איך וועל צונעמען דאָס קינד. זי האָט בלויז געשריִען: „אַ ייִדישן בענקאַרט האָב איך

געכאָוועט אין מײַן שטוב!" זי איז צוגעפאַלן צום קינד ווי אַ מערדערין, אויסגעטאָן עס כּמעט נאַקעט. מײַן מיידעלע איז געווען איבערגעשראָקן ביז טויט. מיך האָט זי אין ערשטן מאָמענט נישט דערקענט און נעבעך נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט. כ'האָב נישט געהאַט קיין צײַט זי צו באַרויקן. געכאַפּט זי אויף די הענט און אַנטלאָפן.

נאָך דעם האָבן מיר גענומען זוכן אונדזערע צוויי ייִנגעלעך. דאָס יתומים־הויז וווּ מיר האָבן געהאַט אונטערגעוואָרפן דעם קליינעם שלום, איז פאַר דער צײַט עוואַקויִרט געוואָרן. אויף בריוו אין „רויטן קרייץ" האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז די קינדער פון דעם הויז געפינען זיך אין אַ מאָנאַסטיר לעבן קראָקע. בין איך צוזאַמען מיט זיגמונט פּיאַנטעק, וואָס האָט זיך אין דער צווישנצײַט אָפּגעפונען, געפאָרן אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. ס'האָט אונדז אויפגענומען אַ מאָנאַשקע. לויט די סימנים וואָס איך האָב אָנגעגעבן, האָט זי מיך צוגעפירט צו אַ ייִנגעלע און געזאָגט: „דאָס איז אײַער קינד".

ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. כ'האָב דערזען אַן אָפּגע־שטאַנען קינד, מיט אַ גרויסן קאָפּ, אַ גרויסן בויך. ער איז דעמאָלט אַלט געווען דרײַ יאָר און נאָך נישט גערעדט. זיגמונט האָט געעצהט: „לאָז אים איבער, זעסט דאָך, נישטאָ וואָס צו נעמען"...

ווען דאָס וואָלט נישט געווען דער מענטש, וואָס האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן צו ראַטעווען מיך מיט מײַנע קינדער, וואָלט איך אים צעפּאַטשט. איך האָב זיך באַהערשט און אויסגערופן: „ס'איז מײַן קינד און כ'וועל אים נישט פאַרלאָזן!"

אַ סך צײַט און ענערגיע האָב איך אָפּגעגעבן מײַן שלומען. אין אַ יאָר אַרום איז ער געווען אַ נאָרמאַל קינד.

גאָר שווער איז געווען צו געפינען משהלען. לאַנג האָבן מיר נישט געקאָנט אויפזוכן די קריסטין, צו וועלכער מיר האָבן אים אָפּגעגעבן. זי איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער באַ־פרײַונג. ווען איך האָב זי סוף־כּל־סוף געפונען, האָט זי גענומען ציטערן פאַר שרעק. זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איך וועל בלײַבן לעבן, און מײַן באַוויַיזן זיך האָט זי אין גאַנצן אַרויסגעבראַכט פון גלײַכגעוויכט.

זי האָט געוויינט, געקניט, געבעטן און געצלמט זיך: „טוט מיט מיר וואָס אירווילט. כ׳בין נישט שולדיק. דאָס איז געווען אַ מינוט פון פחד"... זי האָט דערציילט, אַז ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די באָמבאַרדירונגען און מ׳האָט בסדר געמוזט לויפן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס, האָט זי מורא געהאַט די שכנים זאָלן נישט באַמערקן, אַז משהלע איז אַ ייִדיש קינד. ער איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר, אַ גאַנצער מענטש. האָט זי אים געגעבן אַ ביסל סוכאַרעס און אַרויסגעשיקט אין גאַס... זי האָט אים אויסגעלערנט זיך צלמען, אָנגעזאָגט ער זאָל געדענקען, אַז ער איז אַ קריסטלעך קינד. האָט פאַרלוירן די עלטערן בעת אַ באָמבאַרדירונג...

וואָס האָב איך איר, דער גויע, געקאָנט טאָן? עטלעכע טעג האָב איך זיך געריבעט אין די חורבות פון הויז ווו זי האָט געוווינט, געמיינט אַז כ׳וועל געפונען כאָטש דאָס קערפּערל, אַ שפּור פון מײַן קינד. כ׳האָב אָן אויפהער געשריבן צום „רויטן קרייץ", געגעבן אַנאָנסן אין צײַטונגען, באַשטימט אַפילו אַ פּרעמיע פון צוואַנציק טויזנט זלאָטעס פאַרן ברענגען אַ ידיעה וועגן גורל פון קינד. מײַן מאַן האָט געזוכט מיך צו באַרויקן, געוואָלט מיך פירן צו אַ פּסיכיאַטער... אָבער אַ מאַמעס האַרץ לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן. כ׳האָב נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין ספק, אַז דאָס קינד לעבט און כ׳וועל עס געפינען.

אין אַ געוויסן טאָג איז אַרײַן צו אונדז אַ קריסטין. אויך זי האָט געזוכט אירס אַ קינד, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען בעת דער מלחמה. זי איז געפאָרן איבערן לאַנד, אויסגעווען אין אַלע מעגלעכע קינדער־אַנשטאַלטן. אין איינעם פון זיי, אין יתומים־הויז פון אַ מאָנאַסטיר אין קאַכאַנאָוו, בײַ קראָקע, האָט זי אויף דער רשימה פון די קינדער באַמערקט דעם נאָמען מיעטשיסלאָוו ווישניעווסקי. און דאָס איז געווען דער נאָמען פון משהלען אויף זײַן קאַטוילישער מעטריקע... זי האָט געטראָפן צו מיר אויפן סמך פון אַנאָנס אין צײַטונג.

כ׳האָב די קריסטין שוין נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, געדונגען אַן אויטאָ און דעם זעלבן טאָג זענען מיר געווען אין קאַכאַנאָוו. דער גלח וואָס האָט אונדז אויפגענומען, האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דאָס איז אַ טעות, היות ס׳איז אויסער יעדן ספק, אַז דער דאָזיקער מיעטשיסלאָוו ווישניעווסקי איז אַ קריסטלעך קינד. איך האָב גענומען אויספרעגן די קינדער. זיי האָבן

דערציילט, אַז דאָ איז געווען נאָך אַ ייִנגל מיטן זעלבן נאָמען, נאָר מ׳האָט אים שוין פון לאַנג צוגענומען. כ׳האָב נישט געקאָנט אָוועק מיט גאָרנישט. בין געשטאַנען און אָבסערווירט די קינדער. פּלוצעם האָב איך צווישן זיי באַמערקט אַ ייִנגעלע, און ס׳האָט מיר געגעבן אַ טיאָכקע דאָס האַרץ. כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס איז ער. בין איך צוגעפאַלן צו אים. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון מײַנע הענט און אַנטלאָפן. איך בין אָבער נישט אָפּגעטראָטן, גענומען שרײַען: „דאָס איז מײַן קינד!״ דער גלח האָט מיך געהייסן אויפהערן. כ׳האָב אָבער געפאָדערט, ער זאָל קאָנטראָלירן, צי דאָס קינד איז געמַלט. נישט וואַרטנדיק אויף זײַן רעאַקציע בין איך ווידער צו צום קינד, גערופן אים בײַם נאָמען משהלע, געגעבן פאַרשיידענע סימנים. פּלוצעם האָט דאָס ייִנגל גענומען וויינען, איז צוגעפאַלן צו מיר, זיך צוגעטוליעט, גענומען זיך צלמען. דער גלח איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געוווּסט, אַז דאָס קינד איז געמַלט. און געווען איז עס אַזוי:

ווען די קריסטין האָט משהלען אַרויסגעטריבן אין גאַס, האָט עמעצער פון די פאַרבײַגייער זיך מרחם געווען אויף אים און אָוועקגעפירט אין דער קינדערהיים אויף שענגע־גאַס אין וואַרשע. שפּעטער זענען די קינדער עוואַקויִרט געוואָרן אין אַ מאָנאַסטיר אין קראָקע. אין יאָר 1944 איז אַהין געקומען אַ קינדערלאָזע פּאָרפּאָלק פון וויעליטשקע בכדי צו אַדאָפּטירן צוויי קינדער. גראָד זענען זיי געפעלן געוואָרן צוויי ייִנגלעך, ביידע דווקא ייִדישע. איינער פון זיי איז געווען מײַן משהלע. די קינדער האָבן דעמאָלט נאָך משמעות געדענקט, ווער זיי זענען און אַז זיי דאַרפן זיך היטן. דאָס צווייטע קינד האָט געבעטן משהלען זיך צו באָדן צוזאַמען, ווײַל ער שעמט זיך פאַר דער נײַער מאַמע. אין די ערשטע טעג האָט די אַדאָפּטיר־מוטער דאָס אָנגענומען פאַר נאָרמאַל און געטראַכט, אַז די קינדער וועלן זיך צוגעוווינען צו איר און אויפהערן זיך שעמען. קינדער אין דעם עלטער קאָנען דאָך אָבער נאָך נישט וואַשן זיך אַליין. די נײַע מאַמע האָט צו איר איבערראַשונג דערזען, אַז ביידע זענען געמַלט. ס׳איז איר באַפאַלן אַ פּחד, און גלײַך צוריקגעבראַכט די קינדער אין מאָנאַסטיר מיט דער טענה, הלמאַי מ׳האָט זי אָפּגענאַרט — געגעבן ייִדישע קינדער און איר נישט געזאָגט.

די מאַנאַסטיר־מוטער וואָס האָט אויפגענומען די קינדער, האָט נישט ווייניקער מורא געהאַט ווי די ביז היסטעריע איבערגעשראָקענע פרוי, וואָס האָט זיי צוריקגעבראַכט. די דאָזיקע מאַנאַשקע האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן גלח פון קאָכאַנאָוו און זיי האָבן באַשלאָסן וואָס גיכער אַריבערצוברענגען די קינדער קיין קאָכאַנאָוו. דאָס איז קענטיק געווען דער זעלבער גלח, וואָס האָט אַזוי פאַרזיכערט, אַז משהלע איז נישט קיין ייִדיש קינד...

משהלע האָט אַ לענגערע צײַט נישט געלאָזט אַראָפּנעמען דעם צלם פון זײַן האַלדז. ער האָט זיך נישט צעשיידט מיטן בילדל פון דער הייליקער מאַריע און יעדן טאָג פלעגט ער קניִען, צלמען און מאַדליען זיך. ער האָט געזאָגט, אַז דער צלם האָט אים געראַטעוועט און ער וועט קיין מאָל אים נישט אַראָפּנעמען פון זיך. ער האָט געוואָלט, אַז מיר אַלע זאָלן ווערן פרומע קאַטאָליקן, גיין אין קאָשטשאָל.

מײַן מאַן האָט דאָס אַרויסגעבראַכט פון גלײַכגעוויכט. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף און צונעמען בײַ אים דעם צלם. איך האָב אים באַרויִקט. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דאָס קאָן ברענגען צו אַ נײַעם שאָק בײַם קינד. ס׳האָט געדויערט אַ לענגערע צײַט ביז משהלע האָט זיך באַפרײַט פון דער קאַטוילישער השפעה.

*

רעגינע איז ווידער געוואָרן אַ גליקלעכע מוטער. צו ביסלעך האָבן זיך פאַרהיילט די וווּנדן, אויף וויפל די דאָזיקע ווונדן קאָנען בכלל זיך פאַרהיילן. זי האָט געבוירן נאָך צוויי קינדער. און דעמאָלט איז געשען אין איר לעבן אַ נײַע און שווערע טראַגעדיע. אין 1948, אויפן וועג קיין לאָדזש האָט איר מאַן, שמואל קעניגסווײַן, באַקומען אין דער באַן אַ האַרצשלאַק און געשטאָרבן.

אין 1957 איז רעגינע עולה געווען קיין ישראל, אַן אַלמנה מיט פינף קינדער. זי האָט זיך באַזעצט אין עכּו, ווו זי לעבט עד־היום. דאָ האָט זי חתונה געהאַט מיט שלום צאָודער. אויסגעגעבן אַלע קינדער אין פריידן. זי איז אַ באָבע פון פערצן אייניקלעך. איר בכור, משהלע, איז אַ סגן־אַלוף אין רעזערוו, נאָך דרײַ און צוואַנציק יאָר דינסט אין צה״ל.

וואַרשע—עכּו, 1967—1980

אין די טעג פון שווערע נסיונות

אינזשעניר פעליקס ציווינסקי האָב איך באַקענט אין וואַרשע, אָנהייב 1967. געווען איז דאָס גראָד אין די טעג בעת ער האָט זיך געהאַט אומגע־קערט פון אַ באַזוך אין ישראל, וווהין ער איז פאַרבעטן געוואָרן דורך די וואָס האָבן נישט פאַרגעסן, אַז אין די טעג ווען פון יעדן ווינקל האָט גע־לויערט אויף ייִדן שינאה און אומקום, האָט ער אויסגעשטרעקט זיי אַ ברי־דערלעכע האַנט. ער איז געווען באַגייַסטערט פונעם לאַנד, באַגייַסטערט פונעם קבלת־פּנים וואָס לכּבוד אים האָבן אייַנגעאָרדנט די וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט, די פעדעראַציע פון פּוילישע ייִדן, דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס. בעת אַט דעם קבלת־פּנים איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דער מעדאַל פאַר חסידי אומות העולם פון יד ושם. טיף איבערגעלעבט האָט ער די באַגעגענישן מיט זייַן „משפּחה", ווי ער באַצייכנט די מענטשן מיט וועלכע ער האָט מיטגעמאַכט „קאַלטס און וואַרעמס".

דעמאָלט, אין וואַרשע, האָט ער מיר געוויזן אַ פּעקל ישׂראלדיקע צייַ־טונגען מיט באַשרייַבונגען פון די רירנדיקע באַגעגענישן און זייַנע מעשׂים, צו וועלכע נאָר יחידים האָבן זיך דערהויבן אין דער פינצטערער נאַכט, ווען עס האָט געבושעוועט די ברוינע בעסטיע. פעליקס ציווינסקי האָט דער־בייַ געזאָגט: „ייִדן האָבן וויַזט אויס אַ טבע איבערצוטרייַבן. וואָס האָב איך אַזוינס געטאָן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַרום מיר אַזאַ „צימעס"?

באַקענענדיק זיך מיט אים נעענטער האָב איך זיך איבערצייַגט, אַז דאָס איז נישט קיין אָנשטעל פון באַשיידנקייט. ווען ער האָט באַמערקט מייַן יראת־הכּבוד לגבי אים, האָט ער זיך באַוואָרנט, כ'זאָל נאָר נישט שרייַבן וועגן אים ווי וועגן אַ פילאָסעמיט. פילאָסעמיטיזם איז, לויט זייַן מיינונג, די צווייטע זייַט פון דער מטבע — אַנטיסעמיטיזם.

וואָס אויב אַזוי האָט אים פאַרט באַוויגן אייַנצושטעלן נישט נאָר זייַן לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון זייַן פרוי און איינציק קינד, פון זייַן שוועסטער

און אַפּילו פֿון זײַנע אַלטע טאַטע־מאַמע, כּדי צו ראַטעווען פֿון נאַצישן מולך זעקס און צוואַנציק לעבנס — ייִדישע פֿרויען, מענער און קינדער, פֿאַרקויפֿן אַ ירושה הויז פֿון זײַן פֿרוי, אָן איר וויסן, אויף צו דעקן הוצאות פֿון אויס־האַלטן אויסבאַהאַלטענע ייִדן?

די שטויסקראַפֿט צו דעם אַלעם איז משמעות געווען זײַן נאָנקאָנפֿאָר־מיסטישער כאַראַקטער. דער כאַראַקטער וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זײַענדיק אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן אַן אָפֿיציר אין מיליטערישן לופֿטפֿלאָט, ווו ס׳האָט זיך קאָנצענטרירט די עליטע פֿון פּוילישן מיליטער, האָט ער מיט־געאַרבעט מיט דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פֿאַר וואָס ס׳האָט אים געדראָט, אין בעסטן פֿאַל, לאַנגע יאָרן תּפֿיסה אויב נישט — טויטשטראָף. און אַ סך שפּעטער, בעת דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע אין פּוילן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען דער דעמאָלטיקער מנהיג פֿון דער פּאַרטיי, דער פֿאַקטישער באַלעבאָס פֿון פּוילן, וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, האָט באַ־צייכנט די ייִדן אין לאַנד ווי די „פֿינפֿטע קאָלומנע”, איז אינזשעניר צי־ווינסקי אַרויסגעטראָטן פֿון דער פּאַרטיי, דערקלערנדיק, אַז ער וויל נישט מיטמאַכן דעם אַנטיסעמיטישן שדים־טאַנץ. דאָס איז נישט די אידעע, פֿאַר וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זײַנע בעסטע יאָרן. אַזאַ דעמאָנסטראַטיווער אַקט איז געווען פֿאַרבונדן מיט פֿאַרלירן נישט נאָר די געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע, נײַערט אויך די עקאָנאָמישע עקסיסטענץ. פּונקט ווי אין דער צײַט פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז ער אויך אין יענע טעג געווען פֿון די געציילטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט אויף אַזאַ שריט.

איך בין זיך מודה, אַז פֿון די אַכצן רעפּאָרטאַזשן אין דאָזיקן בוך איז מיר אַמשווערסטן אָנגעקומען צו באַשרײַבן דאָס געשטאַלט פֿון פֿעליקס ציווינסקי. איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז דערויף איז נייטיק אַ גאַנץ בוך. דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו פֿאַרענדיקן מײַן דאָזיקע זאַמלונג רעפּאָר־טאַזשן מיט אַ קורצער סקיצע פֿון דעם אויסערגעוויינטלעכן מענטש. (אַגב, אויך אין פֿריִערדיקן רעפּאָרטאַזש ווערט דערציילט וועגן זײַן מסירת־נפֿש בײַם ראַטעווען ייִדן.)

אין אונטערשייד צו אַנדערע פּאָליאַקן פֿון צווישן די וואָס האָבן אין יענע שווערע טעג געהאַט דעם כּוח און מוט צו העלפֿן ייִדן, האָט ציווינסקי

נישט אידעאַליזירט די מענטשן וועלכע ער האָט געהאָלפן. פאַרקערט, אָפט האָט ער געהאַט צו זיי טענות, אַז שווער איז צו פאַרשטיין זייער אויפפיר וואָס האָט צו מאָל געבראַכט צו גאָר געפערלעכע סיטואַציעס.

אַזוי איז געשען נאָך דעם ווי ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע אַ יידישע משפחה פון זיבן מענטשן פון סטאַטשקאָוו-לוקאָווסקי, ממש פאַרן שיקן זיי קיין טרעבלינקע. באַלד נאָך זייער קומען זענען כמעט אַלע שווער קראַנק געוואָרן, געהאַט הויכע טעמפּעראַטור. גאָר שווער איז געווען דער מצב פון יעקב פינקלשטיין און זײַן פרוי חנה. זיי האָבן געהאַט פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ס'איז פלעקטיפוס. זיי זענען קענטיק שוין געווען אָנגעשטעקט פון פריִער, זײַענדיק אין איבערגאַנג-לאַגער אין כיזשיני. צום גליק האָט ציווינסקי געהאַט אַ פרײַנד, דאָקטער מאַצקאַלאַ, וואָס איז געקומען זיי היילן, געבראַכט די נייטיקע מעדיקאַמענטן. ס'האָט נישט געהאָלפן זײַן מי, חנה פינקלשטיין איז געשטאָרבן. איר פאָטער, יצחק רובינשטיין, אַ רעליגיעזער ייִד, האָט געפאָדערט פון ציווינסקין אַן ערנוואָרט, אַז ער וועט אַלץ טאָן מען זאָל זײַן טאָכטער מקבר זײַן אויפן יידישן בית-עלמין און לויטן ייִדישן דין. אין קעגנפאַל, האָט ער געדראָט, וועט ער עס טאָן אַליין, אַפילו פאַרן פרײַז פון אייגענעם לעבן.

דערציילט פעליקס ציווינסקי:

— כ'האָב געבראַכט אַ זאַק. דער פאָטער וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, איז געווען דער איינציקער וואָס האָט מיר געקאָנט העלפן, ווײַל דער מאַן פון דער געשטאָרבענער, יעקב פינקלשטיין, איז געלעגן אָן באַוווסטזײַן. ווי האָט מען געקאָנט די געשטאָרבענע, אַ הויכע פרוי, אַרײַנ-פּאַקן אין זאַק? דער פאָטער, באַגאָסן מיט טרערן, האָט מיר געהאָלפן. ער האָט אָנגעשריבן אַ צעטל מיטן נאָמען פון מת און אַ בקשה זי קובר זײַן לויטן ייִדישן דין און אויפגעהאַנגען דעם צעטל אויפן האַלדז פון דער טויטער טאָכטער. איך האָב געבעטן הילף בײַ מײַנעם אַ חבר, באָלעסלאַוו הײַדור-קעוויטש, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם אויטאָ. ווען ס'איז געוואָרן טונקל זענען מיר צוגעפאָרן צום גענשער בית-עלמין און דורך אַ לאָך, נישט ווײַט פון אַרײַנגאַנג, וואָס איך האָב פריִער אויסגעפונען, האָבן מיר אַרײַנגעשטופּט דעם זאַק מיטן טויטן קערפּער און אַנטלאָפן.

ווען ציווינסקי דערציילט די דאָזיקע גרוילפּולע געשיכטע, באַמערק איך אַ טיפֿע ענדערונג אויף זײַן פּנים. דער דאָזיקער פֿאַרהאַרטעוועטער מענטש וואָס איז געזען אַ פּילאָט אויפֿן פֿראָנט, אַן אָפֿיציר אין וואַרשעווער אויפֿשטאַנד, האָט נישט איין מאָל געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן, דער דאָזיקער מענטש קאָן איצט נישט באַהערשן די טרערן. שטיקנדיק זיך מיט זיי רעדט ער זיך אַראָפּ פֿון האַרצן:

— יענער אָוונט, ווען כ'האָב זיך געאײַלט איבער די טרעפּ מיטן טויטן קערפּער אויף די פּלייצעס, פֿאַרפֿאָלגט מיך ביזן הײַנטיקן טאָג. געטריבן האָט מיך די מורא, אַז קיינער פֿון די שכנים זאָל גראָד איצט נישט עפֿענען אַ טיר און מיך באַמערקן. איך און הײַדוקעוויטש האָבן געהאָט מיט זיך רעוואָלווערן פֿאַרן פֿאַל, טאָמער פֿאַרהאַלטן אונדז דײַטשן. זיי האָבן אָפֿט קאָנטראָלירט וואָס מ'פֿירט אין די אויטאָס. מיר האָבן ריזיקירט נישט נאָר מיט אונדזער אייגן לעבן, נאָר אויך מיטן לעבן פֿון דער דאָזיקער משפּחה און פֿון אַנדערע ייִדן, וואָס וואָלטן דאָך אומגעקומען, ווען מיר פֿאַלן אַרײַן. אַזוי צו ריזיקירן, כּדי קובר זײַן אַ מת לויטן רעליגיעזן דין... כ'האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז איך וועל, אָדער כ'בין שוין אַראָפּ פֿון זינען. פֿון בית־עלמין זענען מיר אָוועק און געשיכּורט אַ גאַנצע נאַכט...

מײַנט נישט, אַז ס'איז געווען לײַכט מיט די ייִדן. נישט איין מאָל האָב איך געהאָט פֿון זיי אַזעלכע צרות, וואָס האָבן מיך אַרויסגעבראַכט פֿון גלײַכגעוויכט. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָב איך זיי כּסדר געוואָרנט, זיי זאָלן נישט אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער. אָבער ווי קאָן מען צווינגען מענטשן זיך צו באַפֿרײַען פֿון מענטשלעכן אינסטינקט — כאַפּן כאָטש אַ בליק אויף דער דרויסנדיקער וועלט, בפֿרט נאָך ווען זיי זענען געווען אין אַ הויז בשכנות פֿון געטאָ. איך ווייס נישט וועמען פֿון זיי האָט זיך פֿאַרגלוסט צו כאַפּן אַ בליק דורכן פֿענצטער. און דאָס האָט באַמערקט אַ קומען־קערער, וואָס איז גראָד געשטאַנען אַנטקעגן אויף אַ דאַך. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר און געפֿאָדערט אַ גרויסע סומע אויסקויפֿגעלט. ער האָט באַשטימט אַ טערמין, ווען ער וועט קומען און געוואָרנט, אַז דאָס געלט דאַרף זײַן גרייט.

וואָס דעמאָלט איז געשען, האָט מיר דערציילט מיט יאָרן שפּעטער

יעקב פֿינקעלשטיין, איינער פֿון די אויסבאַהאַלטענע בײַ ציווינסקין, הײַנט אַ תּושב פֿון תּל־אָבֿיבֿ.

יעקב פֿינקלשטיין איז אַ רעליגיעזער ייִד. ווען ער געמט שילדערן זײַנע איבערלעבענישן פֿון דעם מאָמענט ווי ציווינסקי האָט אים און זײַן משפּחה, ווינטער 1942, אַרויסגעפֿירט פֿון איבערגאַנג־לאַגער אין כיזשין, פֿון וואַנען מ׳האָט זיי געזאָלט שיקן קיין טרעבלינקע, ביז זיי האָבן זיך צעשיידט אין אויגוסט 1944, רײַסט ער עטלעכע מאָל איבער, זאָגנדיק: „ווען איר וועט הערן דאָס, וואָס כ׳וועל איצט דערציילן, וועט איר אָנטאָן אַ קאַפּל אויפֿן קאָפּ"... אַ ביסל שפּעטער רופֿט ער ווידער אויס: „נאָך דעם וואָס כ׳וועל אײַך איצט זאָגן, וועט איר שוין אַוודאי אָנטאָן אַ שטרײַמל"... פֿון די אומ־צייליקע נסיונות, וואָס קאָנען באמת פֿאַררעכנט ווערן צו דער ספֿערע פֿון נסים, לאָמיר זיך באַנוגענען מיט דער געשיכטע וועגן שאַנטאַזשיסט, דעם קוימען־קערער.

ווײַטער בלײַבן אין דער דירה האָבן זיי נישט געקאָנט. ס׳איז געווען זיכער, אַז אויך די שכנים האָבן געהערט דעם שאַנטאַזשיסטס דראָונגען. ציווינסקי איז געפֿאַלן אויף אַ המצאה: אַרויספֿירן צײַטווײַליק די ייִדן און פֿאַר דער צײַט מאַכן אַ רעמאָנט. דער שאַנטאַזשיסט וועט נישט האָבן צו וועמען זיך צו טשעפּען און די שכנים וועלן זען, אַז אויסער דעם יונגערמאַן מיט די גוטע מאַניערן, ציווינסקי, וווינט דאָרטן קיינער נישט.

זיי האָבן געמוזט האַנדלען אָפּעראַטיוו. ס׳האָבן זיך גראָד געפֿונען צוויי פֿרויען, וואָס האָבן געוואָלט פֿאַרדינגען אַ טייל פֿון זייער גרויסער וווינונג. באַלד ווי די ייִדן האָבן זיך אַרײַנגעקליבן, איז בײַ נאַכט געקומען אַ פֿאַרשוין אין באַגלייטונג פֿון איינעם אין אַ מונדיר פֿון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דירה האָט געדינט ווי אַ פּאַסטקע, און ווער ווייסט וויפֿל ייִדן זענען דאָרטן אַרײַנגעפֿאַלן. די ייִדן האָבן געהאַט בײַ זיך אַ ביסל צירונג. די שאַנטאַזשיסטן האָבן עס צוגענומען און געפֿאָדערט נאָך פֿינף און צוואַנציק טויזנט זלאָטעס. נאָך אַ דינגעניש האָבן זיי מסכּים געווען אַרויסצולאָזן אורשולען, יעקב פֿינקלשטיינס שוועגערין, זי זאָל באַזאָרגן דאָס געלט. די איבעריקע האָבן זיי פֿאַרהאַלטן ביז זי וועט ברענגען די געפֿאָדערטע סומע.

אַנשטאָט אורשולען איז געקומען ציווינסקי אין באַגלייטונג פון הערשל רובינשטיין, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרלאָזט וואַנצעס, געטראָגן היכע שטיוול און אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק. אַריַינקומענדיק האָט ציווינסקי אַרויס־געצויגן אַ רעוואָלווער, באַפוילן אַלעמען אויפהייבן די הענט און געהייסן הערשלען אַרויספירן די ייִדן. די שאַנטאַזשיסטן האָט ער געוואָרנט: „אויב עמעצער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, וועט מען איַיך אָוועקלייגן!"

יעקב פינקלשטיין דערמאָנט:

— מיר זענען אַרויס מיט הערשלען. אין דרויסן האָט געוואַרט אַ דראָזשקע. מיר זענען געפאָרן אויף טשאַסנע־גאַס, אַריין אין אַ טאַפּעצירער־וואַרשטאַט פון פעליקס ציווינסקיס אַ חבר, אַנטאָני פּאַלני. ער האָט אונדז באַהאַלטן אין אַ קעלער ווו ס'איז געווען נאַס און ענג. אַ לענגערע צײַט וואָלטן מיר דאָ נישט אויסגעהאַלטן. ס'איז אָבער נייטיק געווען אויסצווואַרטן אַ ביסל. נאָכן פאַרענדיקן דעם „רעמאָנט" זענען מיר צוריק אַריַין אין דער דירה אויף סאַפּיעזשינסקי־גאַס. און דאָ זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן ביז אויגוסט 1944, ווען ציווינסקי האָט אונדז אַרויסגעפירט צום אויפשטאַנד אין וואַרשע.

וואַרשע—תל־אָביב, 1967—1980